STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10149

KIND UN DERVAKSENER

Israel Rubin Rivkai

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל רובין

קינד און דערוואַקסענער

(פּסיכאָלאָגישע שטודיע)

1 9 2 5

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

I. Rubin. „Dziecko i dorosły“.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“ B. Kleckina.

דעם אָנדענק
פֿון מײַנע טראַגיש־פֿאַרשטאָרבענע עלטערן
געווידמעט.

ערשטער קאַפּיטל:

אַריינפיר.

ראשי־פּרקים:

1) פאַרשיידענע ארטן פון פאַראַלעלן. ז. 4 — 2) קינד און דערוואַקסענער אַלס אַבסאָלוטע אַנטיטעזן. ז. 5 — 3) די סיבות פון דער פאַראַלגעמיינערנדיקער באַציונג צו קינד און דערוואַקסענעם. ז. 6 — 4) דערציונגס־סיסטעמען אַלס אַרכיטעקטאָנישע גאַנצע, גלייכע און אומגעקערטע פּיראַמידע. ז. 10 — 5) פאַרהעלטניס פון קינד צום דערוואַקסענעם לויט דערפאַרונג. ז. 14 — 6) געמיט אין באַוואוסטזיין ביים קינד און דערוואַקסענעם. ז. 17 — 7) צום מהות פון דערציונג: צי דערהויבט די דערציונג אָדער דערנידעריקט. ז. 21 — 8) פאַרשיידענע פאָרמולירונגען פון דערציונגס־ציל און דאָס אַלגעמיינע אין זיי: באַגרענצונג פון פרייהייט. ז. 27 — 9) קינדהייט אַלס גן־עדן פון אַבסאָלוטער פרייהייט. ז. 28 — 10) סקאַלע פון קינדהייטס־דויער. ז. 32 — 11) וועגן אורבני פון קינדס נשמה: נאַטיוויזם און עמפּיריזם. ז. 35 — 12) די ביאָגענעטישע טעאָריע אין קינדס אַנטוויקלונג. ז. 38 — 13) פּובערטעטס־עלטער, קלאַסיפיקאַציעס פון קינדער־עלטער. ז. 41 — 14) פאַרוואָס איז אַזוי שווער אויסצוגעפינען און גענוי צו באַשטימען דאָס קינדישע אין קינד? באַאָבאַכטונג און זעלבסט־באַאָבאַכטונג. ז. 43.

דער צוועק פון דער פאָלגענדיקער אונטערזוכונג איז, ווי ס'ווייזט שוין דאָס קעפּל, פעסטצושטעלן די קעגנזייטיקע באַציונג צווישן קינד און דערוואַקסענעם. ס'שטייט אונז, אַלזאָ, פאָר דורכצופירן אַ פּאַראַלעל צווישן צוויי אָביעקטן. ניט אַלע פאַראַלעלן אָבער זיינען גלייך לויט זייער היקף און אינהאַלט, לויט זייער קוואַנטיטאַטיווער און קוואַליטאַטיווער מהות. פאַראַן אָביעקטן, וועלכע טיילן זיך אָפּ איינע פון די אַנדערע בלויז אויף אַ געוויסער באַגרעניצטער שטרעקע און אין אַלעם איבעריקן פאַלן זיי זיך שוין פולשטענדיק צונויף.

אַזעלכע אָביעקטן, וועלכע זיינען אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע נאָר אין אַטייל און אינגאַנצן זיינען זיי פאַרייניקט, צייכנען זיך נאָך אויס דערמיט, וואָס אפילו אין זייער אָפּגעטיילטקייט האָבן זיי צווישן זיך ניט קיין צו גרויסע דיסטאַנץ, וואָס גאַנץ אָפט קרימען זיך אויס אפילו די פּאַראַלעלע ליניעס, וועלכע באַצייכנען די אָפּשיידונגס-דיס־טאַנץ, טרעפן זיך אין נעוויסע פונקטן צונויף און בילדן שאַרפע אָדער טעמפּע ווינקלען. אַ פּאַראַלעל צווישן אַ ז ע ל כ ע אָביעקטן איז ממילא אַ ב אַ ד י נ ג ט ע ר א י ן צ י י ט א ו ן א י ן ר ו י ם, זיינע פעסטשטעלונ־גען זיינען ניט קיין אַבסאָלוטע, און אין אָפּהייניגיקייט פון פאַרהעל־טניסמעסיקייטן קענען זיי אויף די פאַרשיידנסטע אופנים וואַריאירט און געענדערט ווערן. אַ ז ע ל כ ע פּאַראַלעלן ריידן ניט נאָר וועגן אונטערשיידן, נאָר אויך וועגן אידענטיפיקאַציע, ניט נאָר וועגן אָפּ-שיידונגס־דיסטאַנץ, נאָר אויך וועגן געמיינזאַמע באַרירונגס־פונקטן, ניט נאָר וועגן „לא הרי כהרי", נאָר אויך אָפט וועגן אַ „צד השוה".

פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע אָביעקטן, וועלכע טיילן זיך אָפּ איינע פון די אַנדערע אויף זייער ג אַ נ צ ן היקף און דורך אַ ק אָ נ־ס ט אַ נ ט ע ר דיסטאַנץ. אַ פּאַראַלעל צווישן אַ ז ע ל כ ע אָביעקטן איז שוין נישט קיין באַדינגטער, נאָר פליסט אַרויס פון דער עצם נאַטור פון די פּאַראַלעליזירטע אָביעקטן. אין אַזאַ פּאַראַלעל רעדט זיך שוין נישט וועגן אידענטיפיקאַציע, נאָר אויסשליסלעך וועגן אונטערשיידן, שוין נישט וועגן געמיינזאַמע באַרירונגס-פונקטן, נאָר אויסשליסלעך וועגן אָפּשיידונגס-דיסטאַנץ, שוין נישט וועגן „צד השוה", נאָר אויס־שליסלעך וועגן „לא כהרי הרי". אַ פּאַראַלעל צווישן אַזעלכע עקסטרע־מע אָביעקטן איז דער פּאַראַלעל צווישן וויטליגנדיקע פּאָלן, וועלכע קענען זיך נישט צוזאַמענטרעפן, וועלכע קענען נישט האָבן קיין גע־מיינזאַמעס אין צייט און אין רוים.

צו וועלכער קאַטעגאָריע פון אָביעקטן געהערן ק י נ ד א ו ן ד ע ר ו ו אַ ק ס ע נ ע ר? וואָס פאַר אַן אַרט פּאַראַלעל קען צווישן זיי דורכגעפירט ווערן?—

כ'דאַרף לכתחילה פאַרהייבן און גאַנץ דייטלעך, כדי צו פאַר־מיידן פון אַ מעגלעכן טעות:

איך האַלט קינד און דערוואַקסענע פאַר לחלוטין איינע די אַנ־

דערע אויסשליסנדיקע אָביעקטן, איך געפין, אַז צווישן זיי איז מעגלעך נאָר אַ פּאַראַלעל פון צווייטן, עקסטרעמערן מין.

קינד און דערוואַקסענער פיגורירן באַ מיר נישט ווי פּאַראַלעלע טעזן, נאָר ווי בפירושע אַנטיטעזן, איינע די אַנדערע סותרדיקע און אַנולירנדיקע, כּ׳שטעל קינד און דערוואַקסענעם נישט איינעם נעבן דעם אַנדערן, נאָר איינעם קעגן דעם אַנדערן.

און דאָס איז באַזונדערס נייטיק צו אַקצענטירן און צו אונטערשטרייכן, ווייל באַ אונז, אַפילו אין דער וועלט פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק, האָט זיך דאָך אויסגעאַרבעט אַ באַציונג צום קינד און דערוואַקסענעם, ווי צו זייער נאָענטע, צו פאַרוואַנדטע, ווי צו אַ סיאַם-צווילינג. איך האָב די דרייסטקייט צו גלויבן, אַז דידאָזיקע פּאַראַלגעמיינערטע באַציונג נעמט זיך נישט אַזוי פון וויסנשאַפטלעכער באַגרינדעטקייט, ווי פון געשיכטלעך-דערציערישער אינערציע— בפרט, אַז דירעקט מיט דעם קינד האָט זיך די וויסנשאַפט בכלל אָנגעהויבן צו פאַרנעמען ערשט נישט לאַנג, בלויז מיט דער נישט ווייטער אַנטשטייונג פון דער יונגער קינדער-פּסיכאָלאָגיע. די פּאַראַלגעמיינערטע באַציונג צום קינד און דערוואַקסענעם האָט אפשר אַלס איר סיבה דעם באַקאַנטן באַוועג-פאַקטאָר פון „קאַמף פאַר דאַזיין": פאַריינפאַכונג איז אַ גוטער מיטל פאַר מענטשלעכער באַקוועמלעכקייט, דאָס סדום-בעטל פאַר גרויס און קליין, די איין וואָג און איין מאָס פאַרן קינד און דערוואַקסענעם דינט אַלס פאַרענטפערונג פאַר יענער עברהדיקער גלייכגילטיקייט, מיט וועלכע דאָס מענשלעכע דענקען האָט אין משך פון הונדערטער און טויזנטער יאָרן פאַרשוויגן דאָס קינד אַלס אַזעלכן, דידאָזיקע אַלגעמיינע באַציונג צו קינד און דערוואַקסענעם שאַפט אַן איבעריקן מאָל די שיינע—אָבער אין אונזער פּרט גאַנץ שעדלעכע אילוזיע וועגן מאָניזם פון מענטשלעכן מין. וואָרום צו וואָס זאָלן מיר לייקענען? די גאַנצע פּעדאַגאָגיק—די מאָדערנע נישט אויסגעשלאָסן—איז דאָך באַשעפטיקט בלויז מיט דעם, צו פאַרשטעלן, צו פאַרשיטן דעם חלל צווישן קינד און דערוואַקסענעם, צו דערוויזן, אַז דער איינציקער אונטערשייד צווישן זיי ביידע באַגרעניצט זיך נאָר אין קוואַנטיטאַטיווע, לייכט איבערווינדיקע נישט-גלייכהייטן, אָבער כלל וכלל נישט אין קוואַליטאַטיווער נאַטור-אַנדערשקייט.

די פּעדאַגאָגיק האָט אין פֿאַרשיידענע צייטן פֿאַרשיידענע פֿאָר־מולירונגען, די פּעדאַגאָגישע עפּאָכן אין באַצוג צו דער גרונטפֿראַגע וועגן קעגנזייטיקער באַציונג צווישן קינד און דערוואַקסענעם טיילן זיך אָפּ איינע פֿון די אַנדערע בלויז אויסערלעך, מיט דער באַזונ־דערער לעקסיקאָלאָגיע—דער תּוך בלייבט דאָך אָבער דער זעלביקער: קינד און דערוואַקסענער זיינען נאָר באַזונדערע אויסערונגען פֿון איין אינערלעכן אינהאַלט, בלויז שטאַפּלען פֿון איין און דעמזעלביקן לייטער, דער נאָמען פֿון וועלכן ס׳איז: מענטש. ס׳זאָל הייסן: די גאַנצע מענשלעכע אַנטוויקלונג איז תּמיד אַן איינהייטלעכע, אַ פֿאָרויס באַ־שטימטע. פֿאַר איר איז גילטיק אַן איינפֿאַכע סקאַלע מיט גראַדירונ־גען אַ לאַ טערמאָמעטער לויט צעלזיוס אָדער אַן אַנדער סיסטעם. ס׳איז פֿאַראַן אַן אָנהויב אין דער סקאַלע און אַ סוף, די גאַנצע מענטשלע־כע אַנטוויקלונג איז אַ מין קוועקזילבער, וועלכער הויבט זיך אונטערן דרוק פֿון אַ פּאַרטיקער, אויסער אונז שטייענדיקער טרייבקראַפֿט, פֿון אָנהויב צום סוף. אין סוף פֿון דער סקאַלע געפֿינט זיך, נאַטירלעך, דער דערוואַקסענער, אין אָנהויב, אין מיטן, אויף דער גאַנצער שטרעקע וואָס צווישן אָנהויב און סוף פֿון דער סקאַלע געפֿינט זיך דאָס קינד, וועלכעס האָט שטענדיק און אומבאַדינגט די טענדענץ צו הויבן זיך אין דער הויך צום דערוואַקסענעם. אַ קינד, הייסט עס, איז אויך אַ מענטש, אַן ערבֿ מענטש, אַ פּאַטענציעלער דערוואַקסענער, אַ דערוואַקסענער פֿון מאָרגן. און די עבֿודה פֿון דער דערציונג זאָל טאַקע באַשטיין אין דעם, וואָס ראַציאָנעלער צו פֿאַרשנע־לערן די אויפֿהויבונג פֿון קינד צום דערוואַקסענעם, די פֿאַרוואַנדלונג פֿון דעם מאָרגנדיקן דערוואַקסענעם אין אַ היינטיקן דערוואַקסענעם.

די פֿאַרשיידענע דערציערישע טעאָריעס זענען כּמעט אייניק אין זייער קוק אויף קינד און דערוואַקסענעם, אויף זייער אָרגאַנישער נאָענטקייט און פֿאַרוואַנדשאַפֿט צווישן זיי. די מענטשלעכע אַנטוויקלונג ווערט פֿאָרגעשטעלט אַלס אַרכיטעקטאָנישעס גאַנצעס. פֿאַרשיידענע עלטער־שטופֿן אין מענטשלעכן לעבן זיינען נישט מער, ווי באַזונדערע קאָנס־טרואירונגס־פֿאַזן אין דעם געמיינזאַמען בנין. די מענטשלעכע אַנט־וויקלונג זאָל פֿאַרמאָגן די באַקאַנטע טענדענץ פֿון די אוראַלטע פּי־ראַמידן אָדער פֿון די שפּעטערדיקע קירכן־בנינים: דער פֿונדאַמענט

דאַרף זיין ברייט, גרויס, נאָר וואָס ווייטער פון פונדאַמענט מוז ער, דער בנין פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, ווערן אַלס שמעלער, ענגער, פּאַרענדיקטער, מיט אַ שאַרפן שפּיץ אין דער ווייט־קייט אַריין.

לויט דערדאָזיקער אַרכיטעקטאָניק זאָלן עס די ערשטע קינדעריאָרן בילדן דעם ברייטן פונדאַמענט פון און פאַר דער מענטשלעכער אַנט־וויקלונג. וואָס עלטער דאָס קינד איז, אַלץ מער דערנענטערט ער זיך צו דער פולקאָמהייט און פאַרענדיקטקייט פון דער מענטשלעכער אַנט־וויקלונג, צום דערוואַקסענעם. דער דערוואַקסענער פאַרנעמט דעם שאַרפן שפּיץ פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, וועלכער געפינט זיך אויבן, ווייל אַלץ וואָס איז קאָנקרעטיזירט דאַרף שוין נישט אומבאַגרעניצט־גרויס זיין, ווייל פיל זענען די וועגן פון אומזיכערן זוכן, איינאיינציקער איז אָבער דער וועג פון קאָנדענסירטן געפינען.

דאָס קינד זוכט, דער דערוואַקסענער געפינט, האָט געפונען, דאָס קינד איז דער פונדאַמענט, די התחלה פון דער פּיראַמידע, דער דערוואַקסענער איז דער ענדע־שפּיץ, דער סוף פון דער פּיראַמידע.

ווי ס׳איז צו זען פון דעם פאַרגלייך מיט דער פּיראַמידע, דאַרף די ברייטקייט פון פונדאַמענט, וואָס רעפּרעזענטירט דאָס קינד פאַר־שטאַנען ווערן נישט אין פּאָזיציוון, נאָר דוקא אין נעגאַטיוון זין און דער פאַרשאַרפטער שפּיץ, וואָס כאַראַקטעריזירט די ראָל פון דער־וואַקסענעם, פאַרקערט, נישט אין נעגאַטיוון, נאָר אין פּאָזיטיוון זין. די ברייטקייט פון פונדאַמענט איז נישט קיין מעלה, נאָר אַ חסרון, די שאַרפקייט פון שפּיץ נישט קיין חסרון, נאָר אַ מעלה, ווייל דאָ האַנדלט זיך וועגן דער מאָס פון נישט רעאַליזירטע פּאָטענ־ציעלע מעגלעכקייטן: דאָס קינד איז נאָך אינגאַנצן נישט רעאַליזירטע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן (פּראַקטיש גענומען דאָס זעל־ביקע, וואָס אוממעגלעכקייט), נאָר זוכן אָן געפינען, שטרעבן אָן דערגרייכן, און גראָד די ברייטקייט פון זיין פונדאַמענט רעדט וועגן שמאָלקייט פון דערפאַרונג און רעאַליזאַציע, דער דערוואַקסענער, פאַרקערט, ווייס שוין נישט פון פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן, ווייל אַלע אַזעלכע זענען דורך אים רעאַליזירט, ווייל אַלע אַזעלכע האָט ער פאַרוואַנדלט אין פּאַקטישע מעגלעכקייטן און די באַגרענעצטקייט

פון פּיראַמידע־שפּיץ רעדט דוקא וועגן ברייטקייט פון דערפאַרונג, פון רעאַליזאַציע, וועגן איבערווינדונג, וועגן אָפּגעהאַלטענעם נצחון, וועגן דערגרייכונג און פאַרפולקאָמונג.

באמת, אויב שוין האַלטן זיך ביים ביישפּיל מיט דער פּיראַמידע, קען זיין אַ רייד נישט וועגן איינער, נאָר וועגן גאַנצע צוויי פּיראַמידן מיט אַ קעגנזעצלעכן בוי: אַ גלייכע און אַן אומגעקערטע. די גלייכע זאָל אילוסטרירן די פאַרהעלטניס צווישן קינד און דערוואַקסענעם לגבי פּאַטענציעלע מעגלעכקייטן און די אומגעקערטע – לגבי פּאַקטישע מעגלעכקייטן





א. פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן.
ב. פּאַקטישע מעגלעכקייטן.

אין דער פּיראַמידע א, לגבי פּאַטענציעלע מעגלעכקייטן (פּאַקטישע אוממעגלעכקייטן) איז דער פונדאַמענט ABCD דער פּלאַץ פון קינד און דער שפּיץ E – דער דערוואַקסענער. אין דער פּיראַמידע ב דערפאַר, לגבי פּאַקטישע מעגלעכקייטן, פאַרנעמט דעם פונדאַמענט, A, B, C, D, שוין דער דערוואַקסענער, אין דערש פּיץ E, – דאָס קינד.

אַזאַ דערציערישע אַרכיטעקטאָניק וועגן דעם קינד און דערוואַקסענעם, אַלס צוויי טיילן פון איין גאַנצן איז זייער שיין און באַקוועם. זי מאַכט דעם סוד פון אַנטוויקלונג פאַרשטענדלעך און קלאָר, נעמט אַראָפּ דורך איר געשאַפענער פאָרמול,—ווי זי זאָל נישט הייכן אין אירע באַזונדערע דעטאַלן, איז זי דאָך גילטיק פאַר אַלע צייטן

און פֿאַר אַלע מענטשלעכע געמיינשאַפֿטן — די פֿאַרהיילנדיקע רעטזאַל־ווי־קעלעך, אַנטפּלויזט מיט אַ מאַטעמאַטישער גענויאיקייט די סודות־פֿולע פּראָצעסן. זי איז באַקוועם, ווייל זי פֿאַרענטפֿערט אַלע קשיות און דערלאָזט נישט קיינע צווייפֿלען. זי איז באַקוועם, ווי אַלע אַנדערע דאָגמען.

דידאַקטיש לאָזט זיך אַזאַ אַרכיטעקטאָנישע דאָגמע פֿאַרווענדן אין אַ ריי אויספֿירן. אַלס אילוסטראַציע — עטלעכע פֿון זיי:

א) די קינדהייט איז באַזונדערס וויכטיק פֿאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, שוין צוליב דעם, וואָס זי איז דער פֿונדאַמענט, אויף וועלכן ס׳האַלט זיך דער גאַנצער ווייטערדיקער בנין. פֿון פֿונדאַמענט הייבט אָפּ די גאַנצע פּיראַמידע — פֿון קינד הייבט אָפּ דער ווייטערדיקער גורל פֿון מענטשן בכלל, פֿון דערוואַקסענעם, אַנדערש גערעדט: דער דערוואַקסענער באַציט זיך צו זיין קינדהייט, ווי אַ פּועל־יוצא צו אַ סיבה. דאָס פֿאָדערט פֿון אונדז באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט פֿאַר דער קינדהייט.

ב) די פֿריסטע קינדהייט איז אָבער נישט סתּם דער פֿונדאַמענט, נאָר אַ ברייטער פֿונדאַמענט. דאָ באַקומען זייער אַנטפּלעקונג אַ גרויסע צאָל פּאָטענצן. די ברייטקייט פֿון פֿונדאַמענט נעמט זיך אָבער, ווי ס׳איז שוין אויבן געזאָגט, נישט פֿון פּאָזיטיוון, נאָר פֿון נעגאַטיוון, די ברייטקייט באַדייט שמאָלקייט אין קאָנקרעטן, אין דערפֿאַרונג, אין רעאַליזאַציע. וואָס מער דאָס פּאָטענציעלע ווערט אויסגעשיילט פֿון זיין ברייטקייט און צעשוומענקייט און גייט אַריבער אין קאָנדענסירטער, אויפֿגעפּרעסטער קאָנקרעטיזירונג, אַלץ שמעלער ווערט ממילא דער היקף פֿון דעם, וואָס ס׳וואַקסט אַרויס פֿון פֿונדאַמענט, אַלץ באַשטימטער ווערט די דערוואַקסנהייט. די קינדהייט באַשטייט פֿון רויען בוי־מאַטעריאַל, פֿון שטאָפֿן צום אויסוואַל, די דערוואַקסנהייט איז שוין די בויאונג, דער אויסוואַל גופֿא.

ווי ס׳איז צו זען פֿון די צוויי געבראַכטע ביישפּילן, באַשטייט די באַקוועמלעכקייט פֿון דער דערציִעריש אַרכיטעקטאָנישער דאָגמע לגבי דער פֿאַרהעלטניס פֿון קינד צום דערוואַקסענעם אויך אין דעם, וואָס זי קלאַסיפֿיצירט אַלעס אויף יאָ און ניין, אויף פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו (ביישפּיל אַ פּאָזיטיוו לגבי דעם קינד און נעגאַטיוו לגבי

דעם דערוואַקסענעם, ביישפּיל בּ, פאַרקערט, נעגאַטיוו לגבּי דעם קינד און פּאַזיטיוו לגבּי דעם דערוואַקסענעם).

מ׳קען אָבער בשום אופן זיך נישט צופרידן שטעלן מיט דער־דאָזיקער דאָגמע. דער חסרון פון איר איז, ווי פון יעדער דאָגמע בּכלל, איר איינפּאַכקייט, איר צו גרויסע קלאָרקייט, איר דערפירן קאָמפּליצירטע און שווערע פאַקטן צו דער פרימיטיוויטעט פון נח׳ס־תּיבה: תּחתּיים, שניים, שלישיים—יעדער מענטשלעכער עלטער האָט זיך זיין פּלאַץ מיט זיין באַדייטונג.

איך גלויב, אַז מען דאַרף צו דער פראַגע פון קינד און דער־וואַקסענעם אַנדערש צוגיין. מ׳דאַרף זיי נישט קעגנשטעלן איינע די אַנדערע, ווי באַזונדערע טיילן פון איין און דעמזעלביקן גאַנצן, נאָר ווי באַזונדערע זעלבשטענדיקע גאַנצע.

קינד און דערוואַקסענער נישט נעבנאַנאַנדער, נאָר קעגנאַנאַנדער.

דע־בּיי דאַרף באַמערקט ווערן פאָלגנדיקעס:

דאָס שטעלן קינד און דערוואַקסענעם קעגנאַנאַנדער האָט נישט צו טאָן מיט דער באַקאַנטער קינדער־פּסיכאָלאָגישער מחלוקת־פראַגע פון נאַטיוויזם און עמפּיריזם. דידאָזיקע שיטות פאַסן, אמת, אויף גאַנץ פאַרשיידן דעם אויפבּוי פון דעם קינדס נשמה. אין איין פּרט—און דאָס איז דווקא דער פּרט, וואָס אינטערעסירט אונז ביי אונזער קעגנ־שטעלונג פון קינד און דערוואַקסענעם אַממערסטן — זיינען זיי דאָך ביידע איינשטימיק — דאָס איז די ראָל פון דערפאַרונג אין קינדס לעבן.

און דווקא בנוגע דעמדאָזיקן פּרט פון דערפאַרונג זיינען עס קינד און דערוואַקסענער אַבסאָלוטע קעגנזאַצן. קינד איז מינוס דערפאַרונג. דערוואַקסענער, פאַרקערט, איז פּליוס דער־פאַרונג. קינד איז דער טרעגער פון פולשטענדיקער דערפאַ־רונגסלאָזיקייט, דערוואַקסענער איז דער טרעגער פון פולשטענ־דיקער דערפאַרונגסאָנוועזנהייט.

ביידע, סיי די דערפאַרונגסלאָזיקייט פון קינד, סיי די דערפאַ־רונגסאָנוועזנהייט פון דערוואַקסענעם האָבן זייער עפּיטעט, „פולשטענ־דיק" נאָר אין רעלאַטיוון זין, מיט דעם אונטערשייד, וואָס בנוגע דער

דערפאַרונגסלאָזיקייט פון קינד באַשטייט די רעלאַטיוויטעט אין דער נישט דויערהאַפטיקייט פון דער דערפאַרונגסלאָזיקייט און בנוגע דער דערפאַרונגסאָנוועזנהייט פון דערוואַקסענעם – שוין אין איר עצם נישט פולקאָמהייט.

די דערפאַרונגסלאָזיקייט פון קינד איז באמת אַ פולשטענדיקע. זי דויערט אָבער אַלס אַזעלכע נאָר אַ קורצע צייט, אַזאַ קורצע צייט, וואָס מעסט זיך נישט נאָר מיט וואָכן, נאָר אַפילו נישט מיט טעג. אין מענטשנס לעבן איז פאַראַן אַזאַ מאָמענט, ווען ער איז כּלו אָן דערפאַרונג, דאָס איז דער מאָמענט ווען ער קומט ערשט אין דער פרעמדער וועלט אַריין. ס׳איז שווער צו באַשטימען גענוי דעם דויער פון דעמדאָזיקן מאָמענט. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז שוין די ערשטע באַקאָנונג מיט דער פרעמדער וועלט – מעג די דאָזיקע באַקאָנונג זיין אַ ריין פיזיאָלאָגישע, איגסטינקטיווע, רעפלעקטאָרע אָדער ווי זי הייסט דאָרטן אין דער פאַרצווייגטער פּסיכאָפיזיאָלאָגיע פון דער פריסטער קונדהייט, ווערט שוין די וועלט אויס פרעמד און די אַבסאָלוטהייט פון דער דערפאַרונגסלאָזיקייט פאַרשווינדט. אַ מאָמענט פון אַבסאָלוטער דערפאַרונגסלאָזיקייט, ווי קורץ ער זאָל נישט זיין, איז אָבער ביים קינד יאָ פאַראַן און דאָס בילדעט דעם אויסשליסנדיקן קעגנזאַץ פון קינדס פאַרהעלטניס צום דערוואַקסענעם, וועלכער איז כּלו דערפאַרונג, וועלכער איז דער אויסדרוק און דער טרעגער פון דערפאַרונגסאָנוועזנהייט.

די דערפאַרונג פון דערוואַקסענעם איז אמת אויך נישט קיין אַבסאָלוטע. ס׳גיט נישט קיין דערוואַקסענער, וועלכער זאָל וועגן זיך קענען זאָגן: איך האָב אַלץ געזען און אַלץ דערפאַרן. דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ סך נישט אויסגעפּרוווטעס, אַ סך נישט רעאַליזירטע מעגלעכקייטן. דער באַקאַנטער אויסדרוק: „Veni, Vidi, Vici" איז נישט פאַר אַלעמען צוגעגנגלעך און ביי די ווייניקע אַפילו, וועמען ער איז יאָ צוגענגלעך, איז ער נאָך פאַראַן אין אינפּערפעקטום און נישט אין פּערפעקטום, נישט אין אַ סך מאָליקייט.

דער אמת פון דערוואַקסענעמס נישט פאָלקאָמער דערפאַרונגס אָנוועזנהייט באַקומט זיין אויסדרוק, למשל, אין רוסישן פאָלקס-שפּריכ-

וואָרט: „век живи, век учись" — אַ מענטש איז קיינמאָל נישט פּטור פֿון דער נייטיקייט אין נייע דערפֿאַרונגען. דער זעלביקער אמת איז אויך אויסגעדריקט אין מיימאָנידיש־פֿילאָזאָפֿישן אַפֿאָריזם וועגן דער נישט באַגרייפֿלעכקייט פֿון גאָט פֿאַר דעם מענטשן: „תּכלית הידיעה שלא נדעהו". — וואָלט אַ מענטש געווען בכּח אַלץ צו וויסן, אַלץ צו דערפֿאַרן, וואָלט ער דאָך אויס מענטש געווען, וואָלט ער דאָך די מדרגה פֿון גאָט דערגרייכט. און דאָס מענטשלעכע אין דעם מענטש באַשטייט טאַקע אין דעם „שלא נדעהו", אין דער באַגרעניצטקייט פֿון זיין דערפֿאַרונגסאָנווּיזנהייט. וואָלט דער מענטש געהאַט אַ פֿולשטענדיקע דערפֿאַרונג — דער מענטש נישט נאָר אַלס פּרט, נאָר אַפֿילו אַלס קאָלעקטיוו, אַלס געמיינשאַפֿט, אַלס מענטשהייט — וואָלט דאָך ממילא קיין אַנטוויקלונג, קיין געשיכטלעכער פֿאָרשריט נישט מעגלעך געווען, וואָלט דאָך אַלץ שאַבלאָניזירט געוואָרן, וואָלטן אַלץ אַנטשפּראָכן די ווערטער פֿון דעם רב אין גוטשקאָווס „אוריאל אַקאָסטא" — „הכּל היה" — אַלץ איז שוין געווען — און אַלץ וואָלט געווען בלויז אַן איבערחזרונג פֿון פֿריערדיקן.

לגבי דעם קינד אָבער איז דער דערוואַקסענער דער טרעגער פֿון פֿולשטענדיקער דערפֿאַרונג!

באַנוצנדיק אַ מאַטעמאַטישן פֿאַרגלייך:

1 איז נישט אַבסאָלוט לגבי 2, 3, 4... 1 איז אָבער יאָ אַבסאָלוט לגבי 0, 1 איז נישט אַבסאָלוט לגבי 2, 3, 4, ווייל סיי 1, וועלכער ווערט פֿאַרגליכט און סיי 2, 3, 4, מיט וועלכע ס'ווערט פֿאַרגליכט זענען באַצייכנונגען פֿון פּאָזיטיווע קוואַנטומס, וועלכע קענען זיך איינע צו די אַנדערע געפֿינען נאָר אין דער פֿאַרהעלטניס פֿון „מער־ווייניקער", אָבער נישט אין דער פֿאַרהעלטניס פֿון „גאָר־גאָרנישט". 1 איז אָבער אַבסאָלוט לגבי נול, ווייל זיי האָבן כּלל נישט קיין געמיינזאַמע באַדייטונג: 1 איז אַ באַצייכנונג פֿון אַ קוואַנטום און דערביי נאָך אַ פּאָזיטיוון אין דער צייט, ווען נול איז די באַצייכנונג פֿון קוואַנטום־לאָזיקייט. (אין קוואַנטום־לאָזיקייט איז נאָך ווייטער פֿון פּאָזיטיוון, ווי ס'איז פֿון אים אַ נעגאַטיווער קוואַנטום.)

דער פֿאַרגלייך צווישן קינד און דערוואַקסענעם איז דער פֿאַרגלייך צווישן קוואַנטום־לאָזיקייט און פּאָזיטיוון קוואַנטום, צווישן דער-

פּאַרונגסלאָזיקייט און דערפאַרונגסאָנוועזנהייט — אַלץ איינס, צי איז די דערפאַרונג מערער אָדער ווייניקער אין איר צאָל.

ווי ס'איז צו זען פון אויבנגעזאָגטן, זיינען קינד און דערוואַקסענער, אין זייער אַבסאָלוטער קעגנזעצלעכקייט, נישט קיין ווירקלעכע באַגריפן, נאָר סימבאָלן, געהילפס-באַגריפן, אַזעלכע הילפס-באַגריפן אָדער תנאי־באַגריפן זיינען פאַראַן אין יעדער וויסנשאַפט (אַקס פון דער ערד אין געאָגראַפיע, אַקס פון פּלאַנעטן אין אַסטראָנאָמיע א. א. וו.), זיי זיינען אומבאַדינגט נייטיק, ווייל זיי פאַרלייכטערן די אָריענטירונג, זיי ווערן אויך טראַקטירט אין משך פון דער וויסנשאַפטלעכער אונטערזוכונג ווי קאָנקרעטע, ווירקלעכע באַגריפן.

קינד און דערוואַקסענער—אין פּינקטלעכן זין פון די ווערטער—באַצייכענען, אַלזאָ, נישט קיין קאָנקרעטע טרעגער פון דערפאַרונגסלאָזיקייט און דערפאַרונגסאָנוועזנהייט, נאָר די אַבסטראַקטע פאַרהעלטניס צווישן דערפאַרונגסלאָזיקייט און דערפאַרונגסאָנוועזנהייט. מ'קען אַלזאָ מיט מער רעכט ריידן וועגן קינדהייט, ווי וועגן קינד, וועגן דערוואַקסנקייט, ווי וועגן דערוואַקסענעם.

אויפצודעקן די דערמאָנטע פאַרהעלטניס איז אַן אומבאַדינגט־נייטיקע אויפגאַבע, וועלכע האָט און קען האָבן אַ גרויסע פּראַקטישע באַדייטונג פאַר דער דערציונג. און דעריבער מעג טאַקי די פּעדאַגאָגיק, וועלכע שטעלט זיך בעיקר פּראַקטיש-קאָנקרעטע צילן זיך פאַרנעמען מיט דער אַבסטראַקטער פראַגע וועגן דער פאַרהעלטניס צווישן קינד און דערוואַקסענעם.

אין וואָס ס'דריקט זיך אויס קאָנקרעט די דאָזיקע פאַרשיידענע פאַרהעלטניס — דאָס איז די וויכטיקסטע און קאָמפּליצירטסטע פראַגע, מיט איר וועל איך זיך פּרווון צו פאַרנעמען ברייטער אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פון דער אונטערזוכונג. דאָ זאָל דערלויבט זיין, אַלס אילוסטראַציע, אָפּצושטעלן זיך פאַרלייפיק אויף איין אַנטפּלעקונג פון דער קעגנזעצלעכער פאַרהעלטניס.

כ'האָב שוין אויבן געבראַכט די גלייכונג:

קינד=דערפאַרונגסלאָזיקייט, דערוואַקסענער=דערפאַרונגסאָנוועזנהייט. די ביידע סימנים, וועלכע זיינען דאָ צוגעגעבן צו קינד און דערוואַקסענעם, האָבן אָבער אַ סך סינאָנימען, ריכטיקער: אַ סך באַזונדערע אַנטפּלעקונגס-פאָרמען. כ'נעם דאָ אייניקע פון זיי:

א) דערפאַרונגסלאָזיקייט=אוממיטלבאַרקייט, דערפאַרונגסאָנוועזנהייט=מיטלבאַרקייט, געקינסטלטקייט.

ב) דערפאַרונגסלאָזיקייט=געמיטסטעטיקייט, דערפאַרונגסאָנוועזנהייט=באַוווסטזיין־טעטיקייט.

נעמענדיק אין אַכט די געבראַכטע גלייכונגען, וועלן מיר לייכט מוזן שליסן (אויפן סמך פון עלעמענטאַרן גלייכונגס־געזעץ: אויב $a=b$ $b=c$... — הייסט עס ממילא, אַז $a=c$), אַז קינד=אוממיטלבאַרקייט, געמיטסטעטיקייט און דערוואַקסענער=מיטלבאַרקייט, באַוווסטזיין־טעטיקייט.

אַז דאָס איז באמת אַזוי, דאַרף מען גאָרנישט דערווייזן מיט טיפע קינדער־פּסיכאָלאָגישע טעאָריעס און פאָרשונגען — ס'איז גענוג שוין די ערשטע, בעסטע באַאָבאַכטונג איבער דעם קינד — פון פריסטן עלטער באַזונדערס — און זיין לעבן.

דערפאַרונג איבט אויס אַ באַשטימטע דרעסור־ווירקונג, ברענגט דעם מענטשן אין אירע „עשרת הדברות” נישט נאָר עשה'ס, נאָר אויך „לא תעשה'ס”, זי צווינגט דעם מענטשן — צו זיין טובה, פאַרשטייט זיך — צו זיין פאָרזיכטיק, צו איבערוועגן און איבערמעסטן יעדע פאָרשטייענדיקע טאַט, צו האָבן אַ חשבון הנפש־פוזיע סיי פאַר דער נייער אונטערנעמונג און סיי נאָך איר. ביי דערפאַרונג איז דעריבער אויסגעשלאָסן די אוממיטלבאַרקייט — ס'מוז זיין אַ געוויסע דיסטאַנץ צווישן „וועלן” און „ווילן” — ווי אויך דאָס דירעקטע געמיטס־לעבן.

דאָס קינד איז אָבער דערפאַרונגסלאָז. ער ווייס נאָך נישט פון „לא תעשה'ס”, און זיין תורה באַשטייט נאָך פון בלויזע „עשה'ס”. ביי אים איז קיין דיסטאַנץ צווישן „וועלן” און „ווילן” נישט פאַראַן. ער איז דעריבער אוממיטלבאַר, ער ווייס דעריבער אויך נישט — אָדער ווייס אין אַ גאַנץ קליינער מאָס — פון דער באַגרעניצנדיקער באַוווסטזיין־רעגלאַמענטאַציע, ער איז כלו געמיטסטעטיקייט.

און גערעכט איז Leo Frobenius ווען ער זאָגט טרעפלעך *) „דאָס ווערדן שפילט זיך אָפּ אויף דער פלאַך פון געמיט, דאָס זיין — אויף דער פלאַך פון באַוווסטזיין.”

*) Paideuma. Umrisse einer Kultur- und Seelenlehre. Verl. Beck, München, 1921. 60 .ז

און ווײל דאָס קינד איז נאָך מער „ווערדן", ווי „זײן", מער פאָרמירן זיך פון פאָרמירטקייט, איז בײ אים ממילא אַ סך שטאַרקער די געמיטס־טעטיקייט פון באַוווסטזײן־טעטיקייט. און דאָס איז טאַקי אײנע פון די אַנטפּלעקונגס-פאָרמען פון דער פאַרשײדענער פאַרהעלטניש צווישן קינד און דערוואַקסענעם: די נישט גלײכע פּראָפּאָרץ אין דער אײנטײלונג פון געמיטס-טעטיקייט און באַוווסטזײן-טעטיקייט בײם קינד און דערוואַקסענעם.

בײם דערוואַקסענעם פאַרנעמט דעם דאָמינירנדיקן אָרט דאָס באַוווסטזײן אויפן חשבון פון געמיט, בײם קינד, פאַרקערט, דאָס געמיט אויפן חשבון פון באַוווסטזײן. און די דערוואַקסנקייט, דער פּראָצעס פון דער בהדרגהדיקער פאַרוואַנדלונג מצד דעם קינד אין אַ דערוואַקסענעם, באַשטײט טאַקי אין דעם, וואָס די גרעניץ־ליניע צווישן געמיט און באַוווסטזײן רוקט זיך אַלץ מער איבער פון געמיט צום באַוווסטזײן. גראַפיש וואָלט זיך עס געלאָזן אויסדריקן אַזוי:



א. דערוואַקסענער. ב. קינד. ג. אומוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם

(דעם זעלביקן פּלאַץ לויט כמות, וואָס ס'פאַרנעמט דאָס באַוווסטזײן בײם דערוואַקסענעם: BCDE — פאַרנעמט דאָס געמיט בײם קינד. דער אונטערשײד איז נאָר דער, וואָס בײם דערוואַקסענעם איז די שײד-ליניע צווישן באַוווסטזײן און געמיט: BD אַ קאָנסטאַנטע, און בײם קינד איז זי נישט קאָנסטאַנט, האַלט זיך אין באַוועגן און גײט אַריבער אַלץ ווײטער פון געמיט צום באַוווסטזײן, (צײכנונג ג) שטרעבנדיק צו פאַרנעמען סוף כל סוף די לאַגע פון דערוואַקסענעם, אין צײכנונג א.)

און אין קעגנזאַץ צווישן דער קינדערשער דערפאַרונגטלאָזיקײט, אוממיטלבאַרקייט, געמיטסטעטיקייט און דעם דערוואַקסענעמס דערפאַרונגסאָנגעוועזנהייט, מיטלבאַרקייט, באַוווסטזינס-טעטיקייט, אין געראַנגל צווישן קינד און דערוואַקסענעם שטײט די דערציִונג אינגאַנצן

אויף דער זייט פון דערוואַקסענעם קעגן דעם קינד.

דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויף דער קאָמפּליצירטער און נאָך ווייט נישט פאַרענטפערטער פראַגע וועגן מהות פון דער דערציונג: צי דערהויבט זי אָדער דערנידעריקט — אַבסאָלוט גענומען — דאָס קינד.

כ׳קען דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּגעבן זיך פיל מיט דערדאָזיקער פראַגע, ווייל דאָס וואָלט אונז אַראָפּגעפירט פון דער הויפּט־טעמע. אין אַלגעמיין קען אָבער געזאָגט ווערן, אַז ס׳איז, אַלנפאַלס, פאַראַן אַ שטאַרקער יסוד צו צווייפלען אין דער באמת פאַרפולקאָמערנדיקער ראָל פון דער דערציונג. ס׳איז זייער מעגלעך, אַז — אַבסאָלוט גענומען — איז די דערציונג גאָר נישט קיין עבודת — הקדש, אַז אירע דינער, די דערציער, זיינען גאָר קיין כהנים גדולים נישט, אַז די דערציונג, פאַרקערט, איז גאָר אַ סדום־בעטל און די דערציער נאָר מאַכער פון טאַטואירונגען.

דאָס, וואָס מיר אַליין האַלטן אין איין רימען די דערציונג איז פאַרשטענדלעך. ס׳איז אַן איבעריקע אַנטפּלעקונג פון איינגעזעסענעם אין אונז אינסטינקט פון זעלבסטבאַרעכטיקונג. אונז איז נייטיק צו זיין גערעכט, אַנדערש וואָלטן מיר דאָך געווען נישט אַקציאָנספּעיק. ווי אַ סך אַנדערע אונזערע איבערצייגונגען, איז די היפּערבאָליזירונג פון דערציונגסווערט, די דערפירונג פון דערציונג צו אַ גענעראַלע אידעע פון מענטשלעכער דערהויבונג אפשר נאָר אַן איבערחזרונג פון דער ביבלישער לעגענדע: פייגנבלעטער זיינען נויטיק צו פאַרדעקן די אייגענע נאַקעטקייט. אונזער פאַן־פּעדאַגאָגיק איז אפשר נאָר אַ קאָמ-פּענסאַטאָרישע אילוזיע, ווי ס׳וואָלט געהייסן ביי אַלפרעד אַדלער און אַנדערע פּסיכאָאַנאַליטיקער.

אומצייליק און פאַרשיידן זיינען די דעפיניציעס פון דערציונג און אירע צילן. פאַרשיידן זיינען די אַלע דעפיניציעס אָבער נישט לויט זייער אָביעקטיוון תוך, נאָר לויט די סוביעקטיווע ניואַנסן, וואָס יעדער גיט זיי צו. זייער אָביעקטיווער תוך איז אַלע מאָל, טראָץ זייער אילוזאָרישער אַנדערשקייט, אַן איינציקער. די אַלע „באַזונדערע" דעפיניציעס זיינען געגליכן צו די דעקלינירונגען פון איין און דעמזעלביקן שורש: יעדע נייע פאָרם שטרייכט אונטער נאָר אַן אַנדער סוביעקטיווע פאַרהעלטניס, אָביעקטיוו אָבער — דאָס אויסצו-

געפינען דאַרף מען, אמת, אָפּט האָבן אַ געניטן פּילאָג — זיינען זיי איינהייטלעך, ווייל זיי אַלע וואַקסן פון איין און דעמזעלביקן שורש.

און וואָס איז דער שורש, דער אומבאַדינגטער און שטענדיק איינהייטלעכער שורש פון דערציונג?

די תשובה אויף דער פראַגע איז, דוכט זיך מיר, לייכט צו געפינען אין דער אָנגעוויזענער פאַרהעלטניס צווישן קינד און דערוואַקסענעם, אין דער ראָל וואָס די דערציונג שפּילט אין דעם געראַנגל צווישן קינדערשער דערפאַרונגסלאָזיקייט, אוממיטלבאַרקייט, געמיטסטעטיקייט פון איין זייט און דערוואַקסענעמס דערפאַרונגסאָנוועזנהייט, מיטלבאַרקייט און באַוווסטזיין־טעטיקייט פון דער אַנדער זייט.

דער ציל פון דער דערציונג אין אַלע דורות און אין אַלע באַדינגונגען איז דאָך סוף כל סוף דער זעלביקער: פון קינד אַ דערוואַקסענעם צו מאַכן; פאַרבייטן די דערפאַרונגסלאָזיקייט מיט דערפאַרונגסאָנוועזנהייט, די אוממיטלבאַרקייט מיט מיטלבאַרקייט, די געמיטסטעטיקייט מיט באַוווסטזיין־טעטיקייט.

„צופּאַסן דאָס קינד צום לעבן" — איז דאָך שטענדיק דער שלאָגוואָרט פון דערציונג. אַזוי ווי דאָס לעבן איז נישט אומעטום און נישט אין אַלע צייטן דערזעלביקער, איז ממילא אויך די צופּאַסונג די זעלביקע. פון דעם טאַקי נעמט זיך די פאַרשיידנהייט פון די ציל־פאָרמולירונגען. צופּאַסונג צום לעבן — שטענדיק נישט צום לעבן סתם, נאָר צו אַ לעבן, צו אַ באַשטימטן לעבן — איז אָבער שטענדיק און אומאויפהערלעך די באַוועג־קראַפט פון דערציונג.

און דאָס באַדייטעט דאָך:

אויסראָטן דאָס קינדישע פון קינד (דאָס קינד איז דאָך צום לעבן נישט צונעפּאַסט!) און פאַרוואַנדלען אים אין אַ דערוואַקסענעם (דער דערוואַקסענער איז דאָך צום לעבן יאָ צוגעפּאַסט!). הייסט עס, אַז די דערציונג שטעלט זיך שטענדיק אויפן צד פון דערוואַקסענעם.

כ׳זאָל נישט פאַלש פאַרשטאַנען ווערן:

דאָס אַלעס איז נוציק, אַפילו אומבאַדינגט נייטיק, קיינער קען און טאָר קעגן דעם נישט אָפּאָנירן. וואָלטן מיר זיך אַנדערע צילן געשטעלט, וואָלט ממילאַ קיין לעבן נישט מעגלעך געווען. די, וואָס

לעבן, מוזן דעם לעבן אונטערגעוואָרפן זיין, מוזן זיך צום לעבן צו־פּאַסן, ווייל אַנדערש וועלן זיי זיין נעבעכדיקע אברים-מדולדלים און וועלן פֿאַרשאַפֿן טיראַניי סיי זיך, סיי אַנדערע.

דאָס איז אַ נויט!

מ׳דאַרף אָבער האָבן דעם מוט צו אָנערקענען, אַז די נויט איז דאָך קיין טוגנד נישט, אַז בלויז דער פֿאַקט אַליין פֿון „מוז", פֿון „כּופֿין", גיט נאָך נישט דעם יסוד פֿאַר דעם באַגייסטערטן „אָמן".

אַבסאָלוט גענומען, אומאָפּהייִנגיק פֿון דעם לעבנס־־מוז, פֿון דער אויפֿגעצווונגענער צוועקמעסיקייט — כאָטש ס׳איז אַזוי שווער זיך פֿאָר־צושטעלן, — איז די דערציונג נישט קיין פֿאַרברייטערונג פֿון מענטש־לעכן „איך", נאָר דווקא אַ פֿאַרשמעלערונג, נישט קיין דערהויבונג, נאָר דווקא אַ דערנידערונג. ווארום יעדע נעגאַטיווע זאַך איז דאָך גלייכצייטיק פּאָזיטיוו און פֿאַרקערט — ס׳ווענדט זיך נאָר ווי אַזוי מ׳גייט צו צו איר. אונזערע נעגאַטיוויטעטן און פּאָזיוויטעטן טראָגן אויף זיך דעם אומפֿאַרמיידלעכן שטעמפּל פֿון סוביעקטיוויטעט, פֿון צייטלעכער און רוימלעכער באַגרענצונג און פֿאַרמאָגן ממילא נישט דעם אַבסאָלוטן אמת. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אונזער סוביעקטיווער צוועקמעסיקייט איז נעגאַטיוו די דערפֿאַרונגסלאָזיקייט פֿון קינד און פּאָזיטיוו די דערפֿאַרונגסאָנווזנהייט פֿון דער־וואַקסענעם. וואָלטן מיר אָבער געווען בכּח צו באַפֿרייען זיך פֿון דער סוביעקטיווער צוועקמעסיקייט, וואָלטן מיר ממילא געמוזט דערגיין צו אַ ווערטן־איבערשאַצונג און קומען גאָר צו אַן אַנדער באַהויפּטונג, נעמלעך:

פּאָזיטיוו איז די דערפֿאַרונגסלאָזיקייט פֿון קינד און נעגאַטיוו איז די דערפֿאַרונגסאָנווזנהייט פֿון דער־וואַקסענעם. ווייל וואָס איז אַזוינס דערפֿאַרונגסלאָזיקייט? אַבסאָלו־טע פֿרייהייט, אָן שטרויכלשטיינער פֿון אוממעגלעכקייט, אַ גליי־כער וועג צווישן „איך וויל" און „איך וועל". און וואָס איז אַזוינס דערפֿאַרונגסאָנווזנהייט?—פֿרייהייטסלאָזיקייט, באַלאַנסירן צווישן שטרע־בונגען, קינסטלעכעס — נישט אַלע מאָל קינסטלערישעס — פֿאַרהיטן פֿון גלייכגעוויכט, שטאַרקע און שטעכיקע דראָט־אָפּצוימונגען צווישן „איך וויל" און „איך וועל".

אין די פאַרשיידענע פאָרמולירונגען פון דערציונגס־ציל האָבן מיר אַזוי ליב צו רימען זיך דוקא מיט „פרייהייט". ס'איז אָבער אַ פאַלשע, אילוזאָרישע רימערײַ. באמת שליסט דאָך דערציונג — יעדע דערציונג אָן אונטערשייד, דערציונג אַלס אַזעלכע — אויס די פרייהייט, ווייל זי שטעלט זיך פאַר אַ צוועק — און אַזוי מוז עס טאַקי זיין — די צופאַסונג צו די פרייהייטס־באַגרעניצנדיקע שטערונגען, אויסצולערנען ווי אַזוי מ'זאָל אויסמיידן די ריפן־שטיינער אין לעבנס־ים, ווי אַזוי צו זיגן אין קאַמף פאַרן דאַזיין.

און וווּ קאַמף, דאָרטן איז שוין ממילא קיין אַבסאָלוטע פרייהייט נישט פאַראַן, ווייל קאַמף פאָדערט סטראַטעגיק, אויסרעכנונג, צופאַסונג, בקיצור: באַגרענצונג פון פרייהייט.

דאָס קינד, וואָס איז געפלאָגט (פון אַבסאָלוטן שטאַנדפונקט: געבענטשט) מיט דערפאַרונגסלאָזיקייט, איז פריי פון קאַמף, פריי פון די באַגרעניצנדיקע געזעצן פון דאַזיין, ער איז דורכדעם דער איינציקער, וואָס געניסט פון אַבסאָלוטער פרייהייט און וואָס איז דער טרעגער פון אַבסאָלוטער פרייהייט.

אין אונזערע דערציערישע טעאָריעס פאַרשטייען מיר עס אָבער אָפט נישט. אַלס איינער פון מערערע ביישפילן זאָלן דינען ראָבערט זיידעלס פאָרמולירטע סילאָגיזמען: „דערציונג איז אמת, אמת איז פרייהייט, און ווייל דער צוועק פון דערציונג איז אמת, איז שוין ממילא זיין צוועק אויך פרייהייט." *)

דאָס איז דאָך אָבער נאָר אַ טויש פון ווערטער, אַנשטאָט צו געבן אינהאַלטן. צי איז דען אמת גופא נישט קיין פועל־יוצא דוקא פון פרייהייטסלאָזיקייט? אמת—ווי ס'באַשטעטיקט די רעלאַטיוויסנשאַפט— איז דאָך נאָר אַ סומירונג פון לעבנס צוועקמעסיקייט, אַנדערש גערעדט: פון לעבנסשטערונגען און שטרויכל־שטיינער אויפן וועג פון אַבסאָלוטער פרייהייט.

---

*) אין רוסישן זאמלבוך: Р. Зейдель: Цѣли воспитанія, Интернаціональныя проблемы соціальнаго воспитанія, Лит.-изд. отдел Наркомироса, Москва, 1919.

מ׳רעדט געוויינלעך וועגן צוויי מינים פון אמת: אַ קאָלעקטי־ווער אמת און אַן אינדיווידועלער אמת. וואָס ס׳איז נוגע דעם קאָ-לעקטיוון אמת, איז ער דאָך גיכער דער אמת פ אַ ר דעם קאָלעקטיוו, ווי פון קאָלעקטיוו. ד. ה. ער באַצוועקט געוויסע נוצן פון דער מענטשלעכער געמיינשאַפט. און ווי אַזוי ווערן אָט דידאָזיקע נוציקייטן פון דער מענטשלעכער געמיינשאַפט דערגרייכט, אויב נישט דורך פ ר י י ה י י ט ב אַ ג ר ע נ צ ו נ ג פון די אַלע, וואָס זיינען אין דער גע־מיינשאַפט אָנגעשלאָסן? נאָר אַפילו דער אַזוי גערופענער אינדיווידוע־לער אמת איז דאָך אויך אַן אויסדרוק פון באַגרעניצטער פרייהייט, ווייל דער אינדיווידואום איז דאָך אויך אין זיין ריי נאָר אַ טייל פון דער מענטשלעכער געמיינשאַפט, וועלכע ווירקט און סוגעסטירט דעם אינדיווידואום — סיי דירעקט, דורך אייגענעם פאַרקער, און סיי אומ־דירעקט, דורך ירושה. און דעריבער טאַקי זיינען די אמתן פאַרשיידן לויט די צייטן און לויט די באַזונדערע אָרט־באַדינגונגען. יעדער לעבנס-אָפשניט האָט זיך ז י י נ ע אמתן.

ווייזט דאָך דער זעלביקער ראָבערט זיידעל אָן אין דער איי־גענער אַרבעט, ווי די פאַרשיידענע פאָרמולירונגען פון דערציונגס־ציל זיינען בלויז אַן אויסדרוק פון צייט און אָרט, און פון דער אָנוויי-זונג אַליין וואָלט מען געקענט מאַכן דעם קאָנזעקווענטן אויספיר, וואָס זיידעל אַליין טוט נישט, כדי, הפנים, נישט צוצושטערן די פיינ־קייט פון זיינע סילאָגיזמען:

ס׳זיינען בכלל נישט פאַראַן קיין אַבסאָלוטע אמתן, ווייל אַלע אמתן זיינען בלויז ב אַ ד י נ ג ט ע, און ממילא איז די אָפהייניגיקע פון דידאָזיקע אמתן פרייהייט אויך נאָר אַ ב אַ ד י נ ג ט ע פ ר י י ה י י ט, ד. ה. נישט קיין אַבסאָלוטע פרייהייט, נישט קיין פרייהייט בכלל, און אַז אמת אין דערציונג איז, אויף אַזאַ אופן, כלל וכלל נישט קיין באַוואָרעניש פאַר פרייהייט, נאָר פאַרקערט.

ראָבערט זיידעל באַווייזט, אפשר מער ווי אַן אַנדערער, מיט זיין אַקצענטירן די נייטיקייט פון ק אָ ל ע ק ט י ו ו י ס ט י ש ע ר ד ע ר־צ י ו נ ג (באמת איז אַזאַ אויסדרוק אַן איבעריקע טויטאָלאָגיע, ווייל דערציונג באַטייט דאָך שוין ממילא קאָלעקטיוו: פ ו ן דער געמיינשאַפט און פ אַ ר דער געמיינשאַפט.), אַז די דערציונג איז אין דער ווירק־

לעכקייט נישט קיין צונייגונג צו פרייהייט, נאָר דוקא אַן אָפּנייגונג פון פרייהייט.

אַז די פאַרשיידענע פאָרמולירונגען פון דערציונגס-ציל אייניקן זיך בפירוש אויף פרייהייט־באַגרענצונג קען מען זען שוין פון אַ קורצער עקסקורסיע איבער דידאָזיקע פאָרמולירונגען.

ביידע גרויסע טעאָרעטיקער פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, פלאַטאָן (+ 347 פאַר קריסטנטום) און אַריסטו (+ 322 פאַר קריסטנטום) זיינען איינשטימיק אין זייער דערציונגס־ציל: פאַרפולקאָמהייט, מעשים טובים, גליקלעכעס לעבן.

דאָס אַלץ קען פאַרביטן ווערן מיט אונזער מאָדערנעם אויס־דרוק: צופּאַסונג צום לעבן (צו אַ גוטן לעבן), ד. ה. ממילא באַ־רויבונג פון אַבסאָלוטער פרייהייט.

ציצעראָן געפינט דעם דערציונגס-ציל אין דער אויסבילדונג און אַנטוויקלונג פון די נאַטירלעכע נייגונגען און באַגאַבונגען פון מענטשן. פרעגט זיך: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אויב דאָס לעבן איז קעגן די נאַטירלעכע באַגאַבונגען און נייגונגען פון מענטשן, ווייל אַנדערש וואָלט מען דאָך נישט געדאַרפט זיי אויסבילדן און אַנטוויקלען? איז קלאָר: די אויסבילדונג און אַנטוויקלונג קומט אין דער באַגרענעצטער מאָס פון „אַזוי פיל וויפיל", די באַ־גאַבונגען און נייגונגען ווערן אויסגעבילדעט און אַנטוויקלט נאָר מיט דעם תּנאי, זיי זאָלן זיך איינפּאַסן אין לעבן. דאָס איז אָבער ווידער אַמאָל ווייט פון אַבסאָלוטער פרייהייט.

סענעקעס דערציונגס־ציל איז: „בילדן דעם מענטשן פאַר ערדישן גליק". די אויסדרוקן: „בילדן" און „פאַר" זיינען בפירושע עדות וועגן באַגרענעצטער פרייהייט, ווייל אויב מ׳דאַרף בילדן, הייסט עס דאָך, אַז פאַר דער בילדונג איז דאָס געווינטשענע נישט געווען, אַז אַנשטאָט דעם געווינטשענעם איז געווען עפּעס אַנדערש, וואָס ווערט דורך דער בילדונג פאַרביטן, באַזייטיקט. אויב מען בילדעט פאַר עפּעס (און יעדע בילדונג איז פאַר עפּעס!), הייסט עס דאָך, אַז נישט דער סוביעקט פון דער בילדונג איז וויכטיק, נאָר דוקא דער אָביעקט, ד. ה. דאָס, צוואָס עס ווערט געבילדעט.

ביידע זאַכן ריידן באַשיינפּערלעך קעגן אַבסאָלוטער פרייהייט.

אָריגען אַלעקסאַנדריער (+ 253 נאָך קריסט.) געפינט דעם דערציונגס־ציל אין „גלייכן זיך צו גאָט". אַנדערש גערעדט: צופּאַסן זיך צו גאָט, ענדערן זיך אַזוי, אַז מ'זאָל קענען גלייך ווערן צו גאָט. יעדע גלייכונג צו אַן אַנדערן בכלל — און אַ פשיטא צו אַזאַ אַנדערן, וואָס שטייט אַזוי ווייט, אַזוי אומבאַגרייפלעך הויך פון דעם זיך גלייכנדיקן, ווי גאָט — באַדייטעט קודם־כל, דאָס אָפּרייסן זיך פון זיך זעלבסט, דאָס באַקעמפן זיך, דאָס צווינגען זיך אין פרייהייטסלאָזיקייט.

וואַסילי דער גרויסער (+ 374 נאָך קריסט.) פאָרמולירט דעם דערציונגס־ציל: „דער קריסט *) דאַרף אין דער דערציונג זוכן דעם גליק פון צוקונפטיקן לעבן".

דער מענטש איז דאָך אָבער נישט אין צוקונפטיקן, נאָר דוקא אין איצטיקן לעבן. הייסט עס, אַז דער מענטש פון איצטיקן לעבן דאַרף זיך צופּאַסן צו אַן אַנדער — פון אים ווייט שטייענדיקן — לעבן, דאַרף, אַנדערש געזאָגט, פאַרבויגן זיך, באַקעמפן די אייגענע פרייהייט.

יאָהאַן זלאַטאוסט (+ 407 נאָך קריסט.): „שטרעב צו דעם, דו זאָלסט דערציען דיין קינד לויט דער געשטאַלט פון גאָט". דידאַקטיקע ציל־פאָרמולירונג איז נאָר אַ פאַראַפראַזירונג פון ביבלישן „נעשה אדם כצלמנו בדמותנו".**) און איר רעדט זיך וועגן צופּאַסונג צו גאָט, ווי אין דער פאָרמולירונג פון אָריגען אַלעקסאַנדריער. אַלעס וואָס איז אויבן געזאָגט וועגן אָריגען אַלעקסאַנדריערס פאָרמולירונג איז ממילא אויך גילטיק פאַר דער געגעבענער פאָרמולירונג.

דער הייליקער בענעדיקט נורזיאַנער (+ 543 נאָך קריסט.) איז נאָך מער קאָנקרעט פון אַלע פריערדיקע. זיין פאָרמולירונג איז אַזוי קלאָר, אַז זי נייטיקט זיך נישט אין קיינע קאָמענטאַרן. ער האָט אויסגעדריקט בולט דאָס, וואָס אַנדערע האָבן זיך באַמיט צו באַפּוצן, צו פאַרהילן. ער זאָגט: „דער ציל פון דערציונג איז צו ברייגען „ווילנסלאָזיקייט".

---

*) ער רעדט אַלזאָ נישט וועגן אַן אַלגעמיינעם אמת, נאָר וועגן אַ קריסטלעכן אמת — אַ ראיה צום פריער געזאָגטן וועגן דער רעלאַטיוויטעט פון אמת.

**) בראשית א', 26.

דער זיך בעטנדיקער און זעלבסטפאַרשטענדלעכער סינאָנים פון „ווילנסלאָזיקייט" איז „פרייהייטסלאָזיקייט".

וואָס ס'איז נוגע דער מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטישער פילאָזאָפיע, האָט זי דאָך קיין נייעם דערציונגס-ציל נישט געשאַפן און האָט בכלל גאָרנישט מוסיף געווען צום אידעאַל פון קריסטנטום. אין דאָס איז פאַרשטענדלעך. די סכאָלאַסטישע פילאָזאָפיע פון מיטלאַלטער האָט זיך דאָך אַליין גערופן „Ancieca theologiae" (Служанка богословія) *) און האָט געהאַט נאָר איינאיינציקן צוועק צו דערווייזן, אַז די ביבל און עוואַנגעליע אַנטהאַלטן אין זיך דעם פולשטענדיקסטן אמת. אין פּרט פון דערציונגס-ציל האָט זי דעריבער נאָר וואַריאירט און איבערגעחזרט דעם ביבליש-עוואַנגעלישן ציל, לויט וועלכן דערציונג איז די באַגרענצונג פון פרייהייט.

דער הומאַניזם, וועלכער איז אויפגעשטאַנען קעגן דער רעליגיעזער דאָגמאַטישקייט, האָט זיך גענומען אויפשטעלן, רעפּראָדוצירן די אַנטיקע-וועלט. דער דערציונגס-ציל פון הומאַניזם איז אויך נישט קיין נייער, קיין אייגענער, נאָר דער זעלביקער, וואָס אין דער אַנטיקע: ערדישער גליק, מענטשלעכע פאַרפולקאָמהייט אויף דער וועלט, ד. ה. אַזעלכע רעזולטאַטן, וועלכע קענען דערגרייכט ווערן — אויב זיי קענען בכלל דערגרייכט ווערן — ווידעראַמאָל דורך באַגרענצונג פון פרייהייט.

די רעפאָרמאַציע-עפּאָכע האָט זיך — אַלנפאַלס בנוגע דעם אונז אינטערעסירנדיקן קוק אויף דעם דערציונגס-ציל — מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון הומאַניזם. די רעפאָרמאַציע איז דאָך בכלל געווען אַ געזעצלעך קינד פון הומאַניזם, מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואָס זי איז געווען מער דעמאָקראַטיש אין פאַרגלייך מיט דעם אַרכי-אַריסטאָקראַטישן הומאַניזם.

ליוטער, למשל, ווידמעט אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער דערציונג, אָבער נאָר פון איין שטאַנדפונקט, פון שטאַנדפונקט פון דער געמיינשאַפט, פון שטאַט. „ווער ס'רויבט אָפּ פון קינד די מעגלעכקייט פון שול-בילדונג — זאָגט ער — יענער טוט אַ פאַרברעכן. (ווי דער טערק, ווי דער שטן) און איז נישט ווערט צו לעבן צווישן מענטשן. פאַר וואָס? ווייל ער נעמט אָפּ ביי דער מלוכה, ביים לאַנד,

*) „די דינסט פון דער טעאָלאָגיע."

בײַ דער שטאָט אַ פּאַרטייִדיקער, אַ טרייסטער, אַ העל־פּער״ ווידעראַמאָל די געמיינשאַפֿטס־אָנשויאונג. דאָס קינד איז אַ מיטל פֿאַרן כּלל און אַלס אַזעלכער קען ער ממילא שוין נישט פֿאַר־מאָגן די אַבסאָלוטע פֿרייהייט. ער מוז זיך צופּאַסן.

בכּלל גענומען וואָלט מען די גאַנצע אַנטוויקלונגס־געשיכטע פֿון דערציונגס־ציל געקענט איינטיילן אויף צוויי הויפּט־גרופּן: גרופּע פֿון עולם־הבא־צילן און גרופּע פֿון עולם־הזה־צילן. צו דער ערשטער גרופּע געהערן: די תּקופֿה פֿון קריסטנטום, פֿון מיטלאַלטער, צו דער צווייטער גרופּע: די אַנטיקע־וועלט, דער הומאַניזם, רעפֿאָרמאַציע און אין גרעסטן טייל די מאָדערנע דערציונגס־טעאָריען.

דער צד־השווה פֿון די ביידע גרופּן איז אָבער איינער: דאָס קינד איז אַ מיטל פֿאַר דעם כּלל, אַ מיטל פֿאַר עפּעס און קיינמאָל קיין זעלבסטצוועק. אַנדערש גערעדט: דאָס קינד קען קיינמאָל אין דער דערציונג אַפֿילו נישט אויפֿהאַלטן זיין אַבסאָלוטע פֿרייהייט און אַ פּשיטא שוין, אַז די דערציונג, אַלס אַזעלכע, קען די דאָזיקע פֿרייהייט נישט פּלעגן, נישט אַקטיווירן.

די דערציונג אַלס אַזעלכע איז אַ סיסטעם פֿון מיטלען — ראַציאָ־נעלע, צוועקמעסיקע מיטלען — צו באַרויבן די פֿרייהייט. די פֿאַרשיי־דענע דערציערישע טעאָריען וואַריאירן נאָר די קאָנקרעטע מיטלען צום ציל, דער ציל גופֿא איז אָבער איינער, ווי ער זאָל נישט פֿאָר־מולירט ווערן, די פֿרייהייט־באַגרענצונג איז דער אינהאַלט פֿון דעם דאָזיקן ציל, איז די „פּאָזיציע סי נע קוואַ נאָן״ פֿון דעם דאָזיקן ציל.

אין דעם פּרט האָט די פּעדאַגאָגיק אַ סך געמיינזאַמעס מיט דער כירורגיע. פּונקט ווי אין דער כירורגיע באַשטייט די פֿאַרפּולקאָמונג נישט אין דעם, מ׳זאָל בכּלל נישט דאַרפֿן אָפּערירן דעם קראַנקן, נאָר דוקא אין דעם, ווי אַזוי צו אָפּערירן מיט ווייניקער ליידן און מיט מער דערפֿאָלג פֿאַר דעם פּאַציענט, אַזוי באַשטייט אויך די פֿאַרפּולקאָמ־הייט פֿון די פּעדאַגאָגישע מיטלען נישט אין בעצם אויסמיידן דאָס אָפּערירן, גאָר דוקא אין דעם, ס׳זאָל באַ דער אָפּעראַציע פֿאַרשאַפֿט ווערן ווייניקער ליידן, דאָס קינד זאָל ווייניקער עמפּפֿינדלעך זיין פֿאַר דער דערציערישן אָפּעראַטאָר־מעסער, די אָפּעראַציע זאָל וואָס שנעלער

דורכגעפירט ווערן. ווייל אויך אין דער פעדאַגאָגיק איז דאָס קינד מיט זיין דערפאַרונגסלאָזיקייט, אוממיטלבאַרקייט, געמיטסטעטיקייט, פרייהייט — אַ פאַציענט, וועלכן מ'דאַרף היילן, און היילן דעם פאַציענט קען מען נאָר דורך אָפעראַציע, דורך אַמפּוטירן די פרייהייט, דורך פאַרוואַנדלען דאָס קינד — וואָס גיכער און וואָס ראַציאָנעלער — אין דערוואַקסענעם.

אין דעם פּרט, ווי כ'האָב שוין, אגב, אויבן באַמערקט, זיינען אויך די נייע און די נייסטע פאָרמולירונגען פון דערציונגס-ציל נישט קיין אויסנאַם.

לייבניץ רוקט אַרויס אַלס צוועק פון דערציונג מעשים טובים און ערדישן גליק. קאַנט דערקלערט: דער העכסטער גליק פון דערציונג איז די שאַפונג פון אַ שטאַרקן מאָראַלישן כאַראַקטער. פיכטע געפינט דעם ציל פון דערציונג אין אויסבילדן אַ ריינע מאָראַליטעט אוןווירקלעכע רעליגיאָזיטעט." ביי שאָפּענהויערן איז דער ציל פון דערציונג — דאָס קענען די וועלט.*)

דער איינציקער פון די פילאָזאָפן פון ז'ער נייער צייט, וואָס נייגט זיך אָפּ פון דער אַלגעמיינער ציל-פאָרמולירונג, איז דער גרויסער אינדיווידואַליסט ניטשע. ער זאָגט: „נישט די דערציונג פון די מאַסן דאַרף זיין אונזער ציל, נאָר די דערציונג פון דער איינצעלער פערזענלעכקייט, די אויסבילדונג פון אויבערמענטש."

אָבער אויך דערדאָזיקער ציל איז נישט קיין יוצא מן הכלל אין אונזער זין, אין באַצוג צו דער פרייהייט-באַגרענצונג. ס'איז דאָך אויך פאַר ניטשען אַ מוז זאַך, אַז די איינצעלנע פערזענלעכקייט זאָל זיין דערצויגן.

---

*) כ'ברייננ דאָ בכוונה נישט קיין ביישפּילן פון די אייגנטלעכע פעדאַגאָגן. נאָר פון די פילאָזאָפן, ווייל די לעצטע, וואָס זענען באַשעפטיקט מיט אַבסטראַקטע אָנשויאונגען וואָלטן דאָך גיכער געקענט אַלס דערציונגס-ציל אויסגעפינען די אַבסאָלוטע פרייהייט. און אויב אויך זיי קענען עס נישט, איז דאָך אקל-וחומר בנוגע די פעדאַגאָגן, וועלכע זיינען באַשעפטיקט מיט פּראַקטישער דערציערישער אַרבעט..

אַנדערש גערעדט: זי מוז ווערן צוגעפּאַסט צו עפּעס, זי מוז געענדערט ווערן פון איר לכתחילהדיקייט, פון דעם, וואָס און ווי אַזוי זי איז געווען פאַר דער דערציונג. הייסט עס, אַז דאָ איז אויך פאַראַן די זעלביקע פרייהייט-באַגרענצונג אין פּרינציפּ, מער נישט זי ווערט דורכגעפירט אין אַ קלענערער מאָס, מיט ווייניקער אַקטיוויטעט. ווייל דערציונג בכלל איז אַ צוואַנג־פאַרוואַנדלונג, אַן ענדערונג פון איינס אין אַנדערן, אַן אָנבינדונג פון נייע פאָרמען און נייעם אינהאַלט — און דאָס איז, קודם כל, פרייהייט־באַגרענצונג.

און דאָ איז אַן אָרט צו באַמערקן, אַז אויך די אַזוי גערופענע אינדיווידואַליזאַציע אין דערציונג איז נישט קיין שנוי־ערכין לגבי דער פרייהייטס־באַגרענצונג, נאָר מער נישט איינער פון די מיטלען, אַ פאַרפולקאָמטער מיטל, צו דער פרייהייט־באַגרענצונג גופא. די אינדיווידואַליזאַציע איז, אויב זיך האַלטן ביי דעם פריערדיקן פאַרגלייך מיט כירורגיע, נאָר כלאָפאָרם פאַר דעם פּאַציענט, כדי ער זאָל נישט פילן קיין ווייטיק ביי דער אָפּעראַציע, ביי דעם אַמפּוטירן זיין פרייהייט. אַזוי איז די דערציונג און אַנדערש קען זי נישט זיין, אויב זי וויל פאַרבלייבן דערציונג. אַזוי מוז זי זיין, ווייל אַנדערש וואָלט די וועלט אַן אַנדער פּנים געהאַט, קיין פּנים אפשר בכלל נישט געהאַט. אָן דערציונג איז קיין געמיינשאַפט-לעבן נישט מעגלעך און אָן צוואַנג, אָן פרייהייטס־באַגרענצונג איז קיין דערציונג נישט מעגלעך. ס'איז דעריבער אַ תפלת-שוא צו פאָדערן, אַז די פרייהייטס־באַגרענצונג זאָל פון דער דערציונג באַזייטיקט ווערן, דאָס מערסטע, וואָס מ'קען ווינטשן, איז נאָר אַז די פרייהייט־באַגרענצונג זאָל פאָרקומען מער ראַציאָנעל, ווייניקער פּיינלעך.

קאָנסטאַטירט דאַרף אָבער יאָ ווערן און קיין משוא-פּנים טאָר דערביי נישט דערלאָזן ווערן:

די דערציונג איז לויט איר תוך צוואַנג. און דאָס קעגנזעצלעכע צווישן קינד און דערוואַקסענעם איז דעריבער דאָס קעגנזעצלעכע צווישן אַבסאָלוטער פרייהייט און פרייהייטסלאָזיקייט.

ס'זיינען דאָ צוויי פּאָלוסן אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג:

איין פּאָלוס איז ק י נ ד=דערפּאַרונגסלאָזיקייט=אוממיטלבאַרקייט=געמיטס־טעטיקייט=פרייהייט, דער אַנדער פּאָלוס איז ד ע ר וו אַ ק ס ע נ ע ר=דער־פּאַרונגסאָנוועזנהייט=מיטלבאַרקייט=באַוווּסטזיין ־ טעטיקייט=פרייהייטס־לאָזיקייט. און ס'איז אונז זייער פאַרשטענדלעך, ווען דיכטער — די יע־ניקע, וואָס האָבן מיט פּראַקטישע גייטיקייטן אַמווייניקסטנס צו טאָן, וועלכע זענען אַליין טרעגער פון געמיטסטעטיקייט — באַדויערן דעם „גלות הקינדהייט", דאָס אָפּגעריסן ווערן פון קינד פון זיין קינדהייט, די פאַרוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם. דיכטער פּאַסן אויף נישט אומזיסט דאָס עלטער ווערן פון קינד, זיין אומוואַנדלונג אין אַ דערוואַקסענעם, ווי אַן איבערחזרונג פון אַלט-ביבלישן אַרויסגעטריבן ווערן פון גן־עדן.

דיווירקלעכע פערסאָנאַזשן צו דער ביבלישער לעגענדע זאָלן זיין אַזוי פאַרטיילט: ג ן־ע ד ן איז די אַבסאָלוטע קינדלעכע פרייהייט, א ד ם ו ח ו ה, וואָס ווערן אַרויסגעטריבן פון גן־עדן, איז דאָס קינד אין זיין פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דערוואַקסענעם, ח ר ב ־ה מ ת ה פ כ ת — איז די שאַרפקייט פון דער שניידנדיקער לעבנס-נויטווענדיקייט, די געזעצן פון דערציונג.

און ביי אַלע דיכטער פון אַלע צייטן ווערט קינדהייט טאַקי סינאָנירט מיט גן־עדן.

S. Hollaender זאָגט:

„דאָס אַלץ וואָס מיר דערגרייכן שפּעטער, דורך דערציונג, שול און זעלבסטבאַטעטיקונג, איז, אין פאַרהעלטניס צו די אוצרות, וועל־כע מיר פאַרמאָגן אין די פריסטע יאָרן פון אונזער קינדהייט, ווינ־ציק און אומבאַדייטנדיק. אין אונזער קינדהייט לעבן מיר אין אַ צושטאַנד, פאַר וועלכן די ביבל האָט געפונען איר אויסדרוק — גן־עדן."

אַנאַטאָל פראַנס זאָגט: „קליינע קינדער זיינען באַקאַנטע גאונים; זיי נעמען אין דער וועלט מיט איבערמענטשלעכער ענערגיע זייער באַזיץ. קיין זאַך קען נישט פאַרגליכן ווערן מיט דערדאָזיקער ערשטער לעבנס־קראַפט, מיט די ערשטע רעגונגען פון דער נשמה, ווייל זייער נאָ־מען איז פרייהייט".

דער סוד פון דער קינדערשער גאונות, פון קינדערשן גן־עדן איז די אַבסאָלוטע פרייהייט. און דאָס איז טאַקי די מעלה

פון קינד, דער איבערגעוויכט פון קינד לגבי דעם דערוואַקסענעם.

דאָס באַרעכטיקט אונזער פריערדיקן ביישפּיל וועגן דעם פּיראַמידע־בוי פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. ס'איז נישט נאָר קיין בילדלעכער פאַרגלייך, נאָר אַן אידענטיפיקאַציע אין פולן זין. דאָס קינד איז עס דער ברייטער פונדאַמענט פון „אַלץ מעגלעך", וועלכער ווערט אָבער שפּעטער, מיט דער צייט, כסדר פאַרשמעלערט, די דערפאַרונגס־שטערונגען רייסן אָפּ שטיקער פון ברייטן פונדאַמענט ביז די פּיראַמידע — דער מענטש — פאַרענדיקט זיך מיט דעם שפּיץ פון „קיין זאַך איז נישט מעגלעך".

די פריערדיקע פרייהייט ווערט פאַרוואַנדלט אין פרייהייטסלאָזיקייט.

די פאַרהעלטניס פון קינד צום דערוואַקסענעם איז, ווי געזאָגט, אַ צווייפאַכע: א) אין זין פון פרייהייט און פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן=1 : 0 („יש" צו „אין".), ב) אין זין פון דערפאַרונג און רעאַלע מעגלעכקייטן=0 : 1 („אין" צו „יש".)

דאָס קינדלעכע אין קינד האָט, אמת, אַ קורצן און אומבאַדייטנדיקן דויער, אָבער דאָס גופא, וואָס דאָס קינדלעכע איז בכלל פאַראַן, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מענטשן אַלס אַזעלכן בכלל און פאַר דעם ציוויליזירטן מענטשן בפרט. דאָס קינדלעכע אין דעם מענטשן בילדעט דעם מענטשלעכן אייגנאַרט. ס'איז אַפילו פאַראַן אַ גלייך — פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרהעלטניס צווישן דער אַלגעמיין־קולטורעלער מדרגה פון מענטשלעכן מין און דעם דויער פון דער קינדהייט: וואָס העכער קולטורעל דער מענטשלעכער מין איז, אַלץ דויערנדיקער איז די תקופה פון קינדהייט אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

און ריכטיק ווייזט אָן דר. אַדאָלף סעלמאַן *) אויף דער סקאַלע פון קינדהייטס־דויער: 1) די קולטורעל נידעריקסטע, די קולטורלאָזע חיות האָבן גאָר קיין קינדהייט נישט: די יונגע, ערשט

*) Dr. Adolf Sellmann: Das Seelenleben unserer kinder im Vorschul pflichtigen Alter, 1911. 92 .ז

געבוירענע חיות קענען זיך כהרף־עין צופאַסן צום לעבן און ווערן תיכף פּראַקטאַטיפּן פון די דערוואַקסענע. קינד און דערוואַקסענער פאַלן דאָ פולשטענדיק צונויף; 2) די קולטורעל-העכערע, די אור-מענטשן אַמאָל און די ווילדע מענטשן איצט האָבן שוין יאָ אַ קינד־הייט, אָבער נאָך אַ גאַנץ קורצע. די קינדער ווערן גיך צוגעפּאַסט צום פּרימיטיוון לעבן, ווערן גיך פאַרוואַנדלט אין פּראַקטאַטיפּן פון דער-וואַקסענע. צווישן קינד און דערוואַקסענעם איז דאָ שוין פאַראַן אַ געוויסע כראָנאָלאָגישע דיסטאַנץ, אָבער נאָך אַ גאַנץ קליינע; 3) די קולטורעל־העכסטע, די ציוויליזירטע מענטשן האָבן די גרעסטע קינד־הייט. דאָ איז די דיסטאַנץ צווישן קינד און דערוואַקסענעם שוין די באַדייטנדיקסטע. דער אונטערשייד צווישן קינד און דערוואַקסענעם ווערט באַדינגט פון צוויי פאַקטאָרן: א) אַ פּאָזיטיווער: קלענערע אָדער גרעסערע צאָל פון אוממיטלבאַרע שוועריקייטן אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ (נייטיקייט פון תיכפדיקער פאַרטיידיקונג) און 2) אַ נעגאַ־טיווער — דאָס גרעסערע אָדער קלענערע פעלן פון קאָמפּליצירטקייט אין די לעבנס־תנאים. אַ הינדל האָט נישט קיין קינדהייט, ווייל: 1) זי מוז זיך תיכף פאַרטיידיקן קעגן סכנות און ווייל 2) די דער־פאַרונג, וואָס קען זי פאַרגלייכן מיט די דערוואַקסענע פון איר מין, מיט איר מוטער איז אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקע.

ס׳דאַרף אָבער באַמערקט ווערן פאָלגנדיקעס:

לויט דער געבראַכטער ריכטיקער קינדהייט־סקאַלע וואָלט גע־קענט אויסקומען, אַז וואָס ווייטער — מיט דעם וואַקסן פון ציוויליזאַ־ציע, זאָל זיך אַלץ פאַרלענגערן די מענטשלעכע קינד־הייט, אַז די וויאַרסט־סלופּעס, וואָס שטייען אויפן גרעניץ צווישן קינד און דערוואַקסענעם זאָלן זיך אַלץ טיפער איבעררוקן פאָרווערטס אין מענטשלעכן לעבן: פון איין זייט פאַרמינערן זיך דאָך אַלץ מער די דראָענדיקע סכנות — די ציוויליזאַציע זאָרגט דאָך מיט מער דער־פאָלג פאַר דער זיך אַלץ פאַרגרעסערנדיקער פאַרלייכטערונג און פאַר באַקוועמלעכונג פון לעבן און פון דער אַנדער זייט ווערט דער סכום דערפאַרונגען, וועלכער דאַרף דאָס קינד פאַרגלייכן מיט דעם דער־וואַקסענעם, אַלץ גרעסער. ס׳וואָלט געקענט אַלזאָ דערגיין צו אַזאַ מאָמענט — ווי פּאַראַדאָקסאַל ס׳זאָל נישט קלינגען — אַז די מענטשלעכע

קינדהייט זאָל דעקן אַפילו דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן, אַז דער מענטש זאָל פון דער וועלט אַוועק נישט קיין סך אַנדערש, ווי ער איז אין דער וועלט געקומען (דער דויער פון מענטשלעכן לעבן ווערט נאָך דערצו אַלץ קלענער) און דאָס וואָלט באַדייט אין לעצטן סך־הכל אַן אומקער צום אַלטן בלויז פון אַן אַנדער ריכ־טונג: אין אוראַלטע צייטן איז קיין גרויסע קינדהייט — קיין אינ־דיווידועלע קינדהייט — נישט געווען, ווייל ס'איז געווען אַ קאָ־לעקטיווע קינדהייט (רופן מיך דאָך מיט רעכט אָן די אוראַלטע צייטן „די קינדהייט פון דער מענטשהייט"), איצט וואָלט, פאַרקערט, די אינדיווידועלע קינדהייט גופא געוואָרן אַ קאָלעקטיווע קינדהייט. און דאָס וואָלט פאַראורזאַכט דעם אָפּשטעל פון דער ציוויליזאַציע.

איז אָבער אונזער ציוויליזאַציע גראָד אין דעם פּרט אייגנאַר־טיק, וואָס זי שאַפט גלייכצייטיק דעם סם מיט דעם קעגנסם. ביי דער זיך אַלץ מערנדיקער צאָל פון נייע דערפאַרונגען ווערט אַלץ שוואַ־כער די נייטיקייט פון אוממיטלבאַרער דורכמאַכונג פון די אַלע נייע דער־פאַרונגען. ס'קומט פאָר אַ כסדרדיקער קפיצת־הדרך, אַ כסדרדיקע עקאָנאָ־מיע פון אוממיטלבאַרער דערפאַרונג-דורכמאַכונג. די ציוויליזאַציע שאַפט ספּעציאַליזאַציע-יעדער אינדיווידואום האָט זיך זיין חוג פון דערפאַרונ־גען. דער קאָלעקטיוו ווערט פון די אַלע נייע דערפאַרונגען רייכער, די איינצעלע מיטגלידער פון קאָלעקטיוו זיינען אָבער פריי פון אוממיטלבאַר-דורכמאַכן די אַלע נייע דערפאַרונגען, הגם זיי געניסן פון זיי.

קורץ: די דערפאַרונג פון ווייניקער־קולטורעלע מינים האָט איר מעלה (אין זין פון פאַרלייכטערונג און עקאָנאָמיע) — די פּרימי־טיוויטעט און איר חסרון — די אוממיטלבאַרע דורכמאַכונג פון דער דערפאַרונג. דער חסרון איז שטענדיק גרעסער פון דער מעלה.

די דערפאַרונג פון מער קולטורעלע מינים. פון דעם קולטו־רעלסטן, פון ציוויליזירטן מענטש איז דערפאַר די מעלה פון נישט נייטיקער אוממיטלבאַרקייט — שטאַרקער פון דעם חסרון פון דער קאָמ־פּליצירטקייט.

און דערפאַר טאַקי קען מען נישט נאָר נישט פאַרצייכנען אַ פאַרגרעסערטן דויער פון קינדהייט, נאָר אַפילו, פאַרקערט, אַ סך אַ

פאַרקלענערטן. און ס׳איז באַרעכטיקט דעריבער די טענה פון דיכטער און סענטימענטאַלע דענקער, אַז די מענטשהייט פאַרלירט אַלץ מער איר אומשולד, איר קינדהייט, איר גאָלדענעם פרי-עלטער.

פון פאַרשיידענע זייטן, אַלזאָ, גייען זיך די עקן צונויף: אַמאָל איז די קינדהייט געווען קורץ-דויערנדיק, איצט ווערט די קינדהייט קורץ-דויערנדיק.

דער רעזולטאַט איז אָבער איינער:

די קינדהייט אַלס קעגנזאַץ צום דערוואַקסנקייט ווערט אַלץ קלענער.

און דאָך לאָזט זיך ריידן וועגן קינדהייט און דערוואַקסנקייט אַלס אַנטיטעזן, אַלס איינע די אַנדערע אויסשליסנדיקע באַגריפן.

אויב קינדהייט אַלס אַבסאָלוטע דערפאַרונגסלאָזיקייט און דערוואַקסנקייט אַלס אַבסאָלוטע דערפאַרונגסאָנוועזנהייט קענען אַפילו, ווי אויבן איז שוין געזאָגט, באַטראַכט ווערן בלויז ווי באַדינגטע סימנים, איז דאָך פאַראַן אַ באַשטימטע דיסטאַנץ צווישן זיי און דאָס איז שוין זייער וויכטיק פאַר אונז, פאַר טעאָרעטישע גרונט הנחות און נאָך מער פאַר פראַקטישע אויספירן.

צווישן די עקסטע פאָלוסן פון קינד און דערוואַקסענעם איז פאַראַן אַ גאַנצע ריי פון דערנענטערנדיקע פאַראַלעל-ליניעס, אַ גאַנצע ריי פון בהדרגהדיקע איבערגאַנגען. מיר מוזן כסדר, אומאויפהערלעך נאָכפאָלגן די פאַרוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם. אַ קינד אין סוף פון פאָרשול-עלטער איז שוין מער דערוואַקסענער, ווי אין מיטן פון זעלביקן עלטער, אַ קינד פון אָנהויב שול-עלטער איז שוין מער דערוואַקסענער, ווי צום סוף פון פאָרשול-עלטער א. א. וו. אין דער הינזיכט איז זייער באַלערנדיקער דער פילאָלאָגישער באַדייט פון וואָרט „נשמה”; לויט סעלמאַן *) איז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר נשמה גראָד איר כסדרדיקע באַוועגלעכקייט:

„זעלע (נשמה) זאָל אין עטימאָלאָגישער באַציונג זיין פאַרוואַנדט מיטן וואָרט „זעע”—פלוס. און זאָלן זיי ביידע צוריקגיין אויף איין שורש,

---

*) ז. 8 .Ibid

וועלכער באַדייטעט הין-און-הער-באַוועגונג. די נשמה איז די גייסטיקע כוואַליעס-שפּיל אין אונז, וועלכער הויבט זיך אָן אין דונקעלן אור־גרונט און ענדיקט זיך מיט אונזער טויט־שעה״

האַלטנדיק זיך ביי דעמדאָזיקן פאַרגלייך, וואָלט מען געקענט זאָגן:

אין דעם נשמה־פלוס שלאָגן די כוואַליעס פון אָנהויב שטילער און וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, ביז זיי דערגרייכן די קראַפט פון „ביינטן וואַל״ פון דערוואַקסנקייט. יעדע פאַרשטאַרקטע כוואַליע אָבער באַזונדער איז שוין אַ שטיק דערוואַקסנהייט, אַן אָנזאָג פון „ביינטן וואַל״ און טראָגט שוין ממילא אין זיך און מיט זיך דעם שוים פון דער קומענדיקער דערוואַקסנקייט.

כדי בעסער צו פאַרשטיין דעמדאָזיקן כסדרדיקן, בהדרגהדיקן איבערגאַנג פון קינד צום דערוואַקסענעם איז נייטיק אין אַלגעמיינע שטריכן צו באַרירן די פראַגע וועגן נאַטיוויזם און עמפּיריזם.

כ׳האָב אויבן, אמת, באַמערקט, אַז די פראַגע האָט צו אונזער אָפּהאַנדלונג נישט קיין שייכות. דאָס באַציט זיך אָבער בלויז אויף דער באַשטימונג פון „קינד״ אַלס אורבאַגריף, קינד אַלס טרעגער פון קרקע־בתולהדיקער דערפאַרונגסלאָזיקייט. ווען ס׳האַנדלט זיך אָבער שוין נישט וועגן דער דערפאַרונגסלאָזיקייט גופא, נאָר וועגן דעם איבערגאַנג פון איר אין דערפאַרונגסאָנוועזנהייט, וועגן דער טראַנס־פאָרמירונג פון קינד און דערוואַקסענעם, איז שוין נויטיק צו באַ־שטימען דעם אורשפּרונג, דעם אורבוי פון קינדס נשמה.

אַנדערש איז ווען דאָס קינד איז פאַר אונז געווען בבחינת נול, און אַנדערש איז ווען דאָס קינד איז פאַר אונז שוין אין דער בחינה פון אַ ברוכצאָל לגבי דעם „איינס״ פון דערוואַקסענעם.

ווי באַקאַנט, געהערט דידאָזיקע פראַגע וועגן דעם אויפבוי פון קינדס נשמה צו די קאָמפּליצירטסטע פראַגן אין דער קינדערפּסיכאָ־לאָגיע.

די דערציונגס־פּעסימיסטן מיט שאָפּענהויערן בראש האַלטן, אַז דאָס קינד ברענגט מיט זיך אַ פאַרטיקן סכום פון אָנלאַגן, דערביי נאָך פון לויטער נעגאַטיווע, פאַטאַלע אָנלאַגן, וועלכע באַשטימען שוין זיין ווייטערדיקן גורל. די דערציונגס־אָפּטימיסטן, פאַרקערט, מיט העלדערן בראש זענען עמפּיריסטן, זיי האַלטן, אַז דאָס קינד קומט

אויף דער וועלט אומבאַפלעקט און ריין און אַלץ ווענדט זיך נאָר אין דער דערציונג.*)

די ביבל, ווי באַקאַנט, שטייט אויף דער זייט פון שלעכטע אָנלאַגן: „כי יצר לב האדם רע מנעוריו".

אין נאַטיוויזם גופא דאַרף מען אונטערשיידן דריי עווענטואַליטעטן: א) נאָר גוטע אָנלאַגן, ב) נאָר שלעכטע אָנלאַגן, ג) גוטע+שלעכטע אָנלאַגן. אין הסכם מיט דעם גיבן אויך דריי באַזונדערע אַרטן פון דערציונג: א) דערציונג פלעגט און העלפט מיט דער אַנטוויקלונג פון די אָנלאַגן (דערציונג אַלס שטאַרקונגס־מיטל); ב) דערציונג קעמפט קעגן די אָנלאַגן (דערציונג אַלס הייל־מיטל), ג) דערציונג פלעגט און היילט צוזאַמען (דערציונג אַלס שטאַרקונגס־און־הייל־מיטל) רוסאָ געהערט צו די מלמדי־זכות (אָנלאַגן יאָ, די אָנלאַגן זענען אָבער נאָר גוטע). ס'איז באַקאַנט זיין קלאַסיש־געוואָרענער זאַץ: „Tout est bien, son tant des mains des l'atiter des ches; tout degénére entre les mains de l'homme." (דאָס קינד איז גוט, ווער איז פון שעפערס האַנט אַרויסגעגעבן געוואָרן). רוסאָ האָט זיך געשטעלט, ווי באַקאַנט, אין העפטיקער אָפּאָזיציע צו די יעניקע, וואָס האָבן געהאַלטען זיך ביי דער טראַדיציאָנעל־שלעכטער אויסטייטשונג פון ירושה־זינד־טעאָריע.

קאַנט האַלט אויך פון אָנלאַגן און גיט זיי צו אַ גרויסע באַדייטונג:

„איך קאָן קיינעם נישט בעסער מאַכן, ווי נאָר דורך דאָס גוטעס, וואָס ס'איז אין אים פאַראַן, איך קאָן קיינעם נישט קליגער מאַכן, ווי נאָר דורך דער קלוגהייט, וואָס איז אין פאַראַן."

Börner**), שטייענדיק, ווי קאַנט, אויף דעם שטאַנדפונקט וועגן דער וויכטיגקייט פון די אָנלאַגן פאַר דערציונג, פאָרמולירט אויף דעם סמך די אויפגאַבע פון דערציונג אַזוי:

---

*) זע: Wilhelm Börner: Charakterbildung der Kinder, Verl. Beck, München, 1914. ז. 45

**) Ibid ז. 45

„דער דערציער באַקומט אַ גאַנצן כאַאָס פון אָנלאַגן, אייגנ־שאַפטן, קרעפטן און אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. זיין אויפגאַבע איז עס פון דעמדאָזיקן כאַאָס אַ מיקראָקאָסמוס אויסצושטאַלטן. קודם כל מוז מען זיך אָפּגעבען אַ רעכענונג איבער די שוין פאַראַנענע קרעפטן, מען מוז, אַזוי צו זאָגן, אויפנעמען אַ נשמה־אינווענטאַר פון קינד, נאָכדעם איז נויטיק געוויסע קרעפטן צו פלעגן און אַנ־דערע צו דערוויטערן". אַזוי אַרום איז בערנער אַן אָנהענגער פון דעם דריטן שטאַנדפונקט אין נאַטיוויזם: די דערציונג איז אַ שטאַר־קונגס־ און הייל־מיטל גלייכצייטיק.

דער פאַרקערטער שטאַנדפונקט פון נאַטיוויזם, דער שטאַנד־פונקט פון דעם קינדישן נשמה־בוי אַלס „tabula rasa", דער שטאַנד־פונקט פון אַזוי גערופענעם עמפּיריזם, האָט אויך זיינע, נאָך עלטערע, פאַרטרעטער.

דער אמת איז אָבער נישט אין ביידע קעגנזעצלעכע טעאָריעס, נאָר אין דער פשרה צווישן זיי.*) מ'דאַרף אָננעמען דעם צוויי־אַרטיקן אמת בנוגע דער פראַגע: 1. ס'זיינען פאַראַן פאַרשיידענע אָנלאַגן, גוטע און שלעכטע, און 2. נישט אַלעס האָט לכתחילהדיקע אָנלאַגן. די דערציונג האָט זיך אַלזאָ צו רעכענען מיט צוויי פאַקטאָרן: מיט דעם איינגעבוירענעם און געוואָרענעם. וויכטיק איז דאָס, וואָס אויף דידאָזיקע ביידע פאַקטאָרן פאַרשפרייט זיך די אַקטיווע ווירקונג פון דער דערציונג (אמת, נישט אין אַ גלייכער קוואַנטיטאַטיווער מאָס), געמלעך:

1. וואָס ס'איז נוגע דעם איינגעבוירענעם, די אָנלאַגן, קענען זיי אויך נישט אויסקומען, אַזוי צו זאָגן, אָן דער אינטערווענץ מצד דער דערציונג: גוטע אָנלאַגן מוז די דערציונג פלעגן, נישט לאָזן זיי אָפּגעשוואַכט ווערן; די שלעכטע אָנלאַגן דאַרף די דערציונג באַ־קעמפן, אויסוואָרצלען, דערוויטערן.

2. וואָס ס'איז נוגע די יעניקע נייטיקע פאַרן לעבן פעיקייטן

---

*) איך האָב וועגן דעם אויספירלעכער גערעדט אין מיין אַרבעט: „קאָלעקטיוויזם און אינדיווידואַליזם אין דער אַרבעטסשול", „נייע שול", 1922.

און קענטנישן, וועלכע האָבן נישט קיין אָנלאַגן הינטער זיך, אַלעס ביים קינד, וואָס איז נישט געבוירן, נאָר געוואָרן מוז דאָך שוין געוויס אָנקומען צו דערציונג, פון דער דערציונג איז דאָך אָפּ־הייגיק נישט בלויז זייער טעמפּא, נאָר אויך זייער עצם עקזיס־טענץ.

אַזוי אַרום איז די אינטערוועגץ פון דער דערציונג אין אַלע פאַלן אומפאַרמיידלעך און אומבאַדינגט נייטיק — און וואָס ס׳איז באַ־זונדערס וויכטיק פאַר אונזער טעמע: אין אַלע פאַלן באַצוועקט די דערציונג איר שטענדיקע אויפגאַבע — דאָס פאַרוואַנדלען פון קינד אין אַ דערוואַקסענעם, פאַרלייכטערן זיין איבערגאַנג פון דערפאַרונגסלאָזי־קייט צו דערפאַרונגסאָנוועזנהייט.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס קינד אין דעמדאָזיקן פּראָצעס פון איבערגיין פון דערפאַרונגסלאָזיקייט צו דערפאַרונגס־אָנוועזנהייט, וואָס שטעלט מיט זיך דאָס קינד פאָר שוין נישט אין זיין ערשטער פּראָפּאָרץ פון 0 צו 1, נאָר אין דער שפּעטערדיקער פּראָפּאָרץ פון אַ ברוכצאָל צו 1? —

די ביאָגענעטישע טעאָריע האַלט, אַז דאָס קינד איז אַ דערוואַק־סענער en miniature. דאָס קינד זאָל מיט זיך פאָרשטעלן אַ מיקראָ־קאָסמוס, אַ פאַרקירצונג פון דער גרויסער וועלט פון דערוואַקסענעם מיט אַלע אירע אומצייליקע זייטן און דערשיינונגען. דאָס קינד זאָל וועגן זיך קענען זאָגן: „אַלעס מענטשלעכעס איז מיר נישט פרעמד", ער זאָל זיין אין אַ געוויסן מאָמענט נישט נאָר אַ ברוכצאָל פון גע־וויסע טיילן פון דערוואַקסענעם, נאָר פון גאַנצן דערוואַקסענעם מיט אַלע זיינע טיילן.

וואָרום ס׳זיינען דאָך מעגלעך צוויי השערות אין דעם פּרט:

אַזוי ווי דער דערוואַקסענער אַלס גאַנצעס, אַלס איינס איז דאָך אויך נישט קיין מעור־אחד, קיין אַרדינאַרע צאָל. נאָר אַ סומע פון באַזונדערע חבור־צאָלן $(a+b+c+d\ldots=1)$ קען דאָס קינד, אַלס ברוכצאָל פון דעמדאָזיקן צוזאַמענגעזעצטן „איינס" זיין:

1. אָדער אַ ברוכצאָל נאָר פון באַשטימטע, נישט פון אַלע טיילן, אַ ברוכצאָל, למשל, נאָר פון $a+b$ און נישט פון $c+d$, צו וועלכע

אין געגעבענעם מאָמענט האָט ער נאָך כּלל קיין שייכות נישט.

2. אָדער אַ ברוכֿצאָל פֿון אַלע חבור-צאָלן אָן אונטערשייד, אַ ברוכֿצאָל גלייכֿצייטיק ווי פֿון a+b, אַזוי אויך פֿון c+d.

די געשטאַלט פֿון קינד אַלס ברוכֿצאָל בלייבט די זעלביקע ביי ביידע פֿאַלן. מער נישט אין איין פֿאַל (אין ערשטן) באַציט זיך די פֿאַרהעלטניס פֿון קינד אַלס ברוכֿצאָל נאָר צו דער סומע פֿון דערוואַקסענעם און אין אַנדער פֿאַל (אין צווייטן) באַציט זיך די פֿאַרהעלטניס פֿון קינד אַלס ברוכֿצאָל אויסער דער סומע אויך צו די באַזונדערע חבור-צאָלן, פֿון וועלכֿע די לעצטע איז אויפֿגעשטעלט.

אַ געניויערעס אַריינדרינגען אין דער קינדער-פּסיכֿאָלאָגיע גיט דעם יסוד פֿאַר דער צווייטער, מער אומפּאַסנדיקער השערה.

די באַציונג פֿון קינד אַלס ברוכֿצאָל, צום דערוואַקסענעם אַלס גאַנצעס שטעלט זיך פֿאָר לויט דערדאָזיקער צווייטער השערה אויף אַזאַ אופֿן:

$$\frac{A}{\text{דערוואַקסענער}} = a + b + c + d\ldots$$

$$\frac{A}{\underbrace{a,}_{\text{קינד}}} = \frac{A}{a,}(a + b + c + d\ldots)$$

דער סמך פֿון דערדאָזיקער השערה זאָל זיין דער אָנגענומענער געזעץ פֿון קאָנצענטרישקייט, וועלכֿער איז ווירקזאַם אין דער אַנטוויקלונג בכּלל און אין דעם קינדס אַנטוויקלונג בפּרט. גלייכנדיק זיך צום דערוואַקסענעם, צופּאַסנדיק זיך צו אים, נעמט דאָס קינד נישט איבער דעם דערוואַקסענעם טיילווייז: פֿריער איין טייל און נאָכֿדעם אַן אַנדער טייל. ער נעמט איבער פֿון אַלץ צו ביסלעך. דער אויפֿטו פֿון די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגס-סטאַדיעס באַשטייט דעריבער אין פֿאַרשטאַרקן, פֿאַרטיפֿן דאָס פֿון פֿריער שוין אויפֿגענומענע, אין פֿאַרגרעסערן דעם היקף פֿון די פֿריער אויפֿגענומענע קאָנצענטרען. פֿריער האָט דאָס קינד אויפֿגענומען אַ קלענערע ברוכצאָל פֿון דערוואַקסענעמס a און b און c און d..., שפּעטער ווערט די ברוכצאָל פֿאַרגרעסערט, ווערנדיק דורכֿדעם נענטער צום גאַנצן. דער ערשטער

קאָנצענטער איז פון אַ קלענערן ראַדיוס, דער אַנדערער פון אַ גרעסערן ראַדיוס א. אַ. וו., ביז דעם קינדס קאָנצענטער פאַלט זיך אינגאַנצן צונויף מיט דעם דערוואַקסענעמס קאָנצענטער, אַנדערש גערעדט: ביז דאָס קינד ווערט אינגאַנצן אַ דערוואַקסענער.

די ביאָגענעטישע טעאָריע גייט נאָך ווייטער: דאָס קינד שטעלט מיט זיך פאָר אַ מיניאַטור נישט נאָר פון איינצעלן דערוואַקסענעם, נאָר פון גאַנצן כלל דערוואַקסענע און נישט נאָר פון דעמדאָזיקן כלל אין אַ באַשטימטער תקופה, נאָר פון אים אַלס רעזולטאַט פון אַלע תקופות ביז צום היינטיקן טאָג. דאָס קינד איז אַ מיניאַטור פון דער מענטשהייט אין איר גאַנצער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. דאָס קינד זאָל אין דעם פרט פאַרגליכן ווערן מיט דער ביבלישער לעגענדע וועגן יעקבס חלום אין בית־אל: גאָט האָט אויפגעוויקלט ביי אים צוקאָפּנס גאַנץ ארץ־ישראל. אין דעם וווּנדערבאַרן קינדהייטס־טרוים זאָל ביים קינד צוקאָפּנס אויפגעוויקלט ווערן די גאַנצע געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. ס'איז פאַראַן אַ שטענדיקער פּאַראַלעליזם צווישן אָנטאָגענעזיס פון איינצעלן קינד און פילאָגענעזיס פון גאַנצן מענטשלעכן מין, פון פאָלק, פון דער מענטשהייט. סעלמאַן פאָרמולירט עס אַזוי: *)

„דאַן ווען מען קען אָן פיזיאָלאָגישער באַציונג ציען אַ פּאַראַלעל צווישן דער אַנטוויקלונג פון איינצעלנעם און פון גאַנצן מין (Gattung), איז עס נאָך מער גייטיק אין פּסיכאָלאָגישער באַציונג. די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט חזרט זיך איבער אָן ספק געוויסערמאַסן אין פאַרקירצטער פאָרם אין יעדן איינצעלן מענטשנלעבן.” דער־דאָזיקער פּאַראַלעליזם צווישן קינד און איינצעלן דערוואַקסענעם פון איין זייט און צווישן קינד און כלל־דערוואַקסענע (משפחה, פאָלק, מענטשהייט) פון דער אַנדער זייט פאַרלייכטערט, אָן ספק, דעם פּראָצעס פון איבערגאַנג מצד דעם קינד אין דערוואַקסענעם, העלפט מיט דער בהדרגהדיקער דערנענטערונג פון ברוכצאָל צום גאַנצן. מ'דאַרף אָבער גלייכצייטיק נישט מאַכן דערפון דעם פאַלשן אויספיר, אַז ס'איז

---

*) ז. 11 ,ibid

גאָרנישט פאַראַן קיין אונטערשייד — וועגן קוואַליטאַטיוון אונטערשייד רעדט זיך דאָ, ווייל אַ קוואַנטיטאַטיווער אונטערשייד איז דאָך לכל־הפחות פאַראַן — צווישן קינד־ערב דערוואַקסענעם, צווישן קינד־ברוכצאָל און דעם גאַנצן דערוואַקסענעם. מ׳דאַרף געדיינקען, אַז ענלעכקייט און גלייכקייט זיינען שטענדיק פאַרשיידענע באַגריפן. דאָס קינד איז ענלעך צום דערוואַקסענעם, ער איז אָבער נישט גלייך צום דערוואַקסענעם.

צווישן זיי איז און מוז זיין אַ געוויסער דיסטאַנץ — פריער אַ גרעסערע, שפעטער אַ קלענערע — וואָס ווערט אויסגעפילט נאָר מיט דער צייט. דער חלל צווישן קינד און דערוואַקסענעם ווערט אויסגע־פילט דורך ליידן און פיין. יעדע נייע דערפאַרונג איז גלייכצייטיק אַ קוואַל פון לייד און פרייד, לייד ביז דעם געפינען, פרייד נאָך דעם געפינען. די פרייד זעען מיר (און דעריבער זיינען מיר אין טעות וועגן דער כסדרדיקער פריידיקייט פון קינדס עלטער), די לייד זעען מיר נישט, אָבער פון דעם, וואָס מיר זעען זי נישט, איז כלל נאָך נישט געדרונגען, אַז זי איז נישטאָ, נישט אַלע, אגב, זעען נישט די לייד. די מער עמפינדלעכע, די נעענטערע צום קינד זעען און פילן יאָ די לייד. גערעכט זיינען די דיכטער און דענקער, וואָס ריידן וועגן דער טראַגעדיע פון קינדס עלטער. די טראַגעדיע באַשטייט טאַקע אין דער איבערווינדונג פון קינדערשן אין קינד, אין דעם אויפגעצווונגענעם איבערגאַנג פון קינד צום דערוואַקסענעם.

די אַנדערשקייט צווישן קינד און דערוואַקסענעם דויערט אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט אויסגעליידיקט אינגאַנצן דאָס קינדישע אין קינד, ביז די שלאָגנדיקע כוואַליעס פון קינדהייט ווערן סוף כל סוף איינ־געשלונגען אין שטייענדיקן וואַסער פון דערוואַקסענעם, ביז די ברוכ־צאָל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גאַנצע, ביז דאָס קינד ווערט פולשטענ־דיק אַ דערוואַקסענער.

דערדאָזיקער דויער ציט זיך ביז דעם פובערטעט־עלטער. דער פובערטעט־עלטער איז עס דער לעצטער גרעניץ־פונקט צווישן דער דורכגעגאַנגענער, פאַרענדיקטער קינדהייט און צווישן דער דער־וואַקסנקייט. אין דעם עלטער פאַלן אָפ די לעצטע ווענט, וואָס טיילן אָפ דאָס קינד פון דערוואַקסענעם.

דאָס פּראָבלעם פון קינד און דערוואַקסענעם קען זיכערער אַרומ־נעמען די אַנטוויקלונג נאָר ביז דעם פּובערטעט־עלטער, ביז דעם 15 יאָר.

דער ווירקליכער אָפּשניט פון מענטשלעכן לעבן, פון געבוירן ביז פּובערטעט, האָט געוויינלעך אַ גאַנצע מענגע פון פאַרשיידנאַרטיקסטע קלאַסיפיקאַציעס. וועגן די אַלע קלאַסיפיקאַציעס קען, בדרך כּלל, גע־זאָגט ווערן, אַז זייער צוועק איז נאָר צו פאַרלייכטערן די אָריענטי־רונג און זיי דאַרפן דעריבער נישט אָנגענומען ווערן אַלס אומ־צווייפלדיקע גענויאיקייטן.

אויף דעם איידעלן און קאָמפּליצירטן געביט, ווי פּסיכאָלאָגיע בכלל און קינדער־פּסיכאָלאָגיע בפרט, איז די קלאַסיפיקאַציע באַזונדערס נאָר אַ הילפס־מיטל, אין אונטערשייד פון די נאַטורוויסנשאַפטלעכע און מאַ־טעמאַטישע קלאַסיפיקאַציעס, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער פּינקטלעכקייט.

כ׳נעם די אָנגענומענסטע קלאַסיפיקאַציע: א) זויגלינג־עלטער (1־טער יאָר), ב) נייטראַלער עלטער (פון 2 ביז 7־8 יאָר), ג) ביסעק־סועלער עלטער (פון 7-8 ביז 15 יאָר) און דער פּובערטעט־עלטער (פון 15 יאָר.)*)

יעדע סטאַדיע פון דער קלאַסיפיקאַציע האָט זיך אירע פאַר־שיידענע נעמען פאַר דעם קינד. אַזוי, למשל, אַנטשפּרעכט אין העברעיש דער נאָמען „תינוק״—דער זויגלינגס־סטאַדיע, „ילד״—דעם נייטראַלן על־טער, „נער״—דעם ביסעקסועלן עלטער „עלם״ אָדער „בחור״—דעם פּו־בערטעט־עלטער.

דאָס זיינען די הויפּט־סטאַדיען פון דער קלאַסיפיקאַציע. די קינדער־פּסיכאָלאָגיע באַנוגנט זיך אָבער נישט מיט דידאָזיקע הויפּט־סטאַדיען און האָט נאָך באַזונדערקלאַסיפיקאַציעס פאַר די איינ־צעלע סטאַדיעס. גענוג צו ברייגנען אַלס ביישפּיל, די אונטערקלאַסי־

---

*) בנוגע דעם אָנהויב פון פּובערטעט־עלטער איז פאַראַן אַ כראָנאָלאָגישער אונטער־שייד לויטן געשלעכט און סאָציאַלער אָפּשטאַמונג: ביי מיידלעך הויבט זיך דאָס פּובערטעט אָן פריער, ווי ביי יינגלעך, ביי גרויסשטעטיגע פריער, ווי ביי דאָרפישע א. אַ. וו.

פיקאַציע פון דער זויגלינג־סטאַדיע: א) זויגלינג, ב) גרייפלינג, ג) זיצלינג, ד) קריכלינג, ה) שפרעכלינג, ו) לויפלינג (גיי־פעריאָד) א. אַ. וו. *)

דאָס, וואָס ס'איז פאַר אונז וויכטיק אין די אַלע פאַרשיידענע קלאַסיפיקאַציעס איז דאָס, וואָס יעדע וויטערקומענדיקע פאַזע זייער איז לגבי דער פריערקומענדיקער אַ באַצייכנונג פון נאָך אַן איבערגאַנג פון קינד צום דערוואַקסענעם.

אַזוי ווי דער פובערטעט־עלטער איז דער סיום פון דידאַקטיק איבערגאַנגען, די מצבה איבער דער פאַרשווונדענער און פאַרענדיקטער קינדהייט, לוינט זיך אויף אים כאָטש אין קורצן אָפּצושטעלן.

„פובערטעט אָדער רייפּעצייט איז דער פעריאָד, אין וועלכן דער מענטש ווערט געשלעכטלעך־רייף, ד. ה. יענער פעריאָד, אין וועלכן די פּרימערע און סעקונדערע געשלעכטס־סימנים ווערן פאַרטיק. פובערטעט וואַקלט זיך געווינלעך צווישן דער שוין פאַרטיקער רייפקייט און דער רייפהייטס־צייט גופא, די אויסגעפאַרמירטקייט און די פאַרמירונג. **)

אַלזאָ ביז דעם פובערטעט־עלטער ***) קומט פאָר דער געראַנגל צווישן קינד און דערוואַקסענעם אין קינד. דאָס קינדלעכע שטעלט זיך קעגן דעם אָנגריף פון דערוואַקסענעם, גיט זיך נישט אונטער מיט חשק — דער געגנער איז אָבער פיל שטאַרקער, ביסלעכווייז באַהערשט ער דעם שוואַכן און נישט ווידערשטאַנדספעיקן קינד, ביז ער מאַכט אים פון ענלעך צו זיך פאַר גלייך צו זיך, פאַר אַ פּראָטאָטיפּ פון זיך אַליין.

---

*) לויט סיגיזמונדס: „Kind und Welt“ (באָבאַכטונגען איבער די ערשטע יאָרן פון זיין זון) צוערשט ערשיינען אין 1856 יאָר.

**) Charlotte Bühler: Das leben des Jugendlichen Verl. Fischer, Jena, 1923. 11 ז.

***) פון דער ליטעראַטור וועגן פובערטעט־עלטער קען רעקאָמענדירט ווערן:

1. Charlotte Bühler: Das Leben des Jugendlichen, (ציטירט אויבן)
2. Robert Müller: Sexual-biologie, Berlin, 1907.
3. R. Allers: Psychologie des Geschlechtslebens, München, 1923.

ס'הייסט, אמת, כלל נישט, אַז דער גערּאַנגל שטעלט זיך אָפּ אינגאַנצן מיטן פובערטעט־עלטער. דער קאַמף מיט די שוועריקייטן פון דערפאַרונג ווערט אויך ווייטער פאָרגעזעצט. ד ע ר קאַמף ווערט אָבער שוין געפירט נישט צווישן קינדלעכן און דערוואַקסענעם, נאָר צווישן אַ ווייניקער פאַרפולקאָמטן מיט אַ מער פאַרפולקאָמטן דערוואַק־סענעם גופא. מיט דעם אַנטשטיין פון פובערטעט־עלטער ווערט דער קאַמף געגליכן צו אַ דיפוזיע צווישן איינאַרטיקע פליסיקייטן, וועלכע באַצוועקן צו דערגרייכן די אויסגלייכונג אין קאַמף, ביז דעם פובער־טעט־עלטער זיינען די פליסיקייטן נאָך נישט אינגאַנצן איינאַרטיקע און ס'קען נאָך זיין דיפוזיע נישט פאָרקומען.

קינד און דערוואַקסענער זיינען די נעמען פון דידאַזיקע פאַר־שיידענע פליסיקייטן.

כ'האָב שוין אויבן געזאָגט: מיר זעען אין פראָצעס פון פאַר־וואַנדלונג מצד דעם קינד אין דערוואַקסענעם נאָר דעם דערוואַקסענעם (ברוכצאָל פון דערוואַקסענעם), מיר זעען אָבער נישט דאָס קינד. אויב מען זאָל דעם דערמאָנטן פראָצעס פאַרגלייכן מיט אַ גאַלאָפּירנדיקן צוג (די קינדהייט גייט דאָך אַזוי אומבאַמערקט גיך פאַריבער!), דאַן וואָלט מען געקענט זאָגן:

מיר זעען דאָס לויפן פון צוג (דאָס וואַקסן, די פאַרוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם), מיר זעען אויך די לעצטע סטאַציע, ווו דער צוג מוז זיך אָפּשטעלן (אויסגעפאָרמירטער דערוואַקסענער), מיר זעען אָבער נישט די ערשטע סטאַציע, פון וואַנען דער צוג גייט אַרויס (דאָס קינד.) מיר זעען דעם „ווי אַזוי", מיר זעען אויך דעם „וווהין", — מיר זעען אָבער נישט דעם „פון וואַנען".

פרעגט זיך: פאַרוואָס איז אַזוי שווער אויסצוגעפינען און מיט זי־כערהייט נאָכצופאָלגן דאָס קינדישע אין דעם קינד?

כדי דאָס צו פאַרשטיין, מוז מען, כאָטש אין קורצן, באַרירן די פראַגע וועגן די פסיכאָלאָגישע מעטאָדן בכלל און פון די קינדער פסיכאָלאָגישע מעטאָדן בפרט.

ווי באַקאַנט, איז דער הויפּט־מעטאָד — אויב נישט דער איינצי־קער מעטאָד — פון דער אַלגעמיינער פסיכאָלאָגיע — ד י ב אַ אָ ב אַ כ־ ט ו נ ג. די באָאָבאַכטונג איז דער הויפּט־מעטאָד אויך אין די נאַטור־

וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען. ס׳איז אָבער פֿאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער נאַטורוויסנשאַפטלעכער און פּסיכאָלאָגישער באַאָבאַכטונג, אַן אונטערשייד, וואָס רעדט דורכויס פֿאַר דער מינדערווערטיקייט פֿון דער צווייטער אין פֿאַרגלייך מיט דער ערשטער, אַן אונטערשייד, וואָס ס׳גיט צו דער פּסיכאָלאָגישער באַאָבאַכטונג נאָר אַ באַגרעניצטע, אַ באַדינגטע באַדייטונג.

די סיבות פֿון דעם אונטערשייד, וואָס איז פֿאַראַן צווישן דער פּינקטלעכער נאַטורוויסנשאַפטלעכער און באַדינגטער פּסיכאָלאָגישער באַאָבאַכטונג זיינען צוויי: א) די פֿאַרשיידנקייט פֿון באַאָבאַכטונגס־מאַטעריאַל און ב) די פֿאַרשיידנהייט פֿון דער ראָל פֿון באַאָבאַכטער. די ערשטע סיבה איז, אויף אַזאַ אופֿן, אַן אָביעקטיווע און די אַנדערע אַ סוביעקטיווע.

דער באַאָבאַכטונגס-מאַטעריאַל אין די נאַטורוויסנשאַפֿטן, די כּלערליי נאַטורדערשיינונגען, לאָזן זיך גיכער און גרינטלעכער באַאָבאַכטן, ווי דער באַאָבאַכטונגס־מאַטעריאַל אין דער פּסיכאָלאָגיע: די מענטשלעכע נשמה. די אַלע אומצייליקע נאַטורדערשיינונגען, שוין אָפּגערעדט פֿון די פֿעסטגעזעצטע נאַטורקערפּערס,, זיינען אַלע אָפֿן, אויפֿגעדעקט און זאָגן: קום און קוק, קום און פֿאָרש, קום און שטעל פֿעסט. די מענטשלעכע נשמה איז אָבער שטענדיק פֿאַרהילט, סודות-פֿול און אָפֿט, ווי יענע מימאָזע, וויקלט זי זיך צונויף גראָד דאַן, ווען ס׳דראָט איר אַ באַרירונג פֿון באַאָבאַכטערס אויג. די נאַטורדערשיינונגען פֿאָדערן פֿון באַאָבאַכטער אַ גוט באַוואָפֿנט אויג צום זען, אַן אָפֿענעם אויער צום הערן — זען און הערן קען מען אָבער, ווייל זיי זיינען בעצם זעבאַר און הערבאַר. אַנדערש איז די מענטשלעכע נשמה, וואָס פֿאַרמאָגט אַזוי אָפֿט אַזאַ חושך־מצרים, אין וועלכן דאָס באַוואָפֿנטע אויג איז נישט ביכולת עפּעס צו זען און פֿאַרמאָגט אַזאַ טויב־פֿאַרעקשנטע שטילקייט, אַז דאָס אָפֿנסטע אויער וועט די מינדעסטע קלאַנגען נישט אַרויסכאַפּן.

די נאַטור-דערשיינונגען לאָזן זיך צערגלידערן, ביי דעם גאַנצן קאָסמישן צוזאַמענבונד צווישן איינצעלע נאַטור־דערשיינונגען, ביי דעם גאַנצן זיי צעמענטירנדיקן מאָניזמוס לאָזן זיי זיך דאָך באַטראַכטן באַזונדער, לאָזן זיך ווילקירלעך, לויט דעם ווונטש און באַדערפֿניש

באַאָבאַכטער אויסגעטיילט צו ווערן און דאָס פאַרגרעסערט, אָן ספק, די פּינקטלעכקייט פון דער באַאָבאַכטונג. די מענטשלעכע נשמה אָבער איז שטענדיק און אומאויפהערלעך אַן אומבאַדינגטער „מעור אחד", לאָזט זיך נישט צעגלידערן, לאָזט זיך זייער שווער טיילן אויף באַשטאַנד־עלעמענטן, דער ווילקיר פון באַאָבאַכטער, אויב ער איז שוין אַפילו מעגלעך, איז אַ שטאַרק־באַגרעניצטער און זיינע רעזולטאַטן קענען לייכט אָפּגעפרעגט ווערן.

די נאַטור־דערשיינונגען זיינען ביי זייער גאַנצער באַוועגלעכקייט און בייטבאַרקייט, דאָך סטאַטיש אין דעם פאַרגלייך מיט דער ממש פיבערהאַפטער דינאַמישקייט פון דער מענטשלעכער פסיכיק. דאָס „ווערדן" פון די נאַטור־דערשיינונגען איז אַ סכום פון איינצעלע מאָמענטן, פון וועלכע יעדער באַזונדער און פאַר זיך איז פאַרהעלטניסמעסיק רויק, דאָס „ווערדן" פון דער מענטשלעכער פסיכיק איז אַ כסדרדיקער ברויזן.*)

נאָך וויכטיקער און וועזנטלעכער איז דער אונטערשייד צווישן דער ראָל פון באַאָבאַכטער, בנוגע זיין קאָמפּעטענץ.

ביי די נאַטור־דערשיינונגען איז דער באַאָבאַכטער אַ פון אויסן שטייענדיקער צושויער, ער באַטראַכט זאַכן, וועלכע האָבן צו אים אפשר אַ געוויסע שייכות, זיינען אָבער אַנדערש פון אים, אַנדערש געבויט און אַנדערש לויט זייער געזעצמעסיקייט. ביי פסיכישע באַאָבאַכטונגען פון אַ מענטש איז די שייכות פון באַאָבאַכטעטן און באַאָטאַכטער די שייכות צווישן צוויי פּראָטאָטיפּן, צווישן צוויי פולשטענדיק גלייכגעבויטע און פון גלייכער געזעצמעסיקייט ברידערוועזנס, די שייכות צווישן זיך און זיך.

פסיכאָלאָגישע באַאָבאַכטונג איז דעריבער שטענדיק זעלבסטבאַאָבאַכטונג.**)

דער אונטערשייד פון נאַטורוויסנשאַפטלעכער און פסיכאָלאָגישער

---

*) זע אויבן די פילאָלאָגישע פאַרוואַנדשאַפט פון „Seele" און „See"...

**) זע: Wilhelm Jerusalem: Lehrbuch der Psychologie, Universität verlag Brumüller, 1922. § 3

באָבאַכטונג (באָבאַכטונג און זעלבסטבאָבאַכטונג) איז אַזוי באַדייטנ־דיק און צום אומגונסטן פון דער פּסיכאָלאָגיע, אַז די פּסיכאָלאָגן באַמיען זיך שוין לאַנג דעם אונטערשייד מבטל צו מאַכן. די אַלע באַמיונגען זיינען אָבער אָן ערפאָלג. גענוג צו דערמאָנען נאַטאָרפּן, וועלכער רעדט וועגן אַ „נאַטורוויסנשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע" *)

און דער פאַקט, וואָס די פּסיכאָלאָגישע באָבאַכטונג איז אומ־באַדינגט און שטענדיק אַ זעלבסטבאָבאַכטונג באַגרעניצט און פאַרקלענערט שטאַרק די פּינקטלעכקייט פון דער פּסיכאָלאָגיע. די זעלבסטבאָבאַכטונג איז ערשטנס — ווי ס'ווייזט אָן ריכטיק דר. טעאָדאָר עלסענהויז — נישט אַלע מאָל מעגלעך און אַלע מאָל באַשרענקט.**)

אַפילו די יעניקע, וואָס פאַרטיידיקן שטאַרק די באַדייטונג פון דער פּסיכאָלאָגישער באָבאַכטונג, ווי, למשל, וווּנדט און זיין שול, וועלכע, זיך שטיצנדיק אויף פעכנערס גרונטלייגנדיקע אַרבעטן, גייען אַרויס פון דער אָנערקענונג, אַז אויך דאָס פּסיכישע (צוגלייך מיט דעם נאַטורוויסנשאַפטלעכן) קען זיין זעלבסטשטענדיק, האַלטן אָבער דאָך נישט פון דער אומבאַגרעניצטער מעגלעכקייט פון דער זעלבסטבאָבאַכטונג. די עצם מעגלעכקייט פון זעלבסטבאָבאַכטונג באַשטרייט וווּנדט נישט, ער האַלט אָבער, אַז נאָר יענע זעלבסטבאָבאַכטונג האָט אַ וויסנשאַפטלעך־פּינקטלעכן ווערט, ווען זי איז באַפעסטיקט דורך עקספּערימענטן.***)

ס'איז קלאָר, אַז אַפילו לויט די שטאַרקסטע אָנהענגער פון זעלבסטבאָבאַכטונג איז שוין צום היינטיקן טאָג אָפּגעפרעגט יענע זעלבסטבאָבאַכטונג, וועלכע איז שטענדיק פּראַקטיצירט געוואָרן אין דער פּסיכאָלאָגיע, די ריינע זעלבסטבאָבאַכטונג. מ'זוכט אונ־

---

*) Natorp: Einleitung in die Psychologie nach kritischer Methode, Freiburg, 1888.

**) Dr. Theodor Elsenhaus: Selbstbeobachtung und experiment in d. Psychologie, 1897.

***) Wundt: Grundzüge der physiolog. Psychologie, I, 4 vorles: über d. Menschen u. Tiers.

טערצושטיצן די וואַקלדיקע זעלבסטבאַאָבאַכטונג־געביידע מיט צוגאָב־רושטעוואַניעס פון עקספערימענט א. אַ.

לויט איר תּוך דאַרף דאָך די זעלבסטבאַאָבאַכטונג פאָרשטעלן אַזאַ לאַגע, ביי וועלכער דער באַאָבאַכטונגס-מאַטעריאַל (די פסיכישע פאָרגאַנגען) זאָל קענען פיקסירט ווערן דורך דעם באַאָבאַכטערס אויפמערקזאַמקייט און פאַרפאָלגט ווערן אין אַלע זיינע ענדערונגען. אַזאַ לאַגע איז אָבער מעגלעך נאָר ביי איינאיינציקן תּנאי פון אומאָפּהיינגיקייט צווישן באַאָבאַכטעטן און באַאָבאַכטער, אַ תּנאי, וועלכער איז לחלוטין אויסגעשלאָסן ביי דער **ריינער** זעלבסטבאַאָבאַכטונג.

גראָד דאָס שטרעבן צו באַאָבאַכטן פאַראורזאַכט אין באַאָבאַכטעטן געוויסע ענדערונגען, אַ געוויסע שפּאַנונג, וועלכע וואָלט אָן דעם שטרעבן זיך צו באַאָבאַכטן **נישט פאָרגעקומען**. דורך דער זעלבסטבאַאָבאַכטונג, אַלזאָ, ענדערט זיך דאָס אורשפּרינגלעכע וועזן פון באַאָבאַכטונגס־מאַטעריאַל גופא. ווונדט באַמערקט שוין, אַז „וואָס מער מיר שטרענגען זיך אָן צו באַאָבאַכטן, אַלץ ווייניקער מעגלעך ווערט דידאָזיקע זעלבסטבאַאָבאַכטונג” *)

אין דעם פּרט קען מען זיך אַפילו באַרופן אויף קאַנטן.**) קאַנט זאָגט, אַז די עמפּירישע נשמה־לערע מוז צוליב צווי סיבות זיין פרעמד פון אייגנטלעכער נאַטורוויסנשאַפט: ווייל די מאַטעמאַטיק איז נישט אָנווענדבאַר אויף די פענאָמענען פון אינערן זין און אויף זייערע געזעצן, ווייל די ריינע אינערע אָנשויאונג, אין וועלכער די נשמה־דערשיינונגען זאָלן קאָנסטרואירט ווערן, איז די צייט, וועלכע האָט נאָר איין דימינסיאָן

די באַאָבאַכטונג און נאָך מער די זעלבסטבאַאָבאַכטונג קען שאַפן נאָר **אַ נאַטורדערשיינונג פון דער נשמה**, אָבער נישט קיין **נשמה־וויסנשאַפט**.

דער פאַקט, וואָס ביי ריינער זעלבסטבאַאָבאַכטונג ווערט דער באַאָבאַכטונגס־מאַטעריאַל גופא געענדערט, פאַרקלענערט, ווי געזאָגט,

---

*) Ibid.

**) Kant: Metaphysik, Anfangsgr. der Naturwissenschaft,

שטאַרק דעם ווערט פֿון זעלבסטבאַאָבאַכטונג, דערדאָזיקער פֿאַקט איז גענוי באַלויכטן געוואָרן און געקומען צום אויסדרוק אין דעם באַקאַנטן וכּוח אַרום דער פֿראַגע, וואָס איז געפֿירט געוואָרן צווישן וווּנדטן און וואָלקערט. (דער וכּוח איז דערפֿירט געוואָרן צו אַ געוויסער איינשטימיקייט) *).

וווּנדט שטעלט פֿאָלגנדיקע טעזע:

„קיינמאָל קען קיין געגנשטאַנד נישט באַאָבאַכטעט ווערן, וועלכער איז אין מאָמענט פֿון באַאָבאַכטונג שוין מער נישט פֿאַראַן", ד. ה. דער באַאָבאַכטונגס־מאַטעריאַל ווערט אין מאָמענט פֿון דער זעלבסטבאַאָבאַכטונג גופֿא געענדערט און פֿאַרשווונדן אין זין פֿון זיין אורשפּרינגלעכקייט.

אויפֿן סמך פֿון דאָ געזאָגטן וועגן דער באַגרעניצטער באַדייטונג פֿון דער אַלגעמיין-פּסיכאָלאָגישער זעלבסטבאַאָבאַכטונג, גלויב איך, קען שוין קלאָר ווערן די סיבה פֿון שוועריקייט צו קענען גענוי אורטיילן וועגן קינדישן אין קינד.

בנוגע דעם קינדישן אין קינד איז דאָך די בכלל באַגרעניצטע זעלבסטבאַאָבאַכטונג נאָך פֿיל מער באַגרעניצט, אויב שוין נישט אינגאַנצן אוממעגלעך.

דאָס קינד גופֿא קען דאָך זיך אַליין נישט באַאָבאַכטן, די קינדער זענען נישט בכּח אַריינצודרינגען אין זיך, ווייל זיי זיינען דאָך אויסשליסלעך אין אויסן געריכטעט. ס'זיינען, אמת, געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אויסצונוצן די זעלבסטבאַאָבאַכטונג פֿון גאָר קליינע קינדער, נאָך פֿון פֿאָרשול-עלטער (בינע האָט דורך שיינע פֿאַרזוכן דערוויזן, אַז מיט געדולד און קריטישער פֿאָרזיכט קענען שוין פֿאָרשול־קינדער זעלבסטבאַאָבאַכטונגען מאַכן איבער פֿאָרשטעלונגס־פּראָצעסן און דענקאַקטן, קאַטץ האָט לעצטנס נייע רעזולטאַטן פֿון אַזעלכע זעלבסטבאַאָ־

---

*) זע: 1. Wolkert: Selbstbeobachtung und psychologische Analyse, Zeitschrift für Philosophie und philosofische Kritik, Bd. 90. און W. Wundt: Selbstbeobachtung und innere Wahrnehmung, Philosofische Studien.

באַכטונגען דערגרייכט), דאָס אַלץ איז אָבער דאָך דערווייל נאָר אַ „יוצא מן הכלל", וועלכער פאַרפעסטיקט בלויז דעם כלל.*)

נאָך וויניקער קענען די קינדער באַפעסטיקן זייער זעלבסטבאַ־אָבאַכטונג מיט עקספּערימענטן.

קיין דירעקטע זעלבסטבאַאָבאַכטונג פון קינד גופא, אויפן סמך פון וועלכער מיר זאָלן קענען משפטן וועגן קינדישן אין קינד איז, אויף אַזאַ אופן, אינגאַנצן אויסגעשלאָסן. אונז קומט אַלזאָ אויס צו באַנוצן זיך נאָר מיט באַאָבאַכטונגען, מיט באַאָבאַכטונגען פון אַ עומד מן הצד. אָבער דער רעזולטאַט פון אַזעלכע באַאָבאַכטונגען איז דאָך מער ווי צווייפלהאַפט.

וואָלט, מען לכל הפחות, בא אונזער באַאָבאַכטונג פון קינד געקענט אויסנוצן אַלס הילפס-מיטל די ערינערונג, די אַזוי-גערופענע רעפּראָדו-צירטע זעלבסטבאַאָבאַכטונג. (אומדירעקטע זעלבסטבאַאָבאַכטונג.), וואָלטן מיר, לכל הפחות, געקענט דאָס באַאָבאַכטעטע אין קינד, אויפן סמך פון זכרון, פאַרגלייכן מיט אונזער אייגענער קינדהייטס־פאַרגאַנגנהייט.

רעפּראָדוקציע איז, כידוע, איינער פון די דערגאַנצונגס־מיטלען פאַר זעלבסטבאַאָבאַכטונג. און הגם דערדאָזיקער מיטל איז נישט קיין שטאַרקער, „ווייל רעפּראָדוקציע גופא איז נאָר אַ מאַטעריאַל פאַר באַאָ־באַכטונג, פאַר זעלבסטבאַאָבאַכטונג", **) וואָלט זי אונז דאָך מיטגע-האָלפן צו אָריענטירן זיך אין יענעם אורוואַלד, דער נאָמען פון וועלכן איז — דאָס קינדישע אין קינד.

איז אָבער דער פעלער דאָס, וואָס אונזער זכרון פאַרשפּרייט זיך כלל נישט אויף דער פריסטן קינדהייטס־עלטער. אונ־זער זכרון הויבט אָן זיין ווירקזאַם גראָד פון יענעם עלטער, ווען דאָס קינד איז שוין אַ ברוכצאָל פון דערוואַקסענעם, ווען דאָס כאַראַק־טעריסטיש־קינדישע: אַבסאָלוטע דערפאַרונגסלאָזיקייט, אַבסאָלוטע פריי־הייט, אַבסאָלוטע געמיטס־טפטיקייט א. אַ. וו. זיינען שוין פאַרשווונדן אין צוגעקומענעם געמיש פון דערפאַרונג, פרייהייטסלאָזיקייט, באַ-ווסטזיין־טעטיקייט. ס'איז שווער אויסצוגעפינען און גענוי צו באַ־

*) זע: Karl Bühler: Die geistige Entwiklung des Kindes, ז. 8

**) Dr. Theodor Eisenhans: ibid.

שטימען דאָס קינדישע אין קינד אויפן סמך פון רעפּראָדוצירטער זעלבסטבאַאָבאַכטונג, דאָס קינדישע אין קינד איז אָבער פאַראַן און זי דריקט זיך בפירוש אויס אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ אין איר פאַרהעלטניס צום דערוואַקסענעם.

ס׳זיינען לחלוטינדיקע, איינע צו אַנדערע אויסשליסנדיקע אַנטיטעזן:

קינד פון איין זייט און דערוואַקסענער פון דער צווייטער זייט.

צווייטער קאַפּיטל:

די ערשטע באַגעגניש מיט דעם דערוואַקסענעם.

(דאָס קינד אין זיין אייגנאַרטיקייט)

ר א ש י ־ פ ר ק י ם:

1) נאָך וועגן זעלבסטבאַאָבאַכטונג בכלל און וועגן דער קינדערשער זעלבסטבאַאָבאַכטונג בפרט ז. 55 2) דערפאַרונגסלאָזיקייט און זייגע אויסדרוקס־מיטלען אין פרי קינדערשן עלטער: שעמעוודיקייט, מורא א. אַ. ז.63 3)אייגנאַרטיקייטן פון קינדערשע פאָרשטעלונגען און אסאָציאַציעס די אַנטיסאָציאַלישקייט פון קינד. ז.78 4) די ערשטע אַנטדעקונג פון זיך אליין ביים קינד. „איך־געפעל" און איך־באַוווסטזיין. קעגנזייטיקע באַציונג צווישן ערשטן קינדערשן „איך" אלס לעקסישע דעראָבערונג און אלס פראָדוקט פון זעלבסטבאַוווסטזיין. שפיגל־בילד און איר באַדייטונג פאַר דער קינדערשער זעלבסטבאַשטימונג. ז. 87

ווען מיר גייען צו צו דער פראַגע וועגן דער ערשטער באַגעגעניש פון קינד מיט דער אַרומיקער וועלט, ריכטיקער: צו דער פראַגע וועגן דעם קינדס־אורשפּרינגלעכקייט, וועגן דעם, וואָס דאָס קינד שטעלט מיט זיך פאָר ערב דערדאָזיקער ערשטער באַגעגעניש, שטויסן מיר זיך אומבאַדינגט אָן אויף אומגעהויערע שוועריקייטן, אויף דער לחלוטנדיקער אויסגעשלאָסנקייט פון צו אָפּערירן מיט זיכערע הנחות. אַלע פעסטשטעלונגען אין דעם פרט מוזן אומפאַרמיידלעך טראָגן דעם נישט באַפרידיקנדיקן כאַראַקטער פון היפּאָטעזן.

די סיבה פון דידאָזיקע שוועריקייטן איז, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין פאָריקן קאַפּיטל, דאָס, וואָס דער סוביעקט, וואָס אינטערעסירט אונז ביי דער פראַגע, דאָס קינד, איז פאַר אונז פאַרשלאָסן,

אַטערע אינקאָגניטאָ, מיר זיינען נישט ביכולת אָנצווועגדן לגבי אים אפילו די יעניקע ווייניקע מיטלען, וואָס די פסיכאָלאָגיע האָט אין איר רשות.

כ'האָב שוין אין פאָריקן קאַפּיטל גערעדט וועגן דער באַגרע־ניצטקייט — אויב נישט אוממעגלעכקייט — פון אָנווענדן דעם צושטאַנד פון זעלבסטבאַאָבאַכטונג לגבי דעם קינד (באַזונדערס אין זיין פריסטן עלטער, באַזונדערס ביי זיין ערשטער באַגעגעניש מיט דער אַרו־מיקער וועלט, ביי זיין אורשפּרינגלעך־קינדישן, אָן צומיש פון זייטיקער השפּעה־פסולת. צו דעם פריער געזאָגטן זאָל נאָך צוגעגעבן ווערן פּאָלגנדיקעס:

יעדע זעלבסטבאַאָבאַכטונג אין דער פסיכאָלאָגיע בכלל — דאָרטן, ווו זי איז שוין מעגלעך — האָט זייער אַ קליינע באַדייטונג, ווען זי ווערט נישט פאַרפעסטיקט מיט עקספּערימענטן, מיט קאָנטראָל־מיטלען. יעדע ריינע זעלבסטבאַאָבאַכטונג איז, אויף אַזאַ אופן שטענדיק נאָר אַ רוי־מאַטעריאַל, נאָר אַ קאַנווע, אויף וועלכער די קאָנטראָל און עקספּערימענט וועבן ערשט שפּעטער אויס זייערע פעסטשטעלונגען, יעדע ריינע זעלבסטבאַאָבאַכטונג איז נאָר אַ השערה־מאַטעריאַל, נאָר רושטעוואַניעס פון אַ בנין, וועלכער באַקומט זיין פעסטקייט—ווידער אַמאָל רעלאַטיווע פעסטקייט — נאָך באַנוצן די צעמענטירונג פון קאָנטראָל און עקספּערימענט.

געגוג צו דערמאָנען דאָ די מיינונג פון געאָרג אַנשיטץ *): „בא דעם בלויזן פאַרווענדן פון אינדיווידועלן זעלבסטבאַאָבאַכטן (ריינע זעלבסט־באַאָבאַכטונג) זיינען מיר ווייניק אָדער גאָרנישט אומשטאַנד דורכצופירן אַווירקלעכע גרעניץ־ליניע צווישן דער ריין פסיכאָלאָגישער באַאָבאַכטונג און דער לאָגישער דערקענטניס־טעאָרעטישער קאָניוקטור. אַלס הויפּט־מאָטיוו קעגן דער פאַרווענדונג פון ריינער זעלבסט־באַאָבאַכטונג קען דינען דאָס, וואָס יעדער איינצעלער, וועלכער זוכט צו ערפאָרשן אַ באַשטימטן געגנשטאַנד — אָן אונטערשייד, צי איז דער לעצטער פון דער זינלעכער וועלט גענומען (אָביעקטיווער געגנשטאַנד)

---

*) Dr. Georg Anschitz: Über die Erforschung der Denkfor-gänge. 9—10 .ז

אָדער ער איז אַ פּסיכישע פּאַרהעלטניס (אַ סוביעקטיווער געגנשטאַנד), מוז אַלס פאָרגענגער שאַפן באַגריפן און אָפּט אפילו קאָמפּלעקסן פון באַגריפן. דידאָזיקע באַגריפן אָבער האָבן די סגולה פון אומאויפהערלעכער באַוועגונג, זיי ענדערן אין גאַנצן לויף פון זייער אַנטוויקלונג זייער געשטאַלט אַזוי, אַז די אוממיטלבאַרע (ריינע) זעלבסטבאַאָבאַכטונג איז אַפילו נישט אומשטאַנד דידאָזיקע פאַרענדערונגען נאָכצופאָלגן. דער איינצעלער איז שטענדיק גענייגט זיינע אייגענע אידעען אָנצונעמען אַלס קאָנסטאַנטע אַפילו דאַן, ווען זיי מאַכן דורך וועזנטלעכע אומוואַנדלונגען.

פון דער הנחה דרינגט ממילא אַרויס די נייטיקייט די זעלבסטבאַאָבאַכטונג צו קאָנטראָלירן, צו׳ עקספּערימענטירן. און דידאָזיקע קאָנטראָלירונג, די אומוואַנדלונג פון זעלבסטבאַאָבאַכטונג איז דוקא ביים קינד ווייניקער ווי אומעטום מעגלעך. ווען אפילו די זעלבסטבאַאָבאַכטונג גופא זאָל שוין זיין יאָ מעגלעך, איז די קאָנטראָל אויסגעשלאָסן. די קאָנטראָל האָט דאָך דאַן אַ זין, ווען זי ווערט דורכגעמאַכט שפּעטער, נאָך דער ערשטער זעלבסטבאַאָבאַכטונג, ווען דער פריערדיקער זעלבסטבאַאָבאַכטער ווידערהאָלט אויף זיך איינע און דיזעלביקע זעלבסטבאַאָבאַכטונג. דער גרונט-נעזעץ איז אַלזאָ: סיי די זעלבסטבאַאָבאַכטונג דאַרף זיין דיזעלביקע און סיי דער זעלבסטבאַאָבאַכטער דאַרף זיין דערזעלביקער. דערדאָזיקער כּלל איז אָבער לחלוטין נישט מעגלעך דוקא ביים קינד, ווען ער האַלט אין וואַקסן, אין ענדערן זיך. יעדער פאָלגנדיקער מאָמענט שטעלט דאָך פאָר דעם קינד אין אַן אַנדער פּסיכישער געשטאַלט מיט אַ באַזונדער אינהאַלט. אין פּראָצעס פון קינדס אומוואַנדלונג אין אַ דערוואַקסענעם — און פון דעם פּראָצעס באַשטייט דאָך די גאַנצע דערציונג — איז דאָס קינד, ווי כ׳האָב שוין אויבן געזאָגט, אַ ברוכצאָד לגבי אַ גאַנצן, אָבער דידאָזיקע ברוכצאָל האַלט זיך אין איין דערנענטערן צום גאַנצן.

אויף אַזאַ אופן איז שוין נישט מעגלעך קיין ווידערהאָלונג פון איינער און דערזעלביקער זעלבסטבאַאָבאַכטונג, נישט מעגלעך קיין ווידערהאָלונג מיט קאָנטראָל-צוועקן, ווייל יעדע „ווידערהאָלטע" זעלבסטבאַאָבאַכטונג איז, אין תוך גענומען, אַ גאַנץ נייע זעלבסטבאַאָבאַכטונג, אגב, פונקט אַזאַ היפּאָטעטישע און נישט קאָנטראָלירטע, ווי

די יעניקע, פון וועלכע זי האָט געזאָלט קומען אַלס ווידערהאָלונג. די זעלבסטבאַאָבאַכטונג פון קינד מוז, אויף אַזאַ אופן, זיין איינ-איינציק אַ ר יי נ ע זעלבסטבאַאָבאַכטונג. און אויב ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אויך די באַדייטונג יעדער ריינער זעלבסטבאַאָבאַכטונג שטייט אונטער אַ גרויסן ספק, שטייט אונטער דעם זעלביקן, אויב נישט נאָך גרע־סערן, ספק, באַזונדערס די שטענדיק ריינע זעלבסטבאַאָבאַכטונג פון קינד.

און דאָס צווינגט אונז, אַז אונזערע אַלע הנחות וועגן קינדישן אין קינד — שטיצנדיק זיך אויף זעלבסטבאַאָבאַכטונג — זאָלן זיין פון אויסשליסלעך היפּאָטעטישן און צווייפלהאַפטן כאַראַקטער.

נאָך עפּעס וועגן ריינער זעלבסטבאַאָבאַכטונג.

ביי יעדער זעלבסטבאַאָבאַכטונג איז לויט פּראָפ. דר. אַך אונ־טערצושיידן דריי פעריאָדן: א) פאָר־פעריאָד, ב) הויפּט־פעריאָד און ג) נאָך־פעריאָד. דער פאָר־פעריאָד פון דער זעלבסטבאַאָבאַכטונג, די אָנערקענונג גופא, אַז מ'שטייט ערב אַ זעלבסטבאַאָבאַכטונג. די געווי־סע נויטיקע אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע אָנשטעלונג און אָנ־שטרענגונג, ווירקט אומבאַדינגט און ווירקט לריעותא, צום שאָדן פון דער פּונקטלעכקייט, אורשפּרינגלעכקייט און אומגעפעלשטקייט פון דעם הויפּט-פעריאָד און פון נאָך־פעריאָד, ווירקט שלעכט אויף דעם עצם באַגריף וועגן דער זעלבסטבאַאָבאַכטונג. און דאָס איז דער זין פון וווּנדטס באַהויפּטונג, אַז די זעלבסטבאַאָבאַכטונג, ד. ה. די אָנשטרענ־גונג פון דער זעלבסטבאַאָבאַכטונג (לויט אַך — דער פאָר־פעריאָד) שטערט דעם אָבלויף פון דעם עצם ערלעבניס־פּראָצעס. *) און אויך אַך, וואָס איז מילד לגבי דער באַדייטונג פון זעלבסטבאַאָבאַכטונג, און געפינט, אַז זי קען דאָך אין דעם ערלעבניס־פּראָצעס זונטערגע־וואָרפן ווערן אַ ג ע נ ו י ע ם אַ נ אַ ל י ז, איז אָבער מסכים, אַז ס'איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן פּסיכאָלאָגישער און נאַטורוויסנשאַפטלע־כער באַאָבאַכטונג. **)

---

*) PsychologischeS tudien Bd. IIIs. 381; 1907 ווי אויך Arch. d. ges Psychologie, Bd. 452, 1908.

**) ער זאָגט, למשל: „גראָד אין דערדאַזיקער וויכטיקער דערקענטניס־טעאָרעטישער ריכטונג פאַרבלייבט די פּסיכאָלאָגיע הינטערשטעליק דער נאַטורוויסנשאַפט.“

ער האָט דערביי ב־יעה דעם קאָנטראָל־ווערט פון די פעסטשטעלנדיקע פראַגן.

און דעריבער זוכט מען טאַקע אָביעקטיווע קאָנטראָל-מיטלען פאַר די אַנגאַבן פון Vp. (פערזוכספערזאָנע). דיזעלבע אָביעקטיווע קאָנטראָל-מיטלען ווערן אָבער אויך אין אַנדערע וויסנשאַפטן געזוכט, למשל, אין דער עקספערימענטאַלער עסטעטיק*) דאָ זיינען אָבער די אָביעקטיווע קאָנטראָל-מיטלען נישט אין פאַרגלייך מער באַשווערט. נעמען מיר, למשל, פון דעם ווונדטישן רעגולאַמין פאַר עקספערימענטעלער באַאָבאַכטונג. **) דעם דריטן כלל וועגן דער נויטיקייט פון ווידערהאָלן די באַאָבאַכטונג, זעען מיר, אַז עס איז אוממעגלעך אַן אָביעקטיווע קאָנטראָל אין אונזער פאַל, ביי אַ ווידערהאָלונג פון אַן עקספערימענט פאָדערט זיך דאָך קודם כל די ווידערהאָלונג פון דיזעלביקע אומשטענדן, ביי וועלכע ס'האָט זיך געפונען די ערשטע דורכגעמאַכטע טאַטזאַך. האַנדלט זיך עס אָבער וועגן אַזעלכע באַוועגלעכע אומשטענדן, ווי ס'איז די פסיכישע איינשטעלונג, וועט יעדע ווידערהאָלונג געבן אַנדערע אומשטענדן און ממילא אויך אַנדערע גאַנץ נייע רעזולטאַטן. אפילו אַך, דער שטאַרקער פאַרטיידיקער פון אָביעקטיוו — מעגלעכע פסיכאָלאָגישע באַאָבאַכטונגען געפינט, אַז די ווידערהאָלונג ביי ווילנס - עקספערימענטן זיינען באַשווערט דורך זייערע פילפאַכע פאַרשיידענע אומשטענדן. גראָד דאָ ענדערט זיך דורך די ווידערהאָלונגען דער אָבלויף פון עצם ערלעבנים-פראָצעס. אין געגעבענעם פאַל דער ווילנס-מאָמענט, אַלזאָ, דער אייגנטלעכער עגנשטאַנד פון דער אונטערזוכונג טרעט אָפּ אין הינטערגרונט.

און דאָס וואָס אַך זאָגט וועגן ווילנס-עקספערימענטן דאַרף דאָך געזאָגט ווערן וועגן אַלע בכלל פסיכאָלאָגישע באַאָבאַכטונגס"עקספערימענטן.

---

*) O. Külpe: Der gegenständige Stand d. experimentellen Ästhetik. Bericht über d. II kongres furexperiment Psychologie, s. 6, 1907

**) Wundt Über Ausfrage experimente und über die Methoden der Psychologie des Denkens, Psych. Studien, Bd. III, S. 301, 1907.

קאַרל בֿילער זאָגט וועגן די זעלבסטבאַאָבאַכטונגען ביי קינדער בפֿרט פֿאָלגנדיקעס. „זעלבסטבאָבאַכטונג־עקספּערימענטן, ווי מען מאַכט זיי דורך מיט דערוואַקסענע, עקספּערימענטן אין וועלכע די וועזנטלעכסטע פֿעסטשטעלונגען דאַרפֿן פֿון דער פֿאַרזוכספּעריזאָן אַליין געמאַכט ווערן, קענען אין זייער גרעסטער טייל נישט אָנגעווענדעט ווערן צו קינדער.״

די עלטערע פּסיכאָלאָגן האָבן אַ סך געבויט אויף די זכרונות פֿון דערוואַקסענע וועגן זייער קינדהייט. דידאָזיקע זכרונות קענען אָבער בשום אופֿן נישט דערגאַנצן דעם בלויז פֿון דער זעלבסטבאַאָבאַכטונג ביים קינד: ערשטנס הויבן זיך די זכרונות וועגן דער קינדהייט אָן שפּעט, גראָד פֿון יענעם עלטער (אומגעפֿער פֿון 3 יאָר און ווייטער), וועלכער איז שוין נישט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם קינדישן אין קינד, פֿאַר דעם אורשפּרינגלעך־קינדישן, פֿאַר דעם, וואָס דאָס קינד שטעלט מיט זיך פֿאָר ערב זיין ערשטער באַגעגעניש מיט דער אַרומיקער וועלט (צו 3 יאָר איז דאָס קינד שוין אַ שטיק דערוואַקסענער), און צווייטנס זיינען אפֿילו די זכרונות פֿון דעם עלטער אָן דאָס רובֿ פֿערלערהאַפֿטע. די זכרונות וועגן קינדהייט ווערן ביים דערוואַקסענעם אַסימילירט, אויפֿגעמישט מיט זיין „איך״, ווערן איבערגעבראָכן אין ספּעקטאָר פֿון זיין דערוואַקסנקייט און קענען נישט געבן נישט נאָר דעם אָריגינאַל, דעם אָביעקטיוו פֿון דער קינדהייט נאָר אפֿילו אויך נישט די קאָפּיע מיט אַ דערנענטער ענלעכקייט.

און דאָך, נישט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן פֿון צו באַשטימען דאָס קינדישע אין קינד, קען מען מיט זיכערקייט אָננעמען, — לכל הפּחות — די אומבאַדינגטע אַ נ ד ע ר ש ק יי ט צווישן קינד און דערוואַקסענעם. דידאָזיקע אַנדערשקייט איז נישט בלויז פֿון אַ קוואַנטיטאַטיוון כאַראַקטער, נאָר בעיקר פֿון אַ קוואַליטאַטיוון. ס׳קען נישט פֿאַראַפֿראַזירט ווערן, למשל, פּר. פּיאָרקאָווסקעס פּאַראַלעליזם אין אָנווענדונג אויף קינד־ערוואַקסענער: „מיר דאַרפֿן אָנערקענען, אַז צווישן די אינטעלעקטועלע פֿעיקייטן פֿון מענטש און היה עקזיסטירט

---

*) человеч· интеллект· изд· „Аргонавты" Берлин 7 ·ז

נישט קיין פּרינציפּיעלער אונטערשייד, נאָר בלויז אַ קוואַנטאַטווער״. צווישן קינד און דערוואַקסענעם עקזיסטירט טאַקע גראָד אַ פּרינציפּיעלער אונטערשייד און נישט בלויז קיין קוואַנטיטאַטיווער.

ביי זיין ערשטער באַגעגעניש מיטן דערוואַקסענעם איז דאָס קינד אַנדערש אין תּוך פון דעם, מיט וועלכן ער באַגעגנט זיך. דאָס קינד לגבּי דעם דערוואַקסענעם איז נישט נאָר אַ מיקראָקאָסמאָס לגבּי אַ מאַקראָקאָסמאָס, נאָר קודם כּל אַ גאַנץ באַזונדער קאָסמאָס. מ׳דאַרף ריידן וועגן קינדערשער אייגנאַרטיקייט אין דער ערשטער באַגעגעניש פון קינד מיטן דערוואַקסענעם.

דאָס דאַרף באַזונדערס איבערגעחזרט ווערן. דאָס בהדרגהדיקע באַהעפטונג פון קינד צום דערוואַקסענעם, זיין בהדרגהדיקע אומוואַנדלונג אין ד׳ערוואַקסענעם קען נישט געגליכן ווערן צו דער אַנפילונג פון אַ גאַנץ ליידיקער כּלי (=קינד) מיט אַ געוויסן ערשטן אורקערפּער (=דערוואַקסנקייט), נאָר דאַרף געגליכן ווערן צו דער אַרויסשטופונג פון אַן אָנגעפילטער מיט אַ באַשטימטן קערפּער (=קינדהייט) כּלי מצד אַ נייעם, אַ צווייטן קערפּער (=דערוואַקסנקייט).

אין פּראָצעס פון קינדס באַהעפטונג צו דער אַרומיקער וועלט קומט, אַלזאָ, אומבאַדינגט צו קאָנפליקטן, צו צוזאַמענשטויסן, ס׳קומט פאַר אַ געראַנגל. די קומענדיקע דערוואַקסנקייט פאַרנעמט נישט קיין ליידיקע פּאָזיציע אָן קאַמף, נאָר אַ פאַרנומענע פּאָזיציע דורך קאַמף. דער קאַמף איז נישט קיין גלייכער, ווייל די קעגנער פאַרמאָגן נישט דיזעלביקע קאַמפּסמעגלעכקייט: די קינדהייט איז פיל שוואַכער, אַ קאַמף מוז אָבער זיין.

וועגן דעם עצם קאַמף צווישן דער שוואַכער קינדהייט מיט דער שטאַרקערער דערוואַקסנקייט וועלן מיר פאַרזוכן שפּעטער צו ריידן אויספירלעכער.

דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן הויפּטזעכלעך אויף איינעם פון די קאַמף־אָנטיילנעמער, דאָ וועלן מיר זיך באַשעפטיקן מיט די אייגנאַרטיקייטן פון קינד אין ערב זיין באַהעפטונג צום דערוואַקסענעם.

דאָס ערשטע און כאַראַקטעריסטישסטע פאַר דערדאָזיקער אייגנאַרטיקייט איז דעם קינדס דערפאַרונגסלאָזיקייט, נאָר ס׳דאַרף דאָ באַ־

מערקט ווערן: דערפּאַרונגסלאָזיקייט, אַלס ריין נעגאַטיווע באַשטימונג, קען, פון ערשטן בליק, אָנגענומען ווערן אַלס סתירה צו דער עצם הנחה וועגן אייגנאַרטיקייט, וועלכע איז דאָך אַ פּאָזיטיווע באַשטימונג. ס׳איז אָבער נישט אַזוי: ווען מירריידן וועגן דערפּאַרונגסלאָזיקייט ביים קינד, האָבן מיר בדעה נישט נאָר דאָס, וואָס דאָס קינד איז נ י ש ט ג ל י י ך צום דערוואַקסענעם, נאָר דוקא דאָס, וואָס ער איז אַ נ ד ע ר ש פון דערוואַקסענעם. דעם קינדס דערפּאַרונגסלאָזיקייט באַצייכנט גלייכצייטיק אַן אַנדער אינהאַלט ביים קינד, אַן אַנדער גאַנץ באַשטימטע פּסיכישע איינשטעלונג. נישט דערפּאַרן באַדייט נישט נאָר=נישט דערוואַקסענער, נאָר בעיקר=קינד.

און ס׳דאַרף נאָך איין זאַך באַמערקט ווערן: די דערפּאַרונגס־לאָזיקייט פון קינד, ווי כ׳האָב שוין פריער אָנגעוויזן, דאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן אין איר אַ ב ס אָ ל ו ט ן זין, ווייל קיין אַבסאָלוטע דערפּאַרונגסלאָזיקייט איז נישט מעגלעך אין משך פון אַ לענגערער צייט, ווייל אַבסאָלוטע דערפּאַרונגסלאָזיקייט קען האָבן אַ פּלאַץ נאָר איין מאָמענט, איין הרף-עין, נאָך וועלכער ס׳קומט שוין—אין אַ קלענע-רער אָדער גרעסערער מאָס — די געוויסע דערפּאַרונג. אין דעם צווייטן טאָג פון קינדס לעבן איז שוין קיין אַבסאָלוטע דערפּאַרונגסלאָזיקייט נישט פאַראַן, ווייל דאָס קינד האָט שוין דאַן הינטער זיך אַ דערפּאַ-רונג פון איין טאָג לעבן. (און דערפּאַרונג ווערט גענומען נישט נאָר אויף אַ באַוווּסטזיניקן אופן, ווי מ׳פאַרשטייט עס דאָס רוב — מ׳אָפּעּ-רירט דאָך דאָס רוב מיט באַוווסטזיניקער דערפּאַרונג — נאָר אויך אויף אַן אומבאַוווסטזיניקן אופן. „איך אָטעם — הייסט עס: איך לעב״ — דאַרף ווייטער געצויגן ווערן: „איך לעב, הייסק עס: איך באַקום דערפּאַרונג.״

און דערדאָזיקער פאַקט, וואָס די קינדערשע דערפּאַרונגסלאָזי־קייט איז נ י ש ט ק יין אַ ב ס אָ ל ו ט ע, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ געמיש פון אַ ביסל נישט גענינגנדיקע דערפּאַרונג מיט אַ ביסל דער-פאַרונגסלאָזיקייט (אין אַ געוויסן געביט אַ ביסל דערפּאַרונג, אין אַנ־דערן — גאָרנישט) באַרעכטיקט טאַקע דאָס פרידלעכע צוזאַמענלעבן פון אַזעלכע צוויי עקסטרעמיטעטן אין קינדס פּסיכיק ווי איבערמאָסיקע דרייסטקייט פון איין זייט און איבערמאָסיקע פורכטבאַרקייט פון דער

אַנדערער זייט. די ביידע עקסטרעמענטן זיינען נישט קיין סתירות און שליסן נישט אויס איינע די אַנדערע, ווייל זיי באַרירן גאַנץ באַזונדערע געביטן און גאַנץ פאַרשיידענע ווירקונגס־ספערן אין דעם קינדס פסיכיק: די איבערמאָסיקע דרייסטקייט פאַרשפּרייט זיך אויף דער דערפאַרונגסלאָזיקייט, ווען די איבערמאָסיקע פורכט־באַרקייט פאַרשפּרייט זיך אויף דער נישט גענוגנדיקער דערפאַרונג. פון איין זייט שטעלט זיך דאָס קינד, ווי באַקאַנט, נישט אָפּ פאַר קיין דראָענדיקער סכנה, ער איז פעיק אויף אַלץ, וואָס קען אים פאַרשאַפן שאָדן. פון דער צווייטער זייט אָבער צייכנט זיך דאָס קינד אויס מיט אַ נישט באַמערקבאַרער, אָבער דאָך שטאַרקער פאָר־זיכטיקייט. דאָס ערשטע, דאָס גיין אויפן פייער באַציט זיך צו יענע קאָנקרעטע טאַטן, וועלכע זיינען דורך אים נאָך נישט אויסגעפּרווט געוואָרן, וועלכע זיינען נאָך פאַר אים קרקע־בתולהדיק, אין וועלכע ער איז אינגאַנצן דערפאַרונגסלאָז. באַקומט ער אָבער אַ באַלערנדיקע סכנה פון אַ געוויסער טאַט, לאָזט זי שוין אויף אים איבער אַ גאַנץ באַשטימטן רושם, לאָזט איבער אַ געהעריקן שפּור אין זיין געדעכטניש אָדער אין זיין אינסטינקט־אָרגאַניזאַציע און ער וועט שוין דאַן נישט ווידערהאָלן די סכנהברייגנדיקע טאַט, אָדער ער וועט זי שוין אַזוי ווידערהאָלן, אַז די סכנה זאָל ווערן פאַרמיטן.

דער ערשטער פאַקט פון דער איבערמאָסיקער קינדערשער דרייסטקייט פאָדערט נישט קיין איבעריקע ראיות. גענוג אַלס אי־לוסטראַציע צו דערמאָנען די ערשטע קינדערשע חולשה צו פייער, צו אַ דירעקטע באַרירונג מיט פייער. נישט אומזיסט האַלט מען, אַז קינדער אין זייער דערפאַרונגסלאָזיקייט זיינען די גרעסטע דאַנקזאָגער פראָמעטעאוסן פאַר זיין מתנה: אַ קליין קינד רעאַגירט אַמשטאַרקסטן אויף קנאַלנדיקן פייער (געזיכט־ און גערויש־איינדרוקן צוזאַמען) און באַרויקט זיך נישט ביז ער באַקאָנט זיך מיט פראָמעטעאוסעס מתנה אויפן דירעקטסטן אופן: ביז ער כאַפּט עס נישט אָן מיט די הענטלעך. די תלמודישע לעגענדע וועגן משה רבינו אין פרעהס שטוב, ווען ער האָט פון די פאַר אים געשטעלטע גאָלד־שאַל און שאָל פון גליענדי־קע קוילן געכאַפּט אין מויל די קוילן, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קינדהייט בכלל. דער לעגענדאַרער משה רעפּרעזענטירט אין דעם

פּרט אַלע קליינע קינדער אין זייער דערפאַרונגסלאָזיקייט פון אַלע דורות און צייטן.

האָט אָבער דאָס קינד זיין ערשטע באַקאַנונג מיטן פייער דורכגעמאַכט, וועט ער זיך שוין פאַר אים היטן, וועט שוין זיין פריערדיקע דרייסטקייט פאַרשווינדן.

דאָסדאָזיקע היטן זיך ברענגט טאַקע צו צום צווייטן פאַקט פון דער איבערמאָסיקער פאָרזיכטיקייט. אַזאַ איבערמאָסיקע פאָרזיכטיקייט איז מעגלעך ביי אַ נישט גענוגנדיקער דערפאַרונג, ביי אַ דערפאַרונג, וואָס איז דורכגעמאַכט געוואָרן נאָר עטלעכע מאָל און איז בכח נאָר אָפּצושרעקן אָבער נישט אָנצווייזן די וועגן ווי אַזוי די סכנה אויסצומיידן, וואָרום אויב דרייסטקייט איז בכלל מעגלעך אין צוויי פאַלן: ערב דער דערפאַרונג און נאָך דער דערפאַרונג, ווען די לעצטע איז שוין גענוג שטאַרק פיקסירט, איז אָבער די פאָרזיכטיקייט, איבערמאָסיקע פאָרזיכטיקייט מעגלעך נאָר אין מיטן פון דעם דערפאַרונגס־אָפּלויף, ווען די שרעק פון דער סכנה איז נאָך נישט פאַרשוווּנדן און די פעיקייט אויף אויסצומיידן די סכנה איז נאָך נישט אָנגעקומען.

די אויסערונגען פון אַזאַ איבערמאָסיקער פאָרזיכטיקייט איז, למשל, די אייגנאַרטיקע קינדערשע שעמעוודיקייט. כ׳האָב בדעה נישט יענע שעמעוודיקייט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ זיטלעכער איינשטעלונג, שעמעוודיקייט אַלס באַוווּסטזיניקער און אַקטיווער אַקט, נאָר איז גיכער אַ פּאַסיווע, אַן אינסטינקטיווע דערשיינונג. אַזאַ שעמעוודיקייט איז כאַראַקטעריסטיש דווקא פאַר דעם פריסטן קינדער עלטער, ביי דער ערשטער באַגעגעניש פון קינד מיט דער אַרומיקער וועלט, ווען די שעמעוודיקייט איז אַ רעזולטאַט פון נישט גענוגנדיקער און נישט פון איבערגענוגנדיקער דערפאַרונג. אַזאַ שעמעוודיקייט שטעלט מיט זיך פאָר אין תוך בלויז אַ גרים פון מורא, אַזאַ שעמעוודיקייט איז בלויז איינע פון די מערערע פאָרמאַציעס, וואָס די מורא פאַרמאָגט. עטוואָס ענלעכעס אויף דערדאָזיקער קינדערשער שעמעוודיקייט איז ביי די דערוואַקסענע, למשל, די שעמעוודיקייט פון אַ יונג מיידל ווען מ׳רעדט איר אַ שידוך. ס׳איז באַקאַנט דער פאָלקלאָר־דיאַלאָג צווישן די עלטערן און דער יונגער כלה:

—פאַרוואָס ווילסטו נישט חתונה האָבן מיט דעם מאַן? דיין מוטער האָט דאָך אַמאָל אויך חתונה געהאַט? — מיין מוטער האָט דאָך אָבער חתונה געהאַט מיטן פאָטער...

די שעמעוודיקייט איז דאָך באמת נישט בלויז אַ פּראָדוקט, נאָר בעיקר אַן אויסערונגס-פאָרם גופא פון דער מורא פאַר דער נייער, נאָך נישט אויסגעפּרוווטער טאַט, וועלכער באַדראָט צוליב איר אומבאַקאַנטקייט מיט מעגלעכע סכנות.

שעמעוודיקייט איז אָבער איינער פון די אויסדרוקן פון דער מורא פאַר נישט געניגנדיקער דערפאַרונג. די מורא האָט נאָך אַ סך אַנדערע אויסדרוקן, ס'איז וועלכע נישט דאָ דער פּלאַץ צו באַהאַנדלען. בדרך כלל דאַרף אָבער באַטאָנט ווערן, אַז אַלע אַזעלכע אויסדרוקן פון מורא זיינען פאַראורזאַכט שוין פון אַ דורכגעמאַכטער אָבער נאָך נישט פון קיין געניגנדיקער דערפאַרונג.

און די אָפענע, די אייגנטלעכע מורא? כ'רייד ווידער אַמאָל נישט וועגן דער באַוווסטזיניקער מורא ביי עלטערע קינדער, וועלכע איז ביי זיי, ווי ביי דערוואַקסענע, שוין דוקא אַ רעזולטאַט פון אַן אויסגעפּאַרטיקטער דערפאַרונג, נאָר וועגן יענער מורא, וואָס איז אַן אויסדרוק נאָך פון אַ נישט געניגנדיקער דערפאַרונג.

ס'איז באַקאַנט, ווי אַזוי גאָר קליינע קינדער האָבן אָפט מורא, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס. זיי כאַפּן זיך, למשל, אויף פון שלאָף, שאַפן זיך אין פאַנטאַזיע אייגענע שרעק-פיגורן און שרעק-אָביעקטן. דידאָזיקע מורא איז פאַרוואַנדט מיט אַן אַנדער דערשיינונג, וואָס איז אין דערזעלביקער מאָס אייגנאַרטיק פאַרן קליינעם קינד בא זיין ערשטער באַגעגעניש מיט דער אַרומיקער וועלט, מיט אַנגסט. די פרי-קינדערשע אַנגסטלעכקייט האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער אַנגסטלעכקייט ביי דערוואַקסענע. ביי די לעצטע איז זי אין אירע פאַרשיידענע פאָרמען, ווי מעלאַנכאָליע, פלעגמאַטיזם א. אַ. אַ רעזולטאַט פון שטערונגען אין דער פּסיכישער אָרגאַניזאַציע *) פאַר דעם פרי-קינדערשן עלטער איז די אַנגסטלעכקייט, פאַרקערט, אַ רעזולטאַט

*) זע: А. М. Щуберт: Определение умственной отсталости дѣтей etc. „Дефективная дети и школа". אין זאַמלבוך, מאָסקווע, 1912.

פון אַ גאַנץ נאָרמאַלן צושטאַנד, איר סיבה איז דיזעלביקע, וואָס פון מורא, שעמעוודיקייט: די נישט גענוגנדיקע דערפאַרונג דידאַקטישע פרי קינדערשע אַנגסטלעכקייט קען פאַרגלייכט ווערן מיט פרימאָרגן־דעמערונג: ס'איז שוין נישט שטאַרק פינסטער, אַז שאָטנס פון אַנגסטלעכקייט זאָלן זיך נישט קענען באַווייזן, ס'איז אָבער נאָך נישט גענוג ליכטיק, אַז די שאָטנס זאָלן מוזן פאַרשווינדן. אין האַלב־ליכטיקייט פון דערפאַרונג און האַלב־דונקלקייט פון איר נישט גענוגנדיקייט, מוזן זיך די שאָטנס באַווייזן, די שאָטנס פון דער פרי קינדלעכער אַנגסטלעכקייט. גענוג צו דערמאָנען די פאַרשפּרייטע ביי קליינע קינדער אַנגסטלעכקייט פאַר אַ מענטשן אונטערן בעט (אַ סך ביישפּילן ביי פפעסטערן.*) דאָס זאָל באַטייטן: דאָס קינד האָט שוין דערפאַרן אַז מ'קען פאַר אַ מענטשן מורא האָבן, ער ווייס נאָך אָבער נישט פאַר וועלכע מענטשן און ווען מורא צו האָבן און ער שאַפט אַליין אַ צורה פאַר דעם מורא־מעיטש אונטערן בעט. ער שטויסט זיך מיט דעמדאָזיקן נישט קלאָרן מורא־מענטש צונויף אין שכנות מיט זיין טרוים, מיט זיין אויך נישט קלאָרן טרוים. די אומקלאָרע און אומבאַגרעניצטע מורא איז ביים קינד אין דעם עלטער כאַראַקטעריס־טיש מיט דעם, וואָס זי איז נישט פאַרפעסטיקט צו קאָנקרעטע מענטשן, וואָס ס'פעלט נאָך די נייטיקע פאַרבינדונג צווישן אָביעקט און סוביעקט פון דער מורא. אַזאַ מורא איז אַ וואַקלדיקע און זי ווערט איבערגעטראָגן פון איין סוביעקט צום צווייטן. ס'קומט דאָ פאַר ווידעראַמאָל אַן אייגנאַרטיקע פאַראַלגעמיינערונג, אַ פאַראַלגעמיינערונג, וועלכע איז נישט קיין פועל־יוצא פון באַוווסטזיין־אַנטשלוס, פון לאָגי־שער פאַרגלייכונגס־אַקציע: דער מענטש טוט מיר שלעכטס, יעדער מענטש טוט מיר שלעכטס, הייסט עס ממילא, אַז אַ מענטש בכלל טוט מיר שלעכטס, נאָר אַ פאַראַלגעמיינערונג, וועלכע קומט פון אונ־טערבאַוווסטזיין, פון אינסטינקטיוון זעלבסטדערהאַלטונגס־געפיל.

אַזוי, למשל, ווערט די מורא פאַר דעם לערער איבערגעטראָגן

---

*) ציטירט ווייטער.

צו מענטשן בכלל. *)

אזא איינפאכע פאראלגעמיינערונג טרעפט זיך אויך ביי דערוואקסענע. די וואס שטודירן, למשל, מעדיצין ליידן פון א שטענדיקער מורא פאר כלערליי קראנקהייטן ביי זיך. זיי האלטן אין איין אנטדעקן ביי זיך יעדן טאג נייע מחלות – אלץ יענע מחלות, וועגן וועלכע זיי דערוויסן זיך פון שטודיום. דאס איז דיזעלביקע קינדערשע אייגנארטיקע מורא ביי קינדיש געווארענע דערוואקסענע! –

די פארזיכטיקייט איז, ווי געזאגט, א רעזולטאט פון דער אייגנארטיקייט פון דער פרי־קינדערשער פסיכישער איינשטעלונג, א רעזולטאט פון אנגעהויבענער, אבער נישט פארענדיקטער דערפארונג, פון נישט גענוגנדיקער דערפארונג.

אמת, מ׳קען די פרי־קינדערשע פארזיכטיקייט אויך אויפפאסן אלס רעזולטאט בעיקר פון אנלאגן. ס׳קען זיין א רייד וועגן דער אזוי גערופענער אינסטינקטיווער, בירושה געבראכטער פארזיכטיקייט און דא דארף ווידעראמאל גענומען ווערן אין באטראכט די באקאנטע און ביי אונז שוין דערמאנטע פלוגתא וועגן דער קעגנזייטיקער באציונג און וויכטיקייט פון געבוירענעם און געווארענעם.

כ׳דארף אבער באמערקן, אז גראד בנוגע דער פראגע וועגן דער ראל פון דערפארונג קען קיין גרויסער און וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן ביידע קעגנגעזעצטע מיינונגען פון נאטיוויזם און עמפיריזם נישט זיין, די דערפארונג איז לכל הדעות פון דער ערשטער וויכטיקייט פאר דעם קינדס פסיכיק – צי איז זי אן אנהויבערן אין דעם פסיכיק־בוי, ווי ס׳הייסט ביי די נאטיוויסטן, צי נאר א פארזעצערין, א פארטיפערין פון דעם זעלביקן בוי, ווי ס׳הייסט ביי די עמפיריסטן. אפילו די אנהענגער פון דער אנלאגן־טעאריע קענען נישט אויסשליסן די באדייטונג פון דערפארונג, ווייל אנדערש וואלטן דאך די אנלאגן געהאט א פאטאליסטישן כאראקטער, וואלטן זיי דאך–

---

*) ביישפילן ביי פפעסטערן (זייט 186.) Dr. Oskar Pfister: Die Liebe des Kindes und ihre Fehlentwicklungen. Verlag Ernst Birchner Leipzig, 1912.

ווי ס'ווייזט אָן ריכטיק פּפּיסטער — געקענט ביי דער ספּעציעלער אָנ־ווענדונג אויף זיי פון רענטגען־שטראַלן אויף דער אָנלאַגן־בילד פון נייגעבוירענעם קינד, פאָרויס באַשטימען דעם ווייטערן אומפאַרמיידלעכן פּנים פון מענטשן, און די דערציונג וואָלט געווען אומנוצלעך.

אַזוי פּאַסן אָבער אויך די נאַטיוויסטן נישט אויף די אָנלאַגן. זיי האַלטן בלויז, אַז די אָנלאַגן זיינען דער בראשית, דער גרונט־שטיין פון דעם וויכטיגסטן בנין פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. און כּדי דערדאָזיקער בנין זאָל ווערן פעסטער, איז אומבאַדינגט נייטיק אויך לויט זייער מיינונג, דער צעמענט פון דערפאַרונג.

די קעגנזייטיקע באַציונג צווישן געבוירענעם און געוואָרענעם, צווישן אָנלאַגן און דערפאַרונג, אילוסטרירט אַמטרעפלעכסטן פּפּיסטערט גלענצנדיקע אַנאַלאָגיע מיט דער אַנטוויקלונג פון פלאַנץ.*) „די ווייטערע אויסשטאַלטונג פון דעם פלאַנץ איז אָפּהענגיק גלייכצייטיק פון זאָמען און פון ערדשיכט. די געזונטהייט און באַ־פרוכפּערונגס־פעיקייט פון זאָמען איז דער ערשטער פאָרבאַדינג פאַר דער געזונטהייט פון פלאַנץ, ס'איז אָבער נישט ווייניקער וויכטיק אויך דער באָדן, די אין אים אַנטהאַלטענע פעטקייט, פייכטקייט א. א. וו." אויב די ראָל פון ערשטן זאָמען זאָלן שפּילן די אָנלאַגן, דאַן פּילט אויס די ראָל פון באָדן די דערפאַרונג.

און אין דערפאַרונג זיינען פאַראַן געוויסע גראַדאַציעס: דער־פאַרונגס־לאָזיקייט, ווייניקער־פּאַכטיקע, מער פאַרטיקע און אינגאַנצן פאַרענדיקטע דערפאַרונג.

די אייגנאַרטיקע פּרי־קינדערשע פּאָרזיכטיקייט קאָן אפשר אַמאָל זיין אַ פּראָדוקט פון אָנלאַגן, אַממערסטן איז זי אָבער דער רעזולטאַט פון דערפאַרונג, פון האַלב פאַרטיקער, נישט גענוגנדיקער דערפאַרונג.

די פּאָרזיכטיקייט, וואָס קומט פון נישט גענוגנדיקער דערפאַרונג, ווערט ביים קינד אַן אָרגאַנישע נייטיקייט. דאָס איז צו אילוסטרירן מיט אַ סך ראיות. כ'וויל דאָ נאָר דערמאָנען, אַז די זעלביקע פּאָרזיכ־טיקייט איז עס צווישן די ערשטע און גרינטלעכסטע סיבות, מיט

*) Ibid, ז. 18

וועלכע ס'דערקלערט זיך די אַנשטייאונג פון דער ליבע צו עלטערן.
וועגן דער עלטערן־ליבע, אַלס באַדייטנדיקער און עיקדיקער פאַקטאָר
אין פּראָצעס פון קינדסוואַקסן און אומוואַנדלונג פון קינד און דער־
וואַקסענעם וועט מיר שפּעטער אויסקומען צו ריידן אויספירלעכער. דאָ
זאָל נאָר געזאָגט ווערן, אַז די עלטערן פירן אויס אין פרי-קינדערשן על־
טער די ראָל פון אַ אונטערשטיצונג, פון אַ אָנלען אין דער וואַקלעניש
פון נישט גענוגנדיקער דערפאַרונג. די עלטערן אַסיסטירן זייערע קינ־
דער באַ זייער סכנהדיקער און פּאָרזיכטיקער צופּאַסונג צום נאַר האַלב
אומבאַקאַנטן פאַר זיי לעבן.

און דעריבער איז טאַקע די מוטער־ליבע די ערשטע ליבע
פון קינד, ווייל די מוטער איז די ערשטע אַסיסטענטין פון קינד,
די ערשטע אַרויסהעלפערין זיינע אין די פאַרשיידנסטע סכנות פון זיין
נישט גענוגנדיקער דערפאַרונג, דער ערשטער אָנלען אין זיין פאַר־
שטענדלעכער פּאָרזיכטיקייט. דער פאָטער קומט אין קינדס ליבע ערשט
שפּעטער, ווייל ער איז וויטער פון קינד און ער איז נישט ביכולת
צו באַפרידיקן די ערשט פּאָרזיכטיקייט זיינע. דער פאָטער ווערט צו־
ערינגלט אין דער ליבע־קייט פון קינד ערשט דאַן, ווען די נישט
גענוגנדיקע דערפאַרונג ווערט שוין פאַרביטן מיט אַ גרעסערער דער־
פאַרונג, ווען דער גרויסער דערפאַרונגס—בלויז ווערט שוין מער אויס־
געפילט. די מוטער איז דער אָנלען, די רושטעוואַניע פון קינדס פּאָר־
זיכטיקייט דאַן, ווען דער בנין האַלט זיך נאָך אין ערשטן בויען,
דער פאָטער איז שוין דער שטאַרקערער אָנלען, ווען דער בנין איז
שוין כמעט פאַרטיק.

די נישט גענוגנדיקע דערפאַרונג ברענגט אויסער פּאָרזיכטיקייט
נאָך אַ ריי אַנדערע אייגנאַרטיקייטן פון קינד אין זיי פרי־עלטער,
צווישן זיי: די אייגנאַרטיקייט פון דער פרי-קינדערשער באַאָבאַכטונג
און, וואָס ס'איז צונויפגעבונדן מיט דעם, די אייגנאַרטיקייט פון דער
פרי־קינדערשער אַסאָציאַציע. דאָס קינד וואָס איז אויסערלעך אַזוי דיי
נאַמיש, אַזוי פיבערהאַפט טראַנספאָרמיר־אַרטיק, איז, לגבי זיין באַאָ־
באַכטונג, אינערלעך סטאַטיש, סטאַטיש אין זיינע אויפנאַמען און באַ־
גריפן. דאָס קינד באַמערקט נאָר די לעצטע, די אָרדינאַרע געשטאַלטונג
פון אַ דערשיינונג. יעדע באַאָבאַכטונג איז פאַר אים אַ זעלבסטשטענ־

דיקע דערשיינונג אַ פֿאַרבינדונג מיט פריער און שפּעטער. דער כּלל פֿאַר די ערשטע קינדערשע אויפֿנאַמען איז, „אין מוקדם ומאוחר". נישט פֿאַראַן קיין געקייטלטקייט צווישן איינדרוקן, נישט פֿאַראַן קיין אינער־לעכע שטייגערונג און קיין שייכות צווישן באַזונדערע באַאָבאַכטונגען. די אַסאָציאַציעס שאַפֿן באַם קינד פֿון פריסטן עלטער בלויז די שטראָ־מיקייט, די נישט אויפֿהערלעכקייט פֿון באַאָבאַכטונגען, אָבער נישט זייער אינערלעכע פֿאַרבינדונג. און אין דעם טאַקע באַשטייט די אייגנ־אַרטיקייט פֿון די ערשטע קינדערשע אַסאָציאַציעס: זיי זיינען בלויז אַ סיבה, אָבער נישט קיין פּועל־יוצא, זיי לאָזן בלויז די ווייטערע באַאָבאַכטונג אויף די רעלסן, זיי לויפֿן זיי איבער נירט נאָך. דאָס קינד זעט נישט דעם אָנהייב און דעם סוף פֿון דערשיינונגען—ער זעט בלויז זייער מיטן. פֿאַר דעם אָנהייב פֿעלט אים די געניגנדיקע דערפֿאַרונג, פֿאַר דעם סוף פֿעלט אים דאָס געדולד פֿון פֿאַרטיפֿן זיך אויף איין און דערזעלביקער דערשיינונג אויף איר דויערנדיקער פֿאַר־מירונג אין אַנטוויקלונג.

דאָס קינד פֿאָדערט, אמת, אַן אָנהייב פֿון דער באַאָבאַכטעטער דערשיינונג, ער באַגרענעצט, זיך אָבער מיט אַן אילוזאָרישן אָנ־הייב, און אַזאַ אָנהייב איז פֿאַר אים שטענדיק טאַקע דער מיטן, ד. ה. יענער מאָמענט אין דער דערשיינונג, פֿון וועלכן ס'האָט זיך זיין באַאָבאַכטונג אָנגעהויבן.

צו דעם נעזאָגטן איז כּלל קיין סתּירה נישט די קינדערשע נטיה אויסצוגעפֿינען די סיבה פֿון דערשיינונגען, דעם סוד פֿון אַ באַ־וועגונג. דאָס קינד איז אמת אַ תּכלית־מענטש, ער קען זיך נישט באַ־נוגנען מיט זאַכן ווי אַזוי זיי שטעלן זיך אים פֿאָר און וויל דווקא וויסן פֿאַרוואָס זיי זיינען אַזוי און נישט אַנדערש, ער וויל וויסן פֿון וואַנען ס'נעמט זיך, וואָס זיי זיינען אַזוי און נישט אַנדערש. ער געפֿינט אָבער זייער לייכט די געזוכטע סיבה. אַזאַ סיבה איז פֿאַר אים שטענדיק די דירעקטסטע, די נאָענטסטע, די אילוזאָרישע סיבה. זיין דאָרשט נאָך תּכלית קען ער איינשטילן מיט אַן איינאיינציקן טראָפּן. קיין שטראָמען דאַרף ער נישט.

און דאָס איז די סיבה פֿון דער קאָנצענטרישקייט אין קינדס אויפֿנעמען, אין קינדס אַנטוויקלונג. די אמתע אָנערקענונג פֿון אַ

דערשיינונג, די א מ ת ע אָפּשאַצונג פון אַ באַאָבאַכטונג ווערט דורך דעם קינד געמאַכט זייער לאַנגזאַם, בהדרגהדיק, „פון נאָנטן צום ווייטן", פון דער דירעקסטער סיבה צו דער ווייטערשטייענדיקער סיבה, ביז ער זאַמלט אויף גענוג דערפאַרונג, גענוג פאַראַלגעמיינערונגס־פעיקייט אַרומצונעמען אַ קייט פון דערשיינונגען, אויסצוגעפינען די פאַרהאַל־טענע קאַוזאַליטעט צווישן די איינצלנע דערשיינונגען, ביז פון די איינצעלע צושפּליטערטע דערשיינונגען און איבערלעבונגען ווערט פאַר אים אַ האַרמאָנישע וועלט געשאַפן.

דאָס לעגט אומבאַדינגט דעם אייגנאַרטיקייט-שטעמפּל אויך אויף די פרי־קינדערשע אַ ס אָ צ י אַ צ י ע ס. דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון דידאָזיקע אַסאָציאַציעס איז, אין אונטערשייד פון די זעלביקע באַ דער־וואַקסענע, זייער גישט קאָנסטאַנטהייט, זייער באַוועגלעכקייט, זייער שפּרינגעוודיקייט *) וואָלפען געפינט, אַז אַ צוגרויסע געלויפיקייט, צו ווייניק אורטיילס-פאַרגלייכונג און אַנאַליז, צו אָפטע אינדענטיפיקאַציע אויפן סמך בלויז פון די קלענסטע אַנאַלאָגיעס איז פאַראַן נעמלעך אין די ענלעכקייטס־אַסאָציאַציעס.

דאָס קען אָבער פאַרשפּרייט ווערן אויך, מיטן זעלביקן ערפאָלג, אויף די איבעריקע מינים פון אַסאָציאַציעס. שוין אָפּגערעדט פון די שכנות-אַסאָציאַציעס, ווו די געלויפיקייט איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווייל דידאָזיקע אַסאָציאַציעס שאַפן דאָך אויך באַ דערוואַקסענע, לויט זייער תוך, אַ באַדייטנדיקן רעזאָנאַנס פאַר געלויפיקייט, נאָר אַפילו די קאָנטראַסט־אַסאָציאַציעס פון קינד צייכנען זיך אויס מיט זייער באַ-וועגלעכקייט און שפּרינגעוודיקייט. די קאָנטראַסט־אַסאָציאַציעס זיינען דאָך אין עצם נאָר אַ שינוי־הצורה פון די זעלביקע ענלעכקייטס-אַסאָ־ציאַציעס, און אַלץ וואָס איז געזאָגט וועגן ענלעכקייקס-אַסאָציאַציעס, דאַרף ממילא ווערן אָנגעווענדט אויך אויף קאָנטראַסט־אַסאָציאַציעס.

אַלע קינדערשע פאָרשטעלונגען בכלל זיינען הויפּזעכלעך ש פּ ר י נ-ג ע ו ו ד י ק ע אַ ס אָ צ י אַ צ י ע ס. לויט ציהענס באַקאַנטער קלאַסיפיקאַציע**)

---

*) Erich Wulfen: Das kind, sein Wessen u. seine Entartung Verl. Langensecheidt, Berlin 1913

**) Zichen. Ideen assoziationen des Kindes, I–II Bd. Berlin, 1898

באַשטייט די פאָרשטעלוי - פאַרבינדונג בכלל, אין אָפּהענגיקייט פון אָנטייל אין זיי פון געדאַנקלעכן־עלעמענט, פון פאָלגנדיקע צוויי מינים: אַ) שפּרינגעוודיקע אַסאָציאַציעס (למשל, „ראָזע" רופט אַרויס „רויט") און ב) אורטייל אַסאָציאַציעס (למשל, „ראָזע" רופט אַרויס — „די ראָזע איז רויט").

ביי קינדער פון פריסטן עלטער איז די אורטיילס־אַסאָציאַציע ווייניק ווירקזאַם, ווייל אורטייל פאָדערט געדאַנקלעכע אַרבעט, אַנ־דערש גערעדט: פאָדערט דערפאַרונג, פולע דערפאַרונג, וועלכע פאַראורזאַכט, צוליב דער באַוווסטזיניקער באַציונג צו די שטערונגען אין דער דערפאַרונג, דעם שיקול-הדעת. ביי קינדער אָבער פון אַ נישט גענוגנדיקער דערפאַרונג קען די נויטיקע באַוווסטזיניקע באַציונג צו די שטערונגען פון דעם דערפאַרונג נישט זיין און ס'קען ממילא אויך קיין שיקול הדעת נישט זיין. די געראַנקען־אַרבעט באַשטייט לויט איר תוך טאַקע אין דער פעיקייט זיך צו אָריענטירן אין דער רעגלאַמענטאַציע פון „לא תעשה" און „עשה", אין לאַווירן צווישן מעגלעכן און נייטיקן. פאַרן קינד איז אָבער קיין לא תעשהס נישט פאַראַן אינגאַנצן — ווען ער איז דערפאַרונגסלאָז, אָדער קיין באַשטימטע עשה'ס נישט פאַראַן, די עשה'ס ווערן פאַרמישט מיט די לא ת'עשהס צוזאַמען, ווען די דערפאַרונג איז נאָך נישט קיין גענוגנדיקע *) און דעריבער טאַקע קען ביי אים נישט זיין יענע געדאַנקלעכע אַרבעט, וואָס ביים דערוואַקסענעם.

ביים קינד זיינען די געדאַנקען אַממערסטן אימפּולסיווע, דיק־טירט הויפּטזעכלעך, נישט פון פאַרשטאַנד נאָר פון געפיל. דאָס קינד דענקט ווייניקער אין באַגריפן, ווי מיר נעמען עס געוויינלעך אָן. דאָס אַבסטראַקטע איז דעם קינד פרעמד, זיינע פאָרשטעלונגען זיינען קאָנקרעטע און באַציען זיך אויף די וואַרנעמונגס־געגנשטאַנדן אין דעם פרט טיילן זיך די פרי־קינדערשע אַסאָציאַציעס לחלוטין

*) זע דאָס אויבן געזאָגטע וועגן פרי קינדערשער פאַרזיכטיקייט.

אָפּ פון דעם דערוואַקסענעם *) פון דער געלויפיקייט און שפרינגעוודיקייט אין די פרי־קינדערשע אַסאָציאַציעס נעמט זיך אָפּט אַפילו דאָס לאַטענטע פאַרברעכערישע עלעמענטן אין קינדס אַסאָציאַציעס די סיבה: איז ווידער אַמאָל דאָס פעלן פון גענינגנדיקער דערפאַרונג, פון פעיקייט צו געדאַנקלעכער אַרבעט, צו אורטייל, דאָס פעלן פון אינטעלעקטועלע און עטישע העמונגען, וועלכע ווירקן ביי דערוואַקסענע.

און פון דעמדאָזיקן פעלן גופא נעמט זיך, צווישן אַנדערע, אויך די אייגנאַרטיקע אַנטיסאָציאַלהייט פון פרי-קינדערשן עלטער. אין אַנדערע מענטשן נויטיקט זיך דאָס קינד דוקא יאָ און נויטיקט זיך אַפילו שטאַרק, ווייל צוליב זיין נישט גענינגנדיקער דערפאַרונג, מוז ער אָנקומען צו אַן אָנלען, צו אַן אונטערשטיצונג. ער נייטיקט זיך אָבער נאָר אין איינצעלע מענטשן און נאָר אין געוויסע מאָמענטן. די נייטיקייט איז אַ באַגרעניצטע, סיי אין צייטלעכן און רוימלעכן זין, סיי לגבי דער צאָל סוביעקטן (מענטשן), אויף וועלכע זי פאַרשפרייט זיך. דאָס קינד איז עגאָצענטריש אין העכסטן גראַד, ער איז שטארק אוטיליטאַריסטיש: דער אויסגאַנגס־פונקט זיינער ביי אַלע זיינע טאטן, פאר די אלע מיט וועמען און מיט וואָס *). ער קומט אין באַרירונג איז איינאיינציק דער תּכלית, וואָס ער קען פון דעם דערגרייכן. די אַרומיקע וועלט, הן אין איר גאַנצקייט און הן אין אירע טיילן, דעטאַלן איז פאַר דעם קינדערשן עלטער איינאיינציק נאָר אַ קוואַל פון לוסט און אומלוסט: צו די לוסט־שאַפנדיקע אָביעקטן ווערט ער נאָנט (ליבע צו מוטער, פאָטער, ליבע צו דער ליאַלקע א. אַ.). פון די אומלוסט שאַפנדיקע אָביעקטן דערווייטערט ער זיך.

דאָס קינד איז אוממיטלבאַר, זיין אויסוואַל איז אַ בולטער, קאָמ־

---

*) אויספירלעך וועגן די אייגנאַרטיקייטן פון קינדס אסאציאַציעס ביי ציהען אין ציטירטן ווערק.

ס'איז ביי אים נאָך, אגב, נישט פֿאַראַן קיין אונטערשייד צווישן „וועמען" און „וואָס", די בעלי חיים און דער דומם שפּילן ביי אים די־עלביקע ראָל, ווייל ער פֿאַרמאָגט די אייגנאַרטיקע קונסט צו טראַנספֿאָרמירן ווילקירלעך, לויט זיין ווונטש אין געגעבענעם מאָמענט דעם דומם אין אַ חי (פֿערד פֿון שטעקן), סיי דער חי אין אַ דומם.

בינאַציאָנסלאָזער. און דעריבער קען ער אין זיין זעלבסטפאַרטיידיקונג, ביי זיין נישט גענוגנדיקער דערפאַרונג אָנקומען נאָר צו איינצעלע מיטגלידער פון דער געמיינשאַפט. ער דאַרף אָבער כלל נישט די גאַנצע געמיינשאַפט אַלס אַזעלכע. פון דעם געזאָגטן וואָלט מען אָבער געקענט דרינגען בלויז די אַסאָציאַלהייט פון פריקינדערשן עלטער. אין דער אמת באַשטייט אָבער די זאַך נאָך אַנדערש: דאָס קינד איז נישט בלויז אַסאָציאַל, נאָר אַנטיסאָציאַל. ער קומט נישט אָן צו דער געמיינשאַפט נישט בלויז דערפאַר וואָס זי, די געמיינשאַפט, געפינט זיך נאָך נישט אויף דער ליניע פון זיין זעלבסט-דערהאַלטונג, ער קומט צו איר נישט אָן בעיקר דערפאַר, וואָס זי איז קעגן זיין זעלבסטדערהאַלטונג. דער עלעמענטאַרסטער תוך פון יעדער געמיינשאַפט האַלט זיך דאָך, צווישן אַנדערע, אויף צוויי הויפט-זיילן, וועלכע זיינען בפירוש קעגן די אינטערעסן און פסיכישן בוי פון פריקינדערשן עלטער: א) ווילקירלעכער דרוק אויף די מיטגלי-דער פון דער געמיינשאַפט און ב) אורטיילספעציקייט וועגן דער אומ-פאַרמיידלעכקייט און נוצלעכקייט פון דעמדאָזיקן ווילקירלעכן דרוק. מענטשן קענען נישט לעבן אין איינצל, אָפגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, זייערע אינטערעסן פאָדערן אַ קאָנטאַקט, אַ צוזאַמענבונד צווישן אַלע מיטמענטשן פון אַ געוויסער סביבה אין אַ באַשטימטער באַפאַר-בונג: עטנאָגראַפישער, נאַציאָנאַלער, סאָציאַלער א. אַ. וו. די געמיינ-שאַפט איז איינער פון די באַפעלן פון דער צוועקמעסיקייטס-געזעצ-געבונג. די איינצעלע מענטשן, מיטגלידער פון דער געמיינשאַפט, גלידערן זיך אין איר איין נישט לויט זייער אייגענעם ווילן, לויט דעם ווילן, וואָס קומט פון אינערן, נאָר אַ דאַנק אַן אויסערלעכן ווילן, אַ דאַנק דעם מוז פון לעבן. און די געמיינשאַפט באַגרעניצט טאַקע די אינדיווידועלע פרייהייט פון איינצלנעם מענטשן, זי צווינגט אויף צוזופאַסן זיך צום אַלגעמיינעם נוץ, אָפצוטעמפן די שאַרפקייט פון אינדיווידועלן „איך", לטובת דעם געמיינשאַפטלעכן, דעם געזאַמטן „איך".

אויף אַזאַ קרבן איז אָבער דער דורכויס אינדיווידועל-איינגע-שטעלטער פריקינדערשער „איך" נישט פעיק. דאָס קינד האָט ליב — און די ליבע איז נישט קיין אָנגעבונדענע, נישט קיין פלאַטאָנישע,

נאָר אַן אָרגאַנישע — די אַבסאָלוטע פרייהייט, און ער איז ממילא קעגן אַלעס, וואָס קען דידאָזיקע פרייהייט באַגרענצן. ער איז דורכדעם אויך קעגן דער פרייהייט־באַגרענצונג מצד דער געמיינשאַפט, ער איז אַ שונא פון דער געמיינשאַפט.

דאַרווינס כלל, אַז „דער מענטש איז אַ סאָציאַלע חיה" איז ריכטיק, ווען ער באַציט זיך שוין אויף דעם אויסגעפאַרטיקטן, דערפאַרונגספולן דערוואַקסענעם. ער דאַרף אָבער פאַרשטאַנען ווערן מיט גרויס פאָרבאַהאַלט, ווען מיר ריידן וועגן דעם ערב מענטש, וועגן דעם קינד אין זיין פריסטן עלטער, אין זיין אָנגעהויבענער אָבער נאָך נישט פאַרענדיקטער, נאָך נישט גענוגנדיקער דערפאַרונג.

מיט דערדאָזיקער שנאה צו דער געמיינשאַפט, מיט דערדאָזיקער אָרגאַנישער פריקינדערשער אַנטיסאָציאַלהייט דערקלערט זיך, צווישן אַנדערן, די נישט צופרידנהייט — לייכט אויסגעדריקט — פון קינד, ווען מ'ברענגט אים אַריין צום ערשטן מאָל אין שול. דער ערשטער טאָג אין שול איז געוואָרן די באַצייכנונג פון אַ קינדערשער טראַגעדיע אין אַלע אויטאָביאָגראַפיעס, דער ערשטער טאָג אין שול איז אַלע מאָל אַן אומלוסט פאַקט, וועלכער האָט זיין שפור געלאָזן אין דער וועלט־ליטעראַטור. און די אומצופרידנהייט, דער שלעכטער געמיט וואָס דער ערשטער טאָג אין שול שאַפט ביים קינד נעמט זיך בעיקר נישט פון דער מורא אָדער אַנטיפּאַטיע צום איינצעלן פון דערדאָזיקער געמיינשאַפט, צום לערער, ווי מ'רעכנט דאָס רוב, נאָר בעיקר פון דער מורא און אַנטיפּאַטיע צו דער געמיינשאַפט אינגאַנצן. די שול־געמיינשאַפט לייגט אַרויף אויף דעם קינד פליכטן, פון וועלכע ער האָט פריער נישט געוווּסט, דאָס הייסט אָבער נישט, אַז ער האָט דאָ באַקומען פליכטן צום ערשטן מאָל, אַז ביז זיין אַריינקומען אין דער געמיינשאַפט, האָט ער נאָך פון קיין נעמיינשאַפט נישט געוווּסט און פון קיין פליכטן נישט געוווּסט. אַזעלכעס וואָלט געקענט געזאָגט ווערן וועגן אַ פולשטענדיק דערפאַרונגסלאָזן קינד. דאָס קינד, וואָס קומט אָבער אין שול איז שוין אַ קינד מיט דערפאַרונג, מער נישט זיין דערפאַרונג איז נאָך נישט קיין גאַנץ אויטגעפאַרטיקטע, זיין דערפאַרונג איז נאָך אַ נישט גענוגנדיקע. ער שוין אויך פריער געוווּסט פון געמיינשאַפטן. יענע זיינען אָבער געווען אַנדערש פון דער,

אין וועלכער ער קומט איצט אַריין, יענע האָבן ווייניקער באַגרעניצט זיין פרייהייט, ווי די איצטיקע. פריער, למשל, האָט ער געהאַט פאַר זיך די ענגערע געמיינשאַפט פון דער משפחה, פון קינדער־צימער, איצט קומט צו אַ נייע געמיינשאַפט: די שול. צו די פריערדיקע געמיינשאַפטן האָט ער זיך שוין צוגעוווינט. מיט דער געזעצגעבונג און פליכטן־רעגלאַמענטאַציע פון יענע האָט ער זיך שוין איינגעלעבט און ער נעמט שוין זיי אָן אַלס אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. לגבי זיי ווירקט שוין נישט זיין ווידערשטאַנדס־פעיקייט. זיי רופן שוין ביי אים נישט אַרויס קיין רעאַקציע. די נייע געמיינשאַפט איז אים נאָך נישט באַקאַנט. אירע פליכטן ווייזן אויס אומגערעכט צוליב זייער נייקייט און זיי רופן ביי אים אַרויס ממילא אַ העפטיקן ווידערשטאַנד.

די נייע געזעלשאַפט איז, אויף אַזאַ אופן, נישט קיין אורשפרינגלעכע פאַרן קינד אין איר כראָנאָלאָגישער ריי. זי איז אַלנפאַלס, ווייזט זיך עס אָבער אים אויס, דאָך אַן אורשפרינגלעכע לויט איר שאַרפקייט און אומבאַקאַנטקייט און אירע פליכטן האָבן פאַר דעם קינד אַ באַזונדער דריקנדיקע ווירקונג. די דריקנדיקע ווירקונג פון דער נייער געמיינשאַפט נעמט זיך אָבער שוין, אויסער דעם פאַקט אַליין פון איר נייקייט, פון אַ צווייטער, נאָך מער וויכטיקער סיבה: די פליכטן זיינען דאָ אָביעקטיוו שווערערע, דער צוואַנג אַן אָביעקטיוו שטאַרקערער. וואָרום אין דעם באַשטייט טאַקע דער תוך פון דער צופאַסונג צום לעבן, דער פראָצעס פון דער איינגלידערונג אין דער געמיינשאַפט, וואָס דידאָזיקע איינגלידערונג קומט פאָר בהדרגהדיק, קאָנצענטריש, וואָס ס'קומען אָן אַלץ נייע געמיינשאַפטן און יעדע פון זיי, יעדע פאָלגנדיקע געמיינשאַפט איז ענגער, שווערער, אויפדרוקנדיקער פאַר דער פאָריקער. דאָס וואָלט זיך פאָרגעשטעלט גראַפיש אַזוי: דאָס קינד נאָך זיין געבוירן ווערן געפינט זיך אין אַ פולשטענדיקן פרייען חלל, אין אַ בלימה פון געזעצלאָזיקייט און געמיינשאַפטסלאָזיקייט. הויבט אָבער די צוועקמעסיקייט פון לעבן אַרומצוכאַפן דעם פולשטענדיקן פרייען קינד מיט קרייזן פון געזעצן און פליכטן, מיט געמיינשאַפטן, וועלכע האָבן רעגלאַמענטאַציעס פון „אסיר" און „מותר", „לא תעשה'ס" און „עשה'ס".

כדי די אַרומרינגלונג, די אַרומצאַמונג זאָל אָבער פאָרקומען נישט באַמערקבאַר — אויף דעם איז דאָך עס *צוועקמעסיקייט* פון לעבן — ווערט פריער געשאַפן אַרום קינד אַ ברייטער קרייז מיט אַ גרויסן אומפאַנג, אַזוי אַז דאָס קינד מיט זיינע קורצזיכטיקע, צוליב דערפאַרונגסלאָזיקייט, אויגן, באַמערקט אַפילו נישט, אַז ס׳זיינען געשאַפן צאַמען אַרום זיין פרייען, אַרום זיין אייגענעם ווילן, ווי אַזוי זיין „איך וויל" ווערט אָפּגעטיילט ביסלעכווייז פון זיין „איך וועל". ווערט דער ערשטער ברייטערער קרייז פאַרטיק, ווערט שוין דערדאָזיקער קרייז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג פאַרן קינד, און רופט שוין נישט אַרויס קיין איבעררעשונג, קיין אומצופרידנהייט, ווערט דאַן געשאַפן אַ נייער קרייז, אַן ענגערער, שפּעטער ווידער אַ נייער קרייז נאָך אַן ענגערער א. אַ. וו. דער ערשטער קרייז, די ערשטע געמיינשאַפט איז די סביבה פון טאַטע־מאַמע, ברידער שוועסטער — די מילדערע סביבה פון נאָכגיביקע, ליבנדיקע און נאָנטע מענטשן. שפּעטער קומט צו דער מער אויפדריקנדיקער, ענגערער קרייז פון חברים, נאָך שפּעטער פון אַנדערע מענטשן, פון שול־געמיינשאַפט א. אַ. וו. און אַזוי אַרום ווערט דאָס קינד אַריינגעצויגן אומבאַמערקט פאַר אים אַליין אין די דערדריקנדיקע אָרעמס פון דער אומגעבונג, אַזוי ווערט עס ביסלעכווייז, אָן אַ באַזונדער שאַרפער עמפּינדלעכקייט פאַר אים, אַ קנעכט פון דערדאָזיקער אומגעבונג, אַנדערש גערעדט — אַ דערוואַקסענער.

דאָס וואָרט „אומבאַמערקט" לגבי דעם איבערגאַנג מצד דעם קינד פון איין געמיינשאַפט אין דער אַנדערער, פון דער ברייטערער אין דער ענגערער, דאַרף אָבער פאַרשטאַנען ווערן אין רעלאַטיוון זין. *אומבאַמערקט* הייסט דאָ באמת *ווייניקער באַמערקט*, ווייניקער, ווי ווען די בהדרגהדיקע איבערגאַנגען וואָלטן נישט געווען, ווען דאָס פאַרביטן ווערן פון איין געמיינשאַפט מיט דער אַנדערער וואָלט געווען אַ פּלוצלינגע, אַ מיט אַמאָליקע. אין יעדן קאָנקרעטן איבערגאַנג אָבער באַמערקט עס דאָס קינד דווקא יאָ און פאַרהעלטניס־מעסיק גענוג שאַרף, און פון דעם נעמט זיך טאַקע די טראַגעדיע פון דער קינדהייט, פון וועלכער ביי דיכטער און קינדער־פריינט געפינט זיך אַזוי פיל — כאָטש נאָך אַלץ נישט אין דער גענוגנדיקער מאָס

פאַרשטענדניש. ביי יעדן קאָנקרעטן איבערגאַנג פון איין געמיינשאַפט צו דער צווייטער פילט דאָס קינד ווי ס׳ווערן ביי אים אָפּגעהאַקט אַלץ מער די פליגלען פון פרייהייט, ווי ס׳ווערן אים אָנגעבונדן פרעמדע פאַר אים נישט פאַרשטענדלעכע ווילנס. און ער ליידט פון אויפגעצוווּנגענעם ווילקיר. ער איז נישט צופרידן, ער ווערט אָנגעפילט מיט אָפּשטויסונגס־ און אַגרעסיאָנס־געפילן צו דער נייער ענגערער געמיינשאַפט, ער ווערט אַן אַנטי פון דער נייער געמיינשאַפט.

אין דערדאָזיקער אַנטיגעמיינשאַפט־באַציונג פון קינד שפּילט אָבער אַ ראָל נאָך אַ סיבה און די סיבה איז די ווענזנטלעכסטע. אים פעלט דער צווייטער הויפּט־צייל, אויף וועלכן ס׳האַלט זיך די מענטשלעכע געמיינשאַפט, אים פעלט די פעיקייט צו אורטיילן וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט און נו׳ציקייט פון געמיינשאַפטלעבן ווילקיר. אומפאַרמיידלעכקייט און נוציקייט זיינען נישט קיין סינאָנימען, נאָר צוויי באַזונדערע באַגריפן. דאָס נישט גענוג דערפאַרענע קינד איז לויט זיינע אַסאָציאַציעס, פאָרשטעלונגס־לעבן און גאַנצער פּסיכישער איינשטעלונג בכלל נאָך זייער נישט קאָנסטאַנט, זייער באַוועגלעך, ער ווייסט נאָך זייער ווייניק וועגן דער פאַטאַלהייט און אומפאַרמיידלעכקייט, וועגן דער אויסער אים שטייענדיקער קראַפט, וועלכע לאָזט זיך נישט אָנפירן און אַפילו קאָרעגירן. ער גלויבט אין זיין טיפער נאַיוויטעט, אַז ער איז דער צענטער פון גאַנצן אַרום, אַז אַלץ ווערט פון אים אַליין באַדינגט און פאַראורזאַכט. טרעפט ער זיך אויף אַן אומלוסט־קוואַל, ווי די נייע געמיינשאַפט, קען ער זיך נישט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל נישט זיין בכח אים צו באַזייטיקן, אַז ס׳זאָל זיין עפּעס אַ געהיימע קראַפט, וועלכע זאָל שטערן אים צו דערווייטערן דאָס אומלוסט. ער קען זיך נאָך נישט באַרויקן, ווי די דערוואַקסענע, אויף דער אָנערקענונג פון דער אייגענער אָנמעכטיקייט, ער פאַרזוכט אַקטיוו אָפּצווווענדן דאָס אומלוסט און ווען ס׳געלינגט אים נישט, ווערט ער נאָך מער אַגרעסיוו, מער פּראָטעסטאַנטיש, אין קאַמף פון פריקינדערשן עלטער מיט דער נייער געמיינשאַפט איז פאַראַן עפּעס פאַרעקשנטעס, טעמפּעס און אוממיטלבאַרעס פון יענעם בער אין לאַפּאָנטענס פאַבל, וועלכער שטויסט אָפּ מיטן שטערן די קלאָץ פון בינשטאָק, שטויסט אָפּ, שטויסט אָפּ, און יעדן מאָל גיט אים די אָפּ־

געשטויסענע קלאָץ אַ קלאַפּ אין קאָפּ, וואָס שטאַרקער דער שטויס, אַלץ שטאַרקער דער קלאַפּ. נאָך וויניקער איז דער פריקינדערשער עלטער צוגעגרייט צו פאַרשטיין די נוציקייט פון דער געמיינשאַפטס־צוואַנג. פאַר אַזאַ פאַרשטיין פאָדערט זיך אַן אַבסטראַקטע אינטעלעקטועלע אַרבעט, וועלכע איז אין איר ריי אַ רעזולטאַט פון אַ גרויסער קייט און דערביי איבערגעחזרטע דערפאַרונגען. פאַר אַזאַ פאַרשטיין פאָדערט זיך אַן אורטייל־פעיִקייט, וועלכע נעמט זיך פון פאַרגלייכן דערפאַרונגען איינע מיט די אַנדערע, פון דורכפירן פאַראַלעלן. דאָס אַלץ פאַרמאָגט נאָך אָבער דאָס קינד נישט. און דעריבער נעמט ער, דער שטאַרקסטער אָנהענגער פון נוציקייט, דאָס נוציקע אָן פאַר אומנוציק און שטעלט זיך קעגן דעם מיט אַלע שוואַכע כחות זיינע, מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון זיין פראָטעסטאַנטיזם.

ווייטער וועלן מיר זען, אַז אין קינדס ליבע גופא איז פאַראַן שנאה. די ליבע זיינע איז אַ פאַרדרייִנגטע אַנטיפּאַטיע, דאָ זאָל נאָר באַטאָנט ווערן, אַז די ליבע פון קינד גופא איז די בעסטע אילוסטראַציע פאַר דעם קינדס אַנטיסאָציאַלהייט.

די פריקינדערשע ליבע, ווי די פריקינדערשע שנאה, די סימפּאַטיע פון קינדער, ווי זייער אַנטיפּאַטיע, ציי־כנען זיך, ווי געזאָגט, בכלל אויס מיט זייער נישט קאָנסטאַנטהייט. דער כלל פון „נוח לכעס" און „נוח לרצות" איז באַזונדער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פריקינדערשער פּסיכיק. וואָלפען *) זאָגט ריכטיק וועגן די פריקינדערשע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס: קינדער זיינען נישט פעיִק צו טיפער צונייגונג. פונקט ווי זיי זיינען נישט פעיִק צו טיפער אָפּנייגונג, קינדערפאַריינטשאַפט איז דעריבער נישט געפערלעך, פונקט אַזוי ווי קינדערליבע איז נישט זיכער. די ליבע איז, אמת, אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג אין דער קינדערשער סביבה, אַ סך אַן אָפטערע, ווי ביי די דערוואַקסענע. די קינדערשע ליבע איז קוואַנטיטאַטיוו שטאַרק, זי איז אָבער דערפאַר פון נישט גרויסער קוואַליטאַטיווער זוויכטיקייט, ווייל זי צייכנט זיך אויס מיט צוויי אייגנאַרטיקייטן: א) זי איז דאָס רוב

*) ז. 131 .Wallfen, Ibid

פֿאַראיבערגייענדיק און ב) שטענדיק נישט געניגנדיק מאָטיווירט.
די קינדערשע ליבע־באַציונג קען פֿאַרגליכן ווערן מיט ראַקעטן, וועל־כע פֿלאַקערן אויף העל און ראַשיק, און ווערן אָבער תּיכּף פֿאַרלאָשן און פֿאַרשוווּנדן. פּונקט ווי אַ קינד קען שנעל אַרויסגעבראַכט ווערן פֿון געדולד (געדולד בכּלל איז אַ זאַך פֿון דערפֿאַרונג, געדולד אַלס סינאָנים פֿון גלײַכגעוויכט איז פֿאַר דעם פֿיבערהאַפֿטן צושטאַנד פֿון קינד, וועלכע האַלט אין איין אַנטדעקן נײַע וועלטן, און אומאויפֿ־הערלעך דורכצומאַכן עקספּערימענטן און צוצופּאַסן זיך צו פֿרעמדע, לגבּי דעמדאָזיקן קינד דאַרף געדולד בכּלל פֿאַרשטאַנען ווערן רעלאַ־טיוו) און ווערט אַזוי שנעל אָנגעלאָדן מיט צאָרן און כּעס, דער כּעס איז אָבער, ווי די ליבע, אַ פֿאָראַובערגייענדיקער און אַ נישט געניגנ־דיק מאָטיווירטער. האָט בײַ האַנט מיטן כּעס קומט בײַם קינד די גיכע סליחה, די גרייטקייט צו פֿאַרגעסן די פֿאַרשאַפֿטע באַליידיקונג. יעדע נײַע לוסט־עמפּינדונג איז בכּח תּיכּף אויפֿן אָרט אויסצומעקן יעדן שפּור פֿון ערשט געוועזענער אומלוסט־עמפּינדונג. פֿיל איבער־צייגנדיקע אילוסטראַציעס צו דער אייגנאַרטיקער פֿריקינדערשער פֿאַר־געבן־וויליקייט, צי זיין וואַרפֿן זיך מיט הינדולגענציעס פֿאַר באַגאַנ־גענע קעגן אים חטאים קען מען טרעפֿן אין די קינדער־מעשהלעך.
אין די לעצטע גייען פֿאַראַלעל צוויי מאָמענטן, וואָס זיינען, דוכט זיך, פֿון ערשטן בליק איינע די אַנדערע סותר, אָבער וועלכע זיינען אַזוי צווייאייניק דוקא פֿאַר דער פֿריקינדערשער פּסיכיק: א) אויסער־געוויינלעכע אכזריות (די קינדערשע באַקאַנטע אכזריות, אויפֿן סמך פֿון וועלכע אַ סך פֿון די עלטערע קינדער־פּסיכאָלאָגן האָבן אפֿילו אויפֿגעבויט זייער שטאַנדפּונקט וועגן דער אורשפּרינגלעכער בייזקייט און דעמאָנישקייט פֿון דער קינדער־נאַטור איז דאָך, ווי מיר וועלן זען ווייטער אויספֿירלעכער צו דערווייזן, אויך נאָר אַ רעזולטאַט פֿון פֿריקינדערשער דערפֿאַרונגסלאָזיקייט, אויך נאָר איינער פֿון די מיט־לען אויפֿן וועג פֿון ערשטער באַגעגעניש מיטן פֿרעמדן אַרומיקן לעבן און אויסערגעוויינלעכע סליחה־גרייטקייט. אַלץ איז אין דעם קינדער מעשהלע „כחומר ביד היוצר” און די הענט פֿון קינדס אומבאַגרע־ניצטער פֿאַנטאַזיע און אומבאַגרעניצטן פֿרייען ווילן. בײַ אומלוסט־אָביעקטן אין דער קינדער־מעשהלע האָבן דעם זעלביקן גורל. אַמאָל

קען, למשל, די שלעכטע שטיפמוטער באַשטראָפט ווערן מיט די גרויזאַמסטע, ממש סאַדיסטישע אופנים און אַמאָל ווערט זי פלוצלונג באַגנעדיקט. אַמאָל ווערט פאַר איר געשאַפן, אַלס שטראָף־מיטל אַ דאַנטישער גיהנום, און אַמאָל עפנט דאָס קינד פאַר איר פלוצלונג אויף אַלע טויערן פון גן־עדן. דאָס איבערראַשנדיקע, דאָס פלוצלינגדיקע, דאָס שפרינגעוודיקע, וואָס איז דאָך בכלל די אייגנאַרטיקייט פון פריקינדערשן עלטער, קומט אויך דאָ צום אויסדרוק. אַ קינד קען מען איינשטילן מיט אַ צוקערל, אין רעכטן ברען פון זיין צאָרן קען מען אים באַרויקן מיט די קלענסטע מיטלען ביי דער מינדסטער אָנשטרענגונג. דאָס איז אַ כלל, וועלכער איז גענוג באַקאַנט אַלע די, וועמען ס׳קומט אויס צו קומען אין באַרירונג מיטן קינד.

ביישפילן פון דער ליטעראַטור וואָלט מען געקענט ברענגען אַ גאַנצע מענגע. איך וועל זיך דאָ באַנוגנען מיט איין ביישפיל פון דער יידישער ליטעראַטור. אין שלום עליכמס „אַ בלעטל שיר השירים״ גיסט די קליינע בוזי אויס איר ביטער האַרץ פאַר איר ענטוזיאַסטישן קינדהייטס־חבר שימעק. יענער ווערט אָנגעצונדן פון בוזיס שנאה פלאַם צו איר מוטער, וועלכע איז באַגאַנגען אַזאַ אומפאַרגעבלעכע און שווערע טאַט לגבי איר, האָט זי פאַרלאָזן און חתונה געהאַט מיט אַן אַנדער מענטשן נאָך דעם טויט פון איר געליבטן פאָטער און זי, די שלעכטע מאַמע, וויל אַפילו נישט וויסן וועגן איר פאַרוואָרפענער טאָכטער. שימעק, אַ גאַלוואַניזירטער פון זיין חברטעס געראָכטן צאָרן, איז גרייט נקמה צו נעמען פון דער שלעכטער מוטער, איז גרייט צו לאָזן פאַר זיין נקמה די שווערסטע און שאַרפסטע געווער פון זיין קינדיש־אומבאַגרעניצטן אַרסענאַל. דאַכט זיך, אַז בוזי, וועלכע איז געווען די סיבה פון שימעקס נקמה-גרייטקייט און וועלכע גלויבט אין זיין אַלמאַכט, האָט געדאַרפט זיך אָנכאַפן פאַר זיינע נקמה־פּלענער, ווי פאַר אַ געווונטשענער זאַך. זי ווערט אָבער פלוצלונג סליחה־פול און אַזוי ווייכהערציק, אַז אָנשטאָט צו שטאַרקן שימעקס נקמה־גרייטקייט, פאַרנעמט זי זיך, פאַרקערט, מיט אויסלעשן זיין דורך איר אַרויסגערופענעם צאָרן און האַלט אים אָפּ פון „אויספילן״ זיינע פּלענער. מ׳וועט קענען זאָגן, אַז דער גיכער איבערגאַנג דערקלערט זיך מיט בוזיס קאַלטן טעמפעראַמענט, מיט איר אַלגעמיינער רויקייט —

דאָס וואָלט אָבער געווען נישט אמת: איר פלעגמאַטישקייט, ווי ס׳איז צו זען פון גאַנצן לויף פון דער ציטירטער נאָוועלע, איז דאָך נאָר אַן אויסערלעך הייטל אויף אַן אינערלעך־ברויזנדיקער נאַטור, בוזי קען דאָך אַרויסווייזן אַזוי פיל טעמפּעראַמענט בנוגע צו שימעקן גופא. אלא וואָס דען? — אין פאַל פון איר אָפּהאַלטן שימעקס נקמה-גרייטקייט קומט צום אויסדרוק די אָנגעוויזענע נטיה פון פריקינדערשן עלטער, דאָס פּיבערהאַפטע איבערשפּרינגען פון צאָרן צום רחמים, פון כּעס צו סליחה.

און די סיבה איז ווידער אַמאָל דיזעלביקע: די נישט געניגנדיקע דערפאַרונג, דאָס פעלן פון פאַרהאַרטעוועטער אורטיילס־פעיקייט, וועלכע זאָל העמען דעם כּעס און נישט דערלאָזן צו גיכער סליחה. דאָס פעלן פון פאַרגלייכונגס-קענטניש צווישן „מותּר" און „אסור" דאָס פעלן פון דער קענטניש צו פאַראַלעליזירן דאָס „כ׳וועל" מיט דעם „כ׳וויל". פון דעם נעמט זיך די גיכע ערעגנונג, דער שנעלער כּעס-אויסשטורץ און גלייכצייטיק אויך דאָס גיכע פאַרגעסן פון דער כּעס־סיבה. יעדע נייע אילוזאָרישע — אַ קינד דאַרף דאָך נישט קיין סך, זיין פאַנטאַזיע דערגאַנצט און פילט אויס דעם חלל — קאָמפּענסאַציע פון פריערדיקער אַראָפּזעצונג פון זיין פערזענלעכקייטס-געפיל (שפּעטער וועגן דעם אויספירלעכער) ברענגט שוין דעם קינד פרייד, ברענגט אים גלייכגעוויכט. דאָס קינד זאָל אין דעם זין געגליכן ווערן צו דעם צירק־קינסטלער, וואָס וואַלאַנסירט אויף אַ דראָט. ס׳איז אים לייכט אויפצוהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט, ווייל זיין נשמה, ווי יענעמס קערפּער, איז עלאַסטיש, נאָך נישט שווער וואָגיק און מאַסיוו געוואָרן אונטער דעם יאָך פון דערפאַרונג. ער טוט זיך אַמאָל אַ בויג רעכטס לינקס, גלייכט זיך אָבער תּיכף אויס, קאָמפּענסירט מיט אַ לייכט, בויג אין דער פאַרקערטער ריכטונג און דער גלייכגעוויכן ווערט איינגעהאַלטן. דידאָזיקע עלאַסטישקייט בילדעט טאַקע די הויפּט אייגנאַרטיקייט פון פריקינדערשן עלטער לגבי דעם דערוואַקסענעם אין דעם פּרט קען דאָס קינד קעגנגעשטעלט ווערן דעם דערוואַקסענעם, ווי אין דער באַקאַנטער פאַבל דער דעמב דעם טראָסט־ביימל. אין פריקינדערשן עלטער איז דאָס קינד אַ טראָסט־ביימל, וועלכער בייגט זיך אין אַלע זייטן, איז אַלע קעגנזעצלעכע ריכטונגען, בלייבט

אָבער שטענדיק גאַנץ. דער שפּעטערער עלטער פון דערוואַקסענעם, די דערפאַרונג גיסט אָן זיין מענטשלעכע נשמה מיט אַ שווערער בליי־מאַסע, מאַכט אים אויס באַוועגלעך און ברענגט אָבער דורכדעם גופא צו דער סכּנה פון איבערגעבראָכן ווערן.

און דאָס איז דער גורל – אפשר די טראַגעדיע – פון קינד, וואָס ער ווערט, וואָס ער מוז פון נישט געניגנדיקער דערפאַרונג צו אַ פולשטענדיקער דערפאַרונג דערגרייכן, וואָס ער ווערט און מוז פון אַ בייגעוודיקן טראָסט-ביימל אין אַ מאַסיוון דעמב זיך פאַרוואַנדלען. ער ווערט מוזן אַרומגעוואַקסן ווערן מיט דער שווערער קאָרע פון דערפאַרונג, ווערט אַליין מוזן ווערן גלייך צו יענעם דערוואַקסענעם, מיט וועלכן ער האָט איצט זיין ערשטע באַגעגעניש.

דערדאָזיקער פּראָצעס פון ווערן מאַסיוו, פון פאַרלירן די אייגערלעכע פּסיכישע עלאַסטישקייט, איז אַ גאַנץ שווערער. דאָס קינד מאַכט אים דורך, אָנהויבנדיק פון זיין פריסטן עלטער, מיט שטאַרקער שפּאַנונג און אָנשטרענגונג, ער מוז אים אָבער דורכמאַכן. די פעסטשטעלונג פון פּרייער, *) אַז אויף אַלע לוסט-עמפּינדונגען רעאַגירט דאָס קינד מיט אָפענע אויגן און אויף אַלע אומלוסט-עמפּינדונגען מיט פאַרמאַכן די אויגן, קען סימבאָליש אויסגעטייטשט ווערן:

ביי לוסט־עמפּינדונגען שטאַרקט זיך די פּערזענלעכקייט פון קינד, זיין גלויבן אין זיך און אין דער וועלט, אַלס קוואַל פון אַלץ פאַר אים מעגלעכן, צוגענגלעכן און אויספילבאַרן. ביי אומלוסט שטאַרקט זיך, פאַרקערט, די גרינגעווערטיקייט פון קינד, די קוסט-עמפּינדונגען גיבן דעם קינד שליסלען אין האַנט צו די טויערן פון לעבנס־לאַבירינט. אומלוסט, פאַרקערט, שליסט פאַר אים אולברחמנותדיק די טויערן, ווייזט אים זיין הילפלאָזיקייט און אוממעכטיקייט.

דער זעלביקער זין איז אויך אין תּלמודישן: **) „אַז אַ מענטש ווערט געבוירן, זיינען זיינע הענט פאַרמאַכט, ווי ער וואָלט זאָגן:

---

*) ז. 90 Preyer: Die Seele des Kindes.

**) „תּני בשם רבי מאיר: כשאדם בא לעולם, ידיו קפוצות, כלומר: כל העולם כלו שלי הוא. וכשאדם מת, ידיו הן פשוטות, כלומר: לא נחלתי מן העולם הזה כלום (בב"ר ח' יד)."

די גאַנצע וועלט איז מיינע, ווען אַ מענטש שטאַרבט, זיינען זיינע הענט אָפּענע, פּונקט ווי ער וואָלט זאָגן: איך האָב פון דער גאַנצער וועלט גאָרנישט גענאָסן."

אין דעם ערשטן באַדייטנדיקן דערפאָלג (אָדער מפּלה) ביי דעמ־דאָזיקן איבערגאַנג פון אָפּענע אויגן צו פאַרמאַכטע, פון פאַרמאַכטע הענט צו אָפּענע, אין דעם איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסנקייט איז — קודם כל אַנטהאַלטן די ערשטע זעלבסטבאַשטייונג פון קינד, זיין ערשטער אויסגעפינען זיך אַליין. מיט דעם מאָמענט, ווען דאָס קינד דעראָבערט זיין ערשטן „איך", איז ער שוין איבערגעשטיגן די דעמאַרק-ליניע צווישן קינד און דדרוואַקסענעם, געפינט ער זיך שוין אויפן וועג פון און צום דערוואַקסענעם. ס'איז אַ פראַגע, צי איז דער ערשטער ארטיקולירטער, שפּראַכלעכער „איך" פון קינד טאַקע אַ סימן פון זיין ערשטער אויסגעפאָרמירטער זעלבסטבאַשטימונג. אויף דער־דאָזיקער פראַגע וועגן דער קעגנזייטיקער שיכות צווישן דעם באַ־וואוסטזיניקן „איך" און שפּראַכלעכן „איך" ביים קינד און וועלכער איז פון זיי פריער — ווערן געגעבן פאַרשידענע ענטפערן. נאָך איידער מ'האָט זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט קינדער פּסיכאָלאָגיע, אַלס אַזעלכער איז געווען אויפפאַלנדיק, וואָס דאָס וואָרט „איך" ווערט פון קליינע קינדער אַזוי שווער אויפגענומען. די סיבה קען דאָך נישט זיין די שווערקייט פון וואָרט פאַר דער אויסשפּראַך. אין אַלע שפּראַכן, פאַרקערט, געהערט דאָך דאָס וואָרט „איך", לויט זיין פאָנעטיק, דווקא צו די לייכטסטע און באַקוועמסטע פאַר דער אויסשפּראַך. ווען מ'לעגט פאַר אַ קליין קינד נאָכצומאַכן „איך", טוט ער עס זייער לייכט (אַזעל־כע פּרווון האָט, למשל, דורכגעמאַכט סעלמאַן. *)

דער איינציקער גרונט פאַר דער דערקלערונג פון דעם פאַקט, וואָס דאָס קינד באַנוצט נישט צווישן זיינע ערשטע שפּראַכלעכע דע־ראָבערונגען. דאָס וואָרט „איך", איז דאָס, וואָס דאָס קינד באַנוצט

---

*) Dr. Adolf Sellmann: Das Seelenleben unserer Kinder im Vorschulpflichtigen Alter. Kinder-psychologische Betrachtungen für Elteren, Lehrer und Kinderfreunde, Langesalza, 1191, 85 .ז

בלל נישט קיין נאָמען-ווערטער. די לעצטע בלייבט פאַר אים פרעמד און אומזיכער צוליב זייער נישט קאָנסטאַנטישקייט, צוליב זייער אָפּ־טער בייטונג. איין און דיזעלביקע פערזאָן ווערט אַזוי אָפט באַצייכנט מיט פאַרשיידענע „Pronomina" (איך, דו, ער, א. אַ.) און אויסער דעם נאָך מיט פאַרשידענע סובסטאַנטיוון (פאָטער, פאַפאַ, פעטער, הער דאָקטאָר א. אַ.) און פאַר דעם קינד איז שווער זיך צו אָריענטירן אין דערדאָזיקער פאַרשיידנאַרטיקייט.

דאָס איז די שפּראַכלעכע שווערקייט. ס'איז נאָך אָבער פאַראַן אַ פּסיכאָלאָגישע שווערקייט. דאָס באַוווסטזיניקע באַנוצן פון לייכטן וואָרט „איך" איז נישט בלויז אַן איינפאַכע פאָרשטעלונג, נאָר אַ גאַנצער און דערביי שווערער פאָרשטעלונגס-קאָמפּלעקס. אַ באַוווסטזיניקער, „איך" קען נאָר דאַן קומען אין געברויך, ווען פאַר דעם קומט דאָס איך־באַוווסטזיין. אַזוי מיינט אַדאָלף סעלמאַן. נישט אַלע זיינען אָבער מסכּים מיט אים

פרייער, למשל, האַלט, אַז דאָס „איך"-באַוווסטזיין קומט אַסך פריער פאַר דער באַנוצונג פונם שפּראַכלעך־אַרטיקולירטן „איך". אַנדערע, פאַרקערט, האַלטן, אַז זיי ביידע: דאָס „איך"־באַוווסטזיין און דער אַרטיקולירטער „איך" קומען פאָר ביים קינד פּאַראַלעל. אַלנפאַלס איז צווישן זיי פאַראַן אַ געוויסע אָפּהייננגיקייט (אַמאָל קען דער שפּראַכלעכער „איך" זיין פריער פאַר דעם „איך"-באַוווסטזיין, ווען ער איז אַ פּראָדוקט פון נאָכאַמונג, אַמאָל אָבער קומט דער שפּראַכלעכער „איך" אויך שפּעטער, נאָך דעם „איך"־באַוווסטזיין.) אַ געוויסע קאַוזאַלע שייכות, הגם זי טרעט נישט שטענדיק אַרויס אין כראָנאָלאָגישן פּאַראַלעליזם

די אַנטוויקלונג פון איך־באַוווסטזיין ביים קינד איז נישט קיין איינציקער, „איינער פון אַסך אָפּשניטן, האָט נישט קיין עפּיזאָדישן כאַראַקטער, נאָר איז דער חוט-השדרה פון דער גאַנצער קינדערשער אַנטוויקלונג. נאָך מער: די גאַנצע אַנטוויקלונג פון קינד איז, באמת, די אַלץ שטאַרקערע פאַרטיפערונג פון „איך־באַוווסטזיין". דער אונ־טערשייד, דער קוואַליטאַטיווער און וועזנטלעכסטער אונטערשייד צווישן איין סטאַדיע אין דער אַנטוויקלונג און דער אַנדערער, באַשטייט

הויפטזעכלעך אין דער אַלץ זיך פּאָרמירנדיקער שטייגערונג פון איך־באַוווסטזיין.

דער אָנהויב פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג וואָרצלט זיך איין אין דער ערשטער באַגעגעניש פון קינד מיט דער אַרומיקער וועלט. ווי זאָגט סעלמאַן: „איך-באַוווסטזיין אין זיין ערשטער סטאַדיע, אין זיין פּאָטענציעלער דונקלהייט טראָגט דעם נאָמען פון זעלבסטדער־האַלטונגסטריב”. ס'דאַרף ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן: ביי דער ער־שטער אַנטפּלעקונג פון דעם זעלבסטדערהאַלטונגסטריב מוז אַקצענטירט ווערן דאָס וואָרט „איך” שטאַרקער ווי דאָס וואָרט „באַוווסטזיין”. ביי דידאָזיקע אַנטפּלעקונגען פון זעלבסטדערהאַלטונגסטריב איז דאָך דער באַוווסטזיין ביים קינד כּלל וכלל נישט טעטיק, דאָ ווירקן דאָך נאָר די אינסטינקטיווע און רעפלעקטאָרע פאַקטאָרן (ווי ביי די אָפּנייגונג־באַוועגונגען, למשל, ווען מ'דערלאַנגט דעם קינד שלעכטע נאַרונג, ביי די אָפּווער־באַוועגונגען אַנטקעגן אומלוסט־אָביעקטן.) ס'הויבט זיך שוין דאָ אָבער אָן צו גרייטן, צו צייטיק ווערן דער „איך”. ס'ווערן געמאַכט די ערשטע קאָנטורן פאַר די ווייטער־פּאַרטיפטע שפּורן פון באַוווסטזיין. אויך קיין באַוווסטזיין אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט איז נאָך דאָ נישט פאַראַן. איז אָבער פאַראַן שוין דער ערב באַוווסטזיין, די צוגרייטונג צו דעם שפּעטערדיקן באַוווסטזיין. דער זעלבסטדער־האַלטונגסטריב איז דאָס דער רויער ליים־מאַטעריאַל, פון וועלכן ס'ווערט ביסלעכווייז אומבאַמערקט אויסגעקנאָטן די כּלי, וועלכע ס וועט ערשט שפּעטער אָנגעפילט ווערן מיט דעם באַוווסטזיין־ווייִן. פון אָנהויב אָן ביי די ערשטע אַנטפּלעקונגען פון בלויזן זעלבסטדערהאַל־טונגסטריב איז בכּלל כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס ס'ווערט אָפּט פול־שטענדיק אידענטיפיצירט דער אָביעקט מיטן סוביעקט פון טריב, דער „נושא” און דער „נשוא”. אַזוי, למשל, קען דאָס קינד זויגן זיין אייגן פינגער, ווי אַ פרעמדע פלאַש, (ביי פרייערס קינד נאָך אין 10־טן חודש) א. א. וו. ביסלעכווייז אָבער דערגייט דאָס קינד אָפּ־צוטיילן דעם סוביעקט פון אָביעקט, דאָס אייגענע פון פרעמדע, זיך פון דער אומגעבונג.

מ'איז זיך לגבי דער אַנטוויקלונג פון „איך־באַוווסטזיין” נוהג צו באַנוצן מיט אַ גאַנץ דיפערענצירטער קלאַסיפיקאַציע. דער ערב

פון איך־באַוווסטזיין טראָגט דעם נאָמען „איך־געפיל”, און דערדאָזי־
קער איך־געפיל נעמט זיך דאָס רוב פון באַקאָנונג מיטן אייגענעם
קערפּער און איז אַ פּועל־יוצא פון אַ פרי־קינדערשן אייגנאַרטיקן נאַר־
ציסמוס. דאָס וויכטיקסטע פון דעמדאָזיקן נאַרציסמוס איז דאָס, וואָס
די אַנטדעקונגען פון די באַוועגונגען פון אייגענעם קערפּער ברייִנגען
אויך די אָנערקענונג פון די באַוועגונגען פון אַ נ ד ע ר ע קערפּערס.
פון זיינע אייגענע באַוועגונגען קומט דאָס קינד צו לערנען אויך
פרעמדע באַוועגונגען, ווייל זיינע אייגענע באַוועגונגען זיינען דאָך
פון אָנהויב פאַר אים אינגאַנצן פרעמדע. און נישט נאָר די בלויזע
אָ נ ע ר ק ע נ ו נ ג, נאָר אויך — וואָס ס׳איז נאָך וויכטיקער — די ב אַ־
ו ו י ר ק ו נ ג פון די פרעמד קערפּערשע באַוועגונגען, דאָס ווילקירלעכע
אַרויסרופן פון די באַוועגונגען — קומט אַלס פּועל־יוצא פון זיינע איי־
גענע באַוועגונגען. ס׳קומט פאָר אומגעפער אַזוי: I. דאָס אָננעמען
מצד דעם קינד פון זיינע אייגענע באַוועגונגען אַלס פרעמדע; II. די
אָנערקענונג פון אייגענע באַוועגונגען, אָבער נאָך אַלס אומווילקירלע־
כע פון אויסן באַווירקטע; III. די אָנערקענונג פון דער מעגלעכקייט
ווילקירלעך צו באַווירקן די אייגענע באַוועגונגען; IV. די אָנערקע־
נונג פון פרעמד קערפּערשע באַוועגונג; V. די אָנערקענונג פון דער
מעגלעכקייט צו באַווירקן און אַרויסרופן פרעמד קערפּערשע באַווע־
גונגען. ביי דעם קינדס איבערגיין „מן הפרט אל הכלל”, פון זיך
אַליין צו פרעמדע האָט ער אַ באַזונדער שטאַרקע סאַטיספאַקציע אין
דער ערשטער אָנערקענטער פעיקייט צו באַווירקן די אַרומיקע וועלט.
ער נוצט אויס זייער אינטענסיוו דידאָזיקע דעראָבערטע פעיקייט, און
פון דאַנען נעמט זיך די כאַראַקטעריסטישע קינדערשע באַוועגלעכקייט
אין פריסטן עלטער, זיין שטיפערישקייט, וועלכע פאַרשאַפט אַזוי פיל
אומרו די אַרומיקע דערוואַקסענע. באמת איז די גאַנצע פריקינדערשע
באַוועגלעכקייט, נישט מער, ווי דאָס וועלן צו רעאַליזירן די דעראָ־
בערטע פעיקייט צו באַוועגן, צו באַווירקן די אַרומיקע וועלט. דורך
ד׳עמדאָזיקן באַווירקן די אַרומיקע וועלט ווערט פיל ווערטיקער זיין
אייגענער „איך”, הייבט ער אָן פילן זיין „איך” אַלס דאָמינירנדיקן,
אַלס באַדייטנספולן. דער איך־געפיל אין זיין ערשטער סטאַדיע רופט
אַרויס אויך די ערשטע ליבע פון קינד צו זיך. איך זאָג נישט

„אַ ליבע צו זיך", נאָר „די ליבע", ווייל אין תוך גענומען, ווי מיר וועלן עס זען פון ווייטערדיקן, איז דאָך די ליבע פון קינד צו אַנ־דערע אויך שטענדיק נאָר אַ ליבע צו זיך אַליין. דער איך־געפיל, אַלזאָ, שאַפט אין פרט פון ליבע צו זיך, נישט עטוואָס נייעס, אָפּ־געזונדערטעס פון שפּעטערדיקן, נאָר בלויז די התחלה פון שפּעטער־דיקן, בלויז די ערשטע טריט פון שפּעטער אויסגעטראָטענע וועגן. אין דער שפּעטערדיקער ליבע פון קינד, וועלכע איז אויך זעלבסט־ליבע, ווירקט דאָס עגאָיִסטישע אין קינד. דאָסדאָזיקע עגאָיִסטישע פאָדערט אָבער אַ גענוגנדיקע דערפאַרונג, אַ גענוגנדיקע פאַרפעסטיקונג פון אורטיילס־פעיקייט, וועלכע פעלט נאָך ביים פריקינדערשן עלטער. אין לעצטן קען דעריבער נאָר זיין דער אָנזאָג פון דער שפּעטער־דיקער עגאָיִסטישער ליבע, די אַזוי גערופענע נאַרציסטישע ליבע, ווייל גערעכט איז פּפיסטער אין זיין אָנווייזונג, אַז נאַרציסמוס און עגאָיִסמוס איז נישט איינס און דאָסזעלביקע, נאַרציסמוס קען בלויז דערפירן צום עגאָיִסמוס (אין געגעבענעם פאַל דערפירט טאָקע די פריקינדערשע זעלבסטליבע צו שפּעטערדיקע עגאָיִסטישע זעלבסטליבע), קיין עגאָיִסמוס איז דאָס אָבער נישט.

אויף די באַזונדערע סטאַדיען אין דער אַנטוויקלונג פון איך־געפיל ביים קינד האָב איך שוין אין קורצן אויבן אָנגעוויזן.

סכעמאַטיש וואָלט עס זיך אויסגעדריקט אַזוי:

I „איך אַלס אומאויסטיילבאַרער גלייכווערטיקער גליד פון דער אַרומיקער וועלט. די אַרומיקע וועלט שטעלט זיך פאָר אַלס אַן אָרדנונגסלאָזע זאַמלונג פון פאַרשיידענע קערפּערס a, b, c, d... צווישן זיי געפינט זיך ערגעץ אויך דער „איך" (אונטער איינעם פון די קערפּערס a, b, c, d ....), אָבער

פונקט ווי מ׳קען נאָך נישט אָפּטיילן באַשטימט דעם a פון b א.אַ.וו. אַזוי קען מען נאָך בשום אופן נישט אָנווייזן אונטער וועלכן קערפּער קאָנקרעט ס׳אַנטהאַלט זיך דער „איך". (לויט שטערן איז דאָס ערשטע איך פון ווילן, אָבער נישט קיין זאַך פון וויסן).

II איך אַלס אָפּטיילבאַרער און דאָך נאָך גלייכווערטיקערגליד פון דער אַרומיקער וועלט. דער „איך"־



גליד איז שוין דאָ אַנדערש פון אַנדערע גלידער.

צווישן דעם געזעמל פון פאַרשיידענע קער־פערס a, b, c, d, געפינט זיך איינער, וועלכער איז אַנדערש פון זיי. ער איז נאָך אָבער נישט העכער פון זיי, נישט מערוועדטיקער.

III „איך" נישט נאָר אַלס אָפּטיילבאַרער, נאָר שוין אַלס מערווערטיקער גליד פון דער אַרומיקער וועלט.

צווישן גאַנצן סכום, וואָס בילדעט דעם אינהאַלט פון דער אַרומיקער וועלט, איז „איך"* נישט נאָר אַנדערש, נאָר בעיקר אויך העכער פון די איבע־ריקע קערפּערס. „איך" געפינט זיך אין צענטר פון דעם אַרום. ער באַווירקט דעם אַרום און פון אים איז דער גאַנצער אַרום אָפּהענגיק.

אין דער דריטער סטאַדיע פון איך-געפיל קומט אומבאַדינגט פאָר די פאַרגלייכונג פון „איך" מיט אַנדערע קערפּערס, ווייל דאָס אָנערקענען פון „איך" אַלס אַ מערווערטיקן, אַ העכערן, פאָדערט דאָך אַזאַ מין פאַרגלייכונג, אין הסכם מיט דערדאָזיקער פאַרגלייכונג קומען דאָ פאָר צוויי אונטערסטאַדיען: א) פאַרגלייכן פון איך מיט זיך אַליין (איך נעכטן און היינט, איך דאָ און דאָרטן, איך אין פאַרשיידענע סיטואַציעס. אַלזאָ אין פאַרבינדונג פון רוימלעכע און צייטלעכע פאַרהעלטנישן) ב) פאַרגלייכן פון איך מיט אַנדע־רע (איך און ער א. אַ. וו., אַלזאָ אין פאַרבינדונג מיט סובסטאַנטי־ווער קעגנזייטיקער פאַרהעלטניש.)

אין דער ערשטער אונטערסטאַדיע פון פאַרגלייכן דעם „איך" מיט זיך אַליין האָט אַן אָרט די באַקאַנטע דערשיינונג פון פריקינ־דערשן עלטער, דאָס ווייַלן זיך מיט דער אייגענער בילד אין שפּיגל, די אַזוי גערופענע סטאַדיע פון שפּיגל־בילד. די שפּיגל־בילד אַלס מיטל פעסטצושטעלן די אַנטוויקלונג פון איך־געפיל ביים קינד ווערט שטאַרק אויסגענוצט אין דער קינדערשער פּסיכאָלאָגיע. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען די פּרוּוון אויף דעם געביט פון דאַרווין,*) פּרייער, סעלמאַן א. אַ.

*) Die Körperliche und geistige Entwicklung eines kindes

אין שפּיגל־בילד גופא קומט פֿאָר די פֿאָלגנדיקע אַנטוויקלונג:

1. נישט אָנערקענען אין שפּיגל בכלל קיין בילד, גלייכגילטיקייט צו דעם שפּיגל־בילד (אַנטשפּרעכט דער אויבן אָנגעוויזענער ערשטער סטאַדיע אין דער אַנטוויקלונג פֿון „איך״־געפֿיל), 2. דערקענען זין אין שפּיגל, נאָר אַלס זייטיקן פֿרעמדן געגנשטאַנד (אַנטשפּרעכט סטאַדיע צוויי). 3. באַמערקן זיך אַליין אין שפּיגל־בילד. ס׳איז אינטערעסאַנט, ווי ס׳מאַכט אויפֿמערקזאַם סעלמאַן, אַז דאָס שפּיגל־בילד (דאָס זעלביקע אויך דאָס שאָטן־בילד) טרעפֿט זיך אויך ביי חיות, ביי די אַנטוויקלטע צווישן זיי *) ביי אַ קאַץ א. אַ. ביי חיות דערגייט אָבער די אַנטוויקלונג פֿון שפּיגל־בילד נאָר ביז דער דריטער סטאַדיע, די דריטע סטאַדיע נופֿא איז שוין אָבער ביי זיי נישט פֿאַראַן. די אַנטוויקלונג פֿון „איך״ הויבט זיך, אַלזאָ אָן פֿון איך־געפֿיל און פֿאַרענדיקט זיך מיט איך־באַוווסטזיין. דער איך-געפֿיל איז אַ מער אויסערלעכער, דער איך־באַוווסטזיין איז אַ מער אינערלעכער. ביים איך־געפֿיל פֿעלן נאָך אָדער זיינען נישט גענוגנדיק די אַסאָציאַציאָנס־וועגן, די אַסאָציאַציאָנס־צענטרען, ביים איך־באַוווסטזיין אָבער ווערט אַלעס צענטראַליזירט. לויט סעלמאַנס געלונגענעם פֿאַרגלייך: „דער ערשטער אויסערלעכער „איך״ איז נאָך אַ רוקן־מאַרך־איך, דער שפּעטערדיקער אינערלעכער — אַ געהירן־מאַרך־„איך״.

וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון שפּעטערדיקן איך-אַוווסטזיין קען געזאָגט ווערן פֿאָלגנדיקעס: זי האָט נישט דיזעלביקע באַשטימטע ציַיט פֿאַר אַלע קינדער אָן אויסנאַם, זי קען פֿאַרגיכערט און פֿאַרהאַלטן ווערן אין קאָנקרעטע פֿאַלן. אַ געזונט קינד, זאָגט שאַרלאָטע בילער, ווייס לאַנג נישט פֿון זיין „איך״ און רעפֿלעקטירט נישט אויף זיין „איך״. אין דעם פּרט האָט, אָן ספֿק, אַ באַדייטונג דער אַרט פֿון דערציונג. די יעניקע דערציונג, וועלכע שטיצט זיך אויף בכוונהדיקן אויסטיילן די לייסטונגען פֿון קינד דורך אויסערלעכע מיטלען (איבערגעשאַצטע מיטהילף, רימעריי, באַלוינונג וכדומה) עַרגערט דעם קינדס איך־באַוווסטזיין און רופֿט אים גיכער אַרויס צום לעבן פֿאַר

*) человеческий интелект, Idib.

דער צייט. אויף דער פאַרשנעלערונג, דער פאַרלאַנגזאַמונג פון דעם איך־באַוווסטזיין־אַנטוויקלונג איבט אָן ספק, אויס אַ דרוק אויף די סאָציאַלע סביבה פון קינד. אַ רייך קינד האָט אָפט אַ גרעסערע נטיה צו איך-באַוווסטזיין (שפּעטער-אויטאָריטעט). ווייל ער איז אַרומגערינגלם מיט אַ מער שפּאַנענדיקן אינטערעס צו זיין פּערזאָן, ווייל אַרום אים ווערט צופיל קינסטלעך אונטערגעשטראָכן זיין באַדייטונג, ווייל ער זעט אַרום זיך מער געהאָרכזאַמקייט און אונטערטעניקייט פון איין זייט און געהאָרכזאַם-מאַכונג און פאַרשקלאַפונג (באַציונג, למשל, צו דער דינערשאַפט) פון דער צווייטער זייט, און דאָס קינד, וואָס איז להוט נאָכצומאַכן, קלייבט, נאַטירלעך, גיכער אויס אַלס אָביעקט פאַר זיין נאָכמאַכונג דאָס הערשנדיקע, ווי דאָס באַהערשטע. אַמאָל אָבער ווירקט גראָד די פּראָלעטאַרישע סביבה אויף דער פאַרשטאַרקונג פון „איך"־באַוווסטזיין. אויב איינער פון די פאַקטאָרן, וואָס רופן אַרויס דעמדאָזיקן באַוווסטזיין, איז דער זעלבסטדערהאַלטונגס־טריב, איז דאָך דעם אָרימען קינד אין געוויסע פאַלן דוקא נויטיק פריער צו דעראָבערן דעם איך-באַוווסטזיין אַלס זעלבסטדערהאַלטונגס-מיטל. די איינזאַמקייט, די שטרענגע צו אים באַציונג, די כלערליי שוועריקייטן און איבערגעוויכט פון אומלוסט־אָביעקטן אין זיין וועלטל, שטרייכן אונטער די נויטיקייט פון אמתער זעלבסטדערהאַלטונג, אַנדערש געזאָגט: פון איך־באַוווסטזיין. אין דער רייכער סביבה איז די אייגנטלעכע זעלבסטדערהאַלטונג נישט אַזוי נייטיק, ווייל זי ווערט פאַרביטן פון דערהאַלטונג מצד אַנדערע. ביי די אָרעמערע קינדער אָבער, ווו די דערהאַלטונג מצד אַנדערע איז נישט אַזוי שטאַרק, פאָדערט זיך מער און פילפאַכיק די זעלבסדערהאַלטונג, אַנדערש: דער איך באַוווסטזיין. פון דעם שטאַנדפונקט קומט, אַלזאָ, פריער זעלבסטבאַוווסטזיין דוקא ביי סאָציאַל־נידריקערע קינדער. לויט בילערס באַהויפּטונג העלפן דאָ מיט די פאַרשיידענע אָפּוועך־מיטלען, ווי פורכט, איינזאַמקייט א. אַ. אין איינזאַמקייט הויבט דאָס קינד פיל גיכער אָן צו אָנערקענען זיין איזאָלירטקייט, זיין אַנדערשקייט פון די אַרומיקע מיטמענטשן פון דער גאַנצער אומגעבונג, צוערשט אין קערפּערלעכן זין. די אָנערקענונג פון קערפּערלעכער איזאָלירטקייט באַטראַכט שוין

לאָטץ, למשל, אַלס די גרונטלאַגע פון זעלבסטבאַוווסטזיין *) אין דער ליטעראַטור וואָלט מען געקענט געפינען אַ סך ביישפילן צו דעם פאַקט פון פאַרגיכערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון איך־באַוווסטזיין דוקא אונ־טער דער ווירקונג פון איינזאַמקייט, אַזוי, למשל, אין שלום־עליכמס „מעסערל״ און ענלעכעס אין אַ סך אַנדערע ווערק פון דער אייראָפּעי־שער ליטעראַטור **) ווי ס׳איז צו זען פון דעם געזאָגטן, איז שווער צו באַשטימען גענוי די פראַגע, וועלכע סאָציאַלע סביבה ווירקט דוקא אויף דער פאַרשנעלערונג פון „איך״־באַוווסטזיין. ס׳גילטן דאָ קעגנזעצלעכע השערות. איין זאַך איז אָבער אויסער יעדן ספק: די סאָציאַלע סביבה — די אָדער יענע — אַלס אַזעלכע איז יאָ בכח צו ווירקן אויף דער פאַר־שנעלערונג פון איך־באַוווסטזיין, אויף זיין פריצייטיקן אַנטשטיין. דער איך־באַוווסטזיין בילדעט זיך ביים קינד זייער פרי. ער שאַפט אַ קענטיקע און באַדייטונגספולע גרעניץ־ליניע אין קינדס לעבן. ער רופט אַרויס שטאַרקע איבערלעבונגען. אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל אויף זיי קען זיך פאַרשפּרייטן דער אומפאָלקאָמער מענטשלעכער זכרון, זיינען זיי אונז באַקאַנט פון דער ליטעראַטור, פון דער קינסט־לער־ליטעראַטור (ביי קינסטלער דערגאַנצט דעם נישט פולקאָמען זכרון זייער קינסטלערישע אינטואיציע) און אין אויטאָביאָגראַפיעס ***) מיט דעראָבערן דעם איך־באַוווסטזיין האָט דאָס קינד שוין ענדגילטיק אי־בערגעשטיגן די טרעפּ פון קינדהייטס־פּאַלאַץ און איז אַריינגעקומען אין דעם וואָכיקן אָבער אומענדלעך־גרויסן ווירקלעכקייטס־לאַבירינט. מיט דעם דעראָבערן פון איך־באַוווסטזיין איז שוין געמאַכט געוואָרן מצד דעם קינד די ערשטע ערנסטע און פאָלגרייכע באַגעגעניש מיט דער אַרומיקער וועלט, מיט דעם דערוואַקסענעם, אין וועלכן אים איז באַשטימט פריער-שפּעטער צו פאַרוואַנדלט ווערן. דער איך־באַוווסטויין

*) Kl. Schriften, Bd. II, 1886. 126 .ז

*) Herman Hessen „Demian“ Geschichte von Emil Sinclairs Jugend 31 .ז Berlin 1922.

***) כדאי אָנצווייזן למשל אויף: Rudolf von Delius, Darmstadt. 2 Auflage, 1922.

איז לכל הפחות דער פאַרדינטער אָנזאָג פון אַ סיום צום אייגנטלעך־קינדערשן אין קינד און צום אָנהויב פון דערוואַקסענעם אין אים. איז, איך־באַוווסטזיין איז דאָך קודם כּל באַוווסטזיין און באַוווסטזיין איז שוין לויט זיין תּוך אַ מינוס דערפאַרונגסלאָזיקייט=פרייהייט=געמיטסלעבן און דאָס אַלעס, מיט וואָס ס׳צייכנט זיך אויס דאָס אייגנטלעך-קינדערשע *)

באַוווסטזיין לויט דער ריכטיקער פאָרמולירונג פון עריך וואָלפען **) ווערט געבילדעט פון דער סומע פון באַשטימטע פאָרשטעלונגען. דער באַוווסטזיין איז אַזוי אַרום, אַ פּסיכישע געביידע פון העכערער אָרדענונג. אין באַוווסטזיין געפינען זיך די פאָרשטעלונגען אין דויערנדיקן פליסן. דערדאָזיקער אונערבראָכענער צוזאַמענהאַנג, די פאַרבינדונג אָדער די אַסאָציאַציעס פון אונזערע פאָרשטעלונגען זיינען געאָרדנט לויט באַשטימטע געזעצן.

און דער פאַקט טאַקע, וואָס דער איך־באַוווסטזיין, ווי יעדער באַוווסטזיין, האָט צו טאָן מיט באַשטימטע געזעצן, לעגט אַ בולטן שטעמפּל אויף דער קינדהייט אַלס זיך ענדיקנדיקע און אויף דער דערוואַקסנקייט אַלס זיך אָנהויבנדיקע פאַזע פון מענטשלעכן לעבן.

*) זע דעם ערשטן קאַפּיטל.

**) Erich Wulffen: Das Kind, sein Wessen u. seine Entartung Verl. Langenscheidt, Berlin, 1913 8 .ז

דריטער קאַפּיטל:

אין די צוואַנגען פון מינדערווערטיקייט.

ראשי־פּרקים:

1) די קינדערשע אנטוויקלונג, אלס קייט פון קינדערשע אומוואַנדלונגען, ז. 91 2) טראַגיזם פון נישט גלייכן קאַמף צווישן קינד און דערוואַקסענעם, ז. 93 3) מינדערווערטיקייט, אלס הויפּט־סיבה פון קאַמף צווישן קינד און דערוואַקסענעם, פסיכישע מינדערווערטיקייט אלס מוז־זאַך ביי נאָרמאַלע, ווי ביי אומנאָרמאַלע, אלס טרייב־קראַפט פון דעם אַלגעמיין מענטשלעכן פאָרשריט און פאַרפולקאָמונג, ז. 97 4) דיספּאָנירונג פון מינדערווערטיקייט ביים קינד לויט דער פּסיכאָאַנאַליטישער פּסיכאָלאָגיע, צוזאַמענהאַנג צווישן אָרגאַנישער און פסיכישער מינדערווערטיקייט, די פרי קינדערשע נעוראָזיטעט, אלס רעזולטאַט פון אומבאַהאָלפנקייט און זעלבסטדערהאַלטונג, ז. 102 5) די קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע און איר ראָל אין קאַמף פון קינד מיט מינדערווערטיקייט קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס אין לעבן פון דערוואַקסענעם, ז. 105 6) שרעק און אומצוטרוי אין פריקינדערשן עלטער וויסנזוכט און אַגרעסיווקייט פון קינד, אלס רעזולטאַט פון אומצוטרוי, שאָדן פרייד ביים קינד, ז. 113 7) אַלגעמיינע סכעמע פון קאָמפּענסיוטאָרישע פיקציעס ביים קינד, ז. 117 8) קנאה און גייציקייט, מאַכט־טריב, ז. 124 9) קינדערשע גרויזאַמקייט – פאַרדרייענגטע און אָפענע שנאה, ליגן־זאָגן ביי קינדער־ליגן־זאָגן אלס קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע בכלל, ז. 129 10) קינדערשע שנאה, ז. 133 11) קינדערשע נקמה, נקמה און מיט ליִד קעגן זיך און אַנדערע, נקמה און סליחה: ז. 139 12) זעלבסטמאָרד־געדאַנקען אין זעלבסטמאָרדן ביי קינדער, זעלבסטמאָרדן בכלל, ז. 144 13) אַלגעמיינע אויפֿפֿירן, ז. 148

מיר האָבן פריער פאַרזוכט פעסטצושטעלן, אַז דער וועזנטלעכער אונטערשייד, וואָס צווישן קינד און דערוואַקסענעם, איז נישט פון קוואַנטיטאַטיוון, נאָר פון קוואַליטאַטיוון כאַראַקטער, אַז קינד באַציט זיך צום דערוואַקסענעם כלל נישט ווי מיקראָקאָסמאָס צו מאַקראָקאָסמאָס, נאָר ווי איין באַשטימטע וועלט צו דער צווייטער באַשטימטער וועלט.

פון דעם איז אָבער נישט צו דרינגען, אַז די קעגנזייטיקע פאַרהעלטניס פון אַנטיטעזן צווישן קינד און דערוואַקסענעם איז אַ קאָנסטאַנטע, אַן אומאויפהערלעכע. די אָנגעוויזענע קעגנזייטיקע פאַר־העלטניס צווישן קינד און דערוואַקסענעם, ווי צווישן צוויי באַזונדער־אַרטיקע מענטשלעכע סוביעקטן, ווערט אָפּגעהיט און אויפגעהאַלטן נאָר אויף אַזויפיל, וויפל ביידע טרעגער פון דער פאַרהעלטניס, ביידע סוביעקטן גופא, בלייבן דיזעלביקע, אויף וויפל כאָטש איינער פון זיי ווערט נישט געענדערט. גייט אָבער איינער פון די סוביעקטן אַראָפּ פון די רעלסן פון זיין ערשטער אייגנטימלעכקייט, פון זיין אורשפּרינג־לעכער אייגנאַרטיקייט, דאַן פליט ער שוין אומפאַרמיידלעך אין די אָרעמס פון צווייטן, ערשט פריער קעגנזעצלעכן סוביעקט ביז — ביז ער ווערט פון יענעם איינגאַנצן פאַרשלונגען.

הויבט זיך איינער פון די סוביעקטן אָן צו אַסימילירן אין צווייטן, בייט זיך שוין ממילא ראַדיקאַל אויך די אָנגעוויזענע קעגנ־זייטיקע באַציונג, דאַן ווערן שוין קינד און דערוואַקסענער נישט קיין אַנטיטעזן, נאָר באַזונדערע טעזן פון איין און דעמזעלביקן מענטש־לעכן סוביעקט, נישט קיין זעלבסטווערטיקע און זעלבסטשטענדיקע דער־שיינונגען, נאָר בלויז מדרגות פון איין און דערזעלביקער דערשיינונג, דאַן ווערט די דיסטאַנץ צווישן קינד און דערוואַקסענעם אַ זאַך, וואָס האַלט זיך אין איין פאַרקלענערן, און פאַרשמעלערן, דאַן ווערט דער איינ־האַלט פון איין סוביעקט, פון יענעם, וואָס איז אויפגעצוווּנגען גע־וואָרן אָפּצושיידן זיך פון זיין אורשפּרינגלעכער אייגנאַרטיקייט, אין געגעבענעם פאַל: פון קינד — ביסלעכווייז און סיסטעמאַטיש געדעקט מיט דעם אינהאַלט פון צווייטן סוביעקט, אין געגעבענעם פאַל: פון דערוואַקסענעם. און אַזוי איז שוין דער באַפעל פון אומפאַרמיידלעכן גורל: דאָס קינד מוז זיך אָפּרייסן פון אורשפּרינגלעכן קינדערשן, פון זעלבסטווערטיקן און אייגנאַרטיקן אין זיך, און מוז קאַפּיטולירן פאַר זיין בפירושן קעגנזאַץ, פאַר דעם דערוואַקסענעם.

דאָס וואַקסן און אַנטוויקלען זיך פון קינד, די גאַנצע דערציונג פון קינד איז, אין תוך אַריין, אַ זאַך נישט פון פרייען אויסוואַל, פון אומווילקירלעכער, מענטשלעכער אָריענטיר־נג, נאָר פון פאַטאַלער אומ־פאַרמיידלעכקייט, פון דירעקטער און העפטיקער אויפצווינגונג. דאָס

גאַנצע לעבן פון קינד ביז ער ווערט אַ דערוואַקסענער געפינט זיך אונטער דעם איבער אים הענגנדיקן דאַמאָקל־שווערד פון נויטווענדי־קייטס-באַפעל: ווער אַ דערוואַקסענער!

און דער גאַנצן־אַנטוויקלונגס־וועג פון קינד שלייגלט זיך טאַקע אין דער ריכטונג פון די צווייטע אויף אים דערמאָנונגס-סלופּקעס מיט אויפשריפטן: „צום דערוואַקסענעם".

דערוואַקסענער — דאָס איז דער נאָמען פון דער לעצטער סטאַ־ציע, צו וועלכער ס'ציט זיך כסדר דער גאַלאָפּירנדיקער צוג פון דער קינדהייט. דערוואַקסענער — איז די לעצטע סטאַציע, ווו דער צוג וועט זיך סוף כל סוף מוזן אָפּשטעלן און מוזן בלייבן שטיין.

די גאַנצע קינדערשע אַנטוויקלונג איז איין געשיכטע פון אומוואַנדלונגען, פון אומוואַנדלונגען מצד דעם קינד און דער־וואַקסענעם, אַ געשיכטע פון דערנענטערן זיך, פון אידענטיפיצירן זיך מיט דעם דערוואַקסענעם. און דידאָזיקע אומוואַנדלונג קומט פאָר זייער שנעל: מיט יעדן נייעם טאָג פון לעבן, מיט יעדער נייער באַאָבאַכ־טונג און ניי-דעראָבערטע איבונג, אַלץ אַ גרעסערע דערווייטערונג פון אורשפּרינגלעך־קינדישן און אַלץ אַ גרעסערע דערנענטערונג צום דער־וואַקסענעם.

און דאָס כאַראַקטעריסטישסטע, צוגלייך מיט דעם דאָס טראַגישסטע אין דערדאָזיקער שנעלקייט פון אומוואַנדלונג איז דאָס, וואָס דאָס קינד אַליין ווערט באַהערשט מיט דעם שנעלקייט־אימפּולס, וואָס ער אַליין באַמיט זיך און וויל די שנעלקייט נאָך מער צו פאַרגיכערן, דעם טעמפּאָ צו פאַרפילפאַכן. דאָס קינד זעט נישט דעם אומוואַנד־לונגס־פּראָצעס זיך ווידערצושטעלן, אים אָפּצוהאַלטן, נאָר, דווקא פאַר־קערט, אים צוצואיילן, אים וואָס גיכער דורכצופירן.

אין דעמדאָזיקן אייגנאַרטיקן פאַקט פון אָנווענדן דורכן קינד אַקטיוויטעט אויף צו מבטל מאַכן די אייגענע קינדערשע אַקטיוויטעט איז אפשר פאַראַן מער טראַגישקייט, ווי ס'וואָלט געקענט זיין אין קעגנשטעלן זיך דער אָנגעצווונגענער אומוואַנדלונג.

דער פּראָצעס פון אומוואַנדלונג איז אַ שווערע און ווייטיקדיקע אָפּעראַציע פאַר דעם קינד, און ער זעט די אָפּעראַציע וואָס גיכער דורכצופירן, כדי דעם ווייטיק צו פאַרשפּאָרן.

איבערצייגנדי ־זיך – די איבערצייגונג איז אין דעם פאַל נישט קיין אויסדרוק פון באַוווסטזיין, פון אינטעלעקטועלער אַרבעט, גאָר אָפּט פון אינסטינקט און אונטערבאַוווסטזיין – אַז ער קען בשום אופן נישט אויפהאַלטן זיך אויף די פּאָזיציעס פון זיין אייגנטלעכער קינ־דערשער זעלבשטענדיקייט, אַז ער וועט מוזן זיך אומוואַנדלען אין דעם פרעמדאַרטיקן דערוואַקסענעם, וואַרפט זיך דאָס קינד מיט פאַר־ביטערונג און אַנטשלאָסנהייט צום אומפאַרמיידלעכן גורל.

די קינדערשע אַקטיוויטעט ביי זייער אומוואַנדלונג איז אין אַ געוויסער מאָס ענלעך צו דעם זעלבסטפייניקן, וואָס געוויסע דערוואַק־סענע מאַכן דורך אין מאָמענט פון העכסטער פאַרביטערונג און אַנט־שלאָסנהייט איבער זיך אַליין: די אַקטיוויטעט פון קינד ביי זיין אומוואַנדלונג איז געריכטעט אויף דער אַנולירונג פון קינדישן אין קינד, אויף דער אַנולירונג פון זיך אַליין

פאַרביטערונג און אַנטשלאָסנהייט – דאָס זיינען באמת די צוויי כאַראַקטעריסטישע צושטאַנדן, וועלכע באַגלייטן די אומוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם. מיט אַן אומבאַוואָפנט אויג זעען מיר נישט די דאָזיקע זעלישע צושטאַנדן פון קינד. ווען מיר זאָלן אָבער אַריינ־דרינגען אין די טיפענישן פון קינדס פסיכיק, ווען מיר זאָלן דער־גרונטעווען זיך צום קינדס אונטערבאַוווסטזיין, וועלן מיר זיך זיכער אָנשטויסן אין דער ערשטער ריי אויף דידאָזיקעביידע טיף־טראַגישע מאָמענטן: פאַרביטערונג און אַנטשלאָסנהייט.

דער קאַמף צווישן קינד און דערוואַקסענעם איז אפשר דער רירנדיקסטער קאַמף, וואָס איז נאָר מעגלעך, ווייל ער איז אַ נישט גלייכער, אַ קאַמף צווישן נישט גלייכע קעגנער, אַ קאַמף, וואָס האָט שוין ערב זיין אָנהייב דעם פּאָרויס באַשטימטן זיג פון דעם שטאַר־קערן איבער דעם שוואַכערן, אַ קאַמף צווישן איינעם, וואָס איז באַ־וואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט נאָך איינעם וואָס איז אינגאַנצן אומבאַוואָפנט. אין יעדן קאַמף דאַרף דאָך פאַר די קעגנער כאָטש לכתחילה זיין אַן אילוזיע פון זיג, אין קאַמף צווישן קינד און דער־וואַקסענעם איז אָבער אפילו די מינדעסטע אילוזיע אויף זיג פון קינד אויסגעשלאָסן – דאָס קינד מוז פון דערוואַקסענעם באַזיגט ווערן, דערביי שנעל באַזיגט ווערן. אַנדערש איז עס נישט מעגלעך, ווייל נאָר אין דער לעגענדע איז עס מעגלעך, אַז

דאָס אומבאַוואָפנטע קינד, דוד, זאָל באַזיגן דעם באַוואָפנטן דערוואַקסענעם ריז, גלית. די ווירקלעכקייט ווייס נישט און קען נישט וויסן פון אַזעלכע לעגענדע־נסים: אין דער ווירקלעכקייט איז דער דערוואַקסענער שטענדיק דער זיגער און דאָס קינד שטענדיק דער באַזיגטער.

די אומוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם איז נישט קיין דיפוזיע־פּראָצעס ביי וועלכן ביידע צווייאַרטיקע פליסיקייטן ווערן אויסגעגליכן אין זייער הויך דורך דעם, וואָס יעדע פון זיי מאַכט דורך אַן אומוואַנדלונג (איינע הויבט זיך אויף און די אַנדערע לאָזט זיך אַראָפּ), נאָר אַן איינשלינגונגס־פּראָצעס, ביי וועלכן איין פליסיקייט נעמט אין זיך אַריין די אַנדערע אינגאַנצן, איז איר מבטל אינגאַנצן אין זיך.

אויב דאָס קינד אין זיין אורשפּרונג באַציט זיך צום דערוואַקסענעם נישט ווי אַ טייל צו אַ גאַנצן, נאָר ווי איין גאַנצע צום צווייטן גאַנצן, ווערט אין פאַרלויף פון דער שפּעטערער אַנטוויקלונג זיין פאַרהעלטניס צום דערוואַקסענעם בפירוש די פאַרהעלטניס פון אַ ברוכצאָל צו אַ גאַנצן, און די ברוכצאָל האַלט זיך אין איין דערנענטערן צום גאַנצן, אין איין פאַרגלייכט און געדעקט ווערן מיטן גאַנצן.

שווער אָבער, אומגעהויער שווער איז דער וועג פון ברוכצאָל, וואָס דערנענטערט זיך כסדר צום גאַנצן, שווער און אומגעהויער שווער איז די אומוואַנדלונג פון קליינעם דוד אין גרויסן גלית, ווייל נישט געקוקט אויף דער לעבנסנויטווענדיקייט פון אַזאַ אומוואַנדלונג און נישט געקוקט אויף די אָנשטרייַנגונגען פון קינד אַליין צו פאַרשנעלערן די אומוואַנדלונג, שטערן דער לעצטער דאָך די רעשטלעך פון איבערגעבליבענעם אייגנטלעך — קינדערשן אין קינד ביי זיין אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם. די איבערגעבליבענע, אמת זיך אַלץ מער פאַרמינערנדיקע דיפערענצן צווישן ברוכצאָל און גאַנצן ווירקן אומפאַרמיידלעך אויף דער ענדגילטיקער פאַרגלייכונג פון ברוכצאָל מיט דעם גאַנצן. דאָס נאָך איבערגעבליבענע קינדערשע אין שוין טיילווייז פאַר׳גלית׳טן קליינעם דוד שטערט דער ענדגילטיקער פאַר׳גליתו׳נג פון דודן, שטערט זיין פולשטענדיקער אומוואַנדלונג אין גלית׳ן.

אין פאַר׳עקשנטן און כסדרדיקן פּראָצעס פון אומוואַנדלונג און

צופאַסונג מצד דעם קינד צום דערוואַקסענעם פאַרבלייבט דאָך אַ גע־וויסע דיסטאַנץ צווישן זיי ביידן, און דידאַזיקע דיסטאַנץ פאַרגרעסערט די פאַרביטערונג פון קינד פון איין זייט און רופט ביי אים אַרויס אַנטשלאָסנהייט פון דער צווייטער זייט. די דיסטאַנץ צווישן קינד און דערוואַקסענעם רופט אַרויס פאַר דעם קינדס אויגן די געשליינגלטע שאָטנס פון אוממעכטיקייט, פון הילפלאָזיקייט, פון געדריקטן פערזענ־לעכקייטס־געפיל, פון פסיכאָלאָגישער מינדערווערטיקייט.

זאָל דאָס וואָרט: „פסיכישע מינדערווערטיקייט" אין דעם פאַל נישט אויסגעטייטשט ווערן פאַלש.

ביז דער לעצטער צייט פלעגט מען געוויינלעך „פסיכישע מינ־דערווערטיקייט" אויפפאַסן אַלס אַן אויסשליסלעכן אויסדרוק פון אויס־געשפּראָכענעם פּאַטאָלאָגישן כאַראַקטער און פון דעם אַליין האָט די השפּעה פון דער מינדערווערטיקייט נישט געקענט זיין קיין אויסגע־ברייטערטע, האָט נישט געקענט אַרויסגיין פון ענגן רשות־היחיד פון אומנאָרמאַלע אין רשות־הרבים פון מענטשן נאָרמאַלע, פון מענטשן בכלל.

די לעצטע דערגרייכונגען אין דער פסיכאָלאָגיע און באַזונדערס די אַזוי גערופענע פסיכאָאַנאַליטישע פסיכאָלאָגיע האָבן אָבער, אין דער ריי פון אַנדערע ראַדיקאַל־איבערגעשאַצטע ווערטן דערוויזן, אַז פסיכישע מינדערווערטיקייט פאַרשפּרייט זיך נישט נאָר אויף פּאַטאָ־לאָגישע, אויף אומנאָרמאַלע, אויף באַשטימטע מענטשן, נאָר אויך אויף נאָרמאַלע מענטשן, אויף אַלע מענטשן אָן אויסנאַם. מיט די נייע דער־גרייכונגען אין דער פסיכאָלאָגיע איז בכלל געבראַכט געוואָרן אונטער אַ גרויסן ספק די עצם פאַרטיילונג אויף נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע. ס׳איז פאַרווישט געוואָרן די פריערדיקע גרעניץ־ליניע פון אַבסאָלוט־הייט צווישן נאָרמאַל און אומנאָרמאַל און ס׳איז די לעצטע צוגעגעבן געוואָרן בלויז אַ רעלאַטיווע באַדייטונג.

ביי יעדן מענטשן אָן אויסנאַם, איז פאַראַן אַ געוויסע דיספּאָ־נירונג פון פסיכישער מינדערווערטיקייט. ביי אייניקע קומט דידאָזיקע דיספּאָנירונג צום אויסדרוק און ביי אַנדערע נישט, ריכטיקער: ביי אייניקע קומט זי צום אויסדרוק אין אַ שטאַרקערער פאָרם. דאָס ווענדט זיך בלויז פון אויסערלעכע פאַקטאָרן, פון וועלכע אייניקע

פאַראורזאַכן דאָס קומען צום אויסדרוק מצד דער פסיכישער מינדער-ווערטיקייט, אַנדערע, פאַרקערט, דערלאָזן נישט, פאַרשפאַרן די מינ־דערווערטיקייט פון קומען צום אויסדרוק. פּליוס מינדערווערטיקייט און מינוס מינדערווערטיקייט הייסט אַלזאָ נישט קיין צוויי באַזונדערע, דורך אַן אינערלעכן און וועזנטלעכן אונטערשייד אָפּגעטיילטע איינע פון די אַנדערע פּסיכישע דערשיינונגען, נאָר בלויז צוויי באַזונדערע, דורך אַן אויסערלעכן אונטערשייד אָפּגעטיילטע איינע פון די אַנדערע פסיכישע צושטאַנדן. מינדערווערטיקייט און נישט מינדערווערטיקייט באַצייכנען, אַלזאָ, בלויז צוויי מדרגות פון איין פסיכישער דערשיינונג. מינדערווערטיקייט מעסט זיך מיט אַ קוואַנטיטאַטיווער מאָס ; ביי איי־נעם, ווי געזאָגט, איז זי מער פאַרטראָטן, ביי אַנדערע ווייניקער. פאַראַן מענטשן, וואָס ליידן שטענדיק און כסדר אויף מינדערווערטי־קייט. פאַראַן, פאַרקערט, אַנדערע, ביי וועלכע דער מינדערווערטיקייטס־געפיל האָט בלויז אַן עפּיזאָדישן, אַ צייטווייליקן כאַראַקטער. ער קומט צום אויסדרוק נאָר ביי אַ באַשטימטער סיטואַציע, ער פאַרשווינדט תיכף נאָך זיין אַנטשטיין

מ׳קען אָבער דערפאַר כלל נישט ריידן וועגן מענטשן, וואָס זאָלן זיין אַבסאָלוט פריי פון מינדערווערטיקייטס־געפיל. אַזעלכע מענטשן וואָלטן, פאַרקערט, געווען הונדערטפּראָצענטיק אומנאָרמאַל, ווייל דאָס פעלן ביי זיי פון דער עצם מעגלעכקייט פאַר דעם אַנטשטייונג פון מינדערווערטיקייטס־געפיל וואָלט באַדייטעט די אַטראָפיע פון פאַר־גלייכן זיך מיט אַנדערע, אַטראָפיע פון אָריענטירונגס־פעיקייט.

אַבסאָלוטע מינדערווערטיקייטסלאָזיקייט איז אַבסאָלוטע טעמפּקייט, אַבסאָלוטער מאַנגל פון אינטעלעקטואַליטעט און עמאָציע, פסיכישע טויב־שטימקייט און מאַנעקעניזם.

פון דעם שטאַנדפונקט איז דער געפיל פון מינדערווערטיקייט, אין אַבסאָלוטן זין פון וואָרט, נישט קיין נעגאַטיווע, נאָר דוקא אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. מינדערווערטיקייט איז אַ פאַקט, וואָס זאָגט עדות וועגן דער דינאַמישקייט פון פסיכישן וועזן, וועגן זיין אַקציאָנס־פעיקייט און לעבנסֿפעיקייט

דאָס שלעכטס פון מינדערווערטיקייט מעסט זיך נאָר מיט דער מאָס פון כמות: שעדלעך און באַדראָענדיק איז בלויז די איבער־

מאָסיקע, די צו גרויסע מינדערווערטיקייט, וועלכע קען, דערגרייכנדיק איר אַפּאָגיי, דערפֿירן ביז אַטראָפֿיע פֿון אַקציאָנספֿעיִקייט, קען אויסלעשן יעדן פֿונק פֿון גלויבן אין זיך און אין די אייגענע כּוחות און קען פֿאַרוואַנדלען דעם מענטשן אין אַן אָפּהענטיק-נאָכשלעפּעניש יאָך דעם פֿאַטום פֿון לעבן.

אַ געמעסיקטע, נישט איבערטריבענע מינדערווערטיקייט איז טאַקען פֿאַראַן אין אַ ריי פֿון דורכויס נאָרמאַלע מענטשלעכע געפֿילן און באַציונגען, וועלכע אַנטשטייען בײַ דער צוזאַמענטרעפֿונג פֿון אַ שוואַכערן מיט אַ שטאַרקערן.

און פּונקט אַזוי, ווי ס'איז מעגלעך די נישט גלײַכהייט צוויש די אינדיווידועלע מענטשלעכע פֿעיִקייטן און מעגלעכקייטן, פּונקט אַזוי ווי ס'איז נאַטירלעך דער איבערגעוויכט פֿון איין מענטש איבערן צווייטן, פּונקט אַזוי איז אויך נאַטירלעך די אַנטשטייונג פֿון מינדערווערטיקייטס-געפֿיל אונטערן דרוק פֿון דער צווישנמענטשלעכער נישט גלייהייט. וואָרום וואָס איז דען די אַזוי פֿאַרשפּרייטע און טיף-מענטשלעכע נייגונג צו קנאה, אויב נישט קיין אויסדרוק פֿון מינדערווערטיקייטס-געפֿיל מצד דעם שוואַכערן לגבי דעם שטאַרקערן? וואָס איז אַזוינס די אַמביציעזקייט פֿון מענטשן, יענע אַמביציעזקייט, וואָס אַנטהאַלט אין זיך דעם סוד פֿון מענטשלעכן שאַפֿן און פֿאָרשריט און איז, לויט איר נאַטור, נאָר אַן אָפּצווייגונג פֿון דער דערמאָנטער קנאה, אויב נישט קיין אויסדרוק פֿון מינדערווערטיקייטס-געפֿיל? וואָס איז די אַזוי באַרימטע און אַזוי מאָראַליזירטע באַשיידנקייט, וועלכע ווערט געשטעלט אַלס מוסטער פֿון פּאָזיטיווער דערהויבונג, פֿון גייסטיקער פֿולקאָמהייט, אויב נישט קיין אויסדרוק פֿון מינדערווערטיקייטס-געפֿיל? טאַקע צוליב דעם, וואָס די מענטשלעכע מעגלעכקייטן זייַנען נישט קיין אומבאַגרעניצטע, וואָס די שטערונגען אויפֿן וועג פֿון מענטשלעכן שאַפֿן זייַנען אומצייליק, וואָס דעם מענטשן קומט כּסדר אויס צו לאַווירן צווישן די צוויי עקסטע פּאָלוסן פֿון „איך וויל" און „איך וועל", טאַקע צוליב דעם, וואָס דאָס קאָמפּליצירטע לעבן איז פֿאַר דעם מענטשן אַ תּורה נישט נאָר פֿון מצוות-עשה, נאָר אויך און בעיקר פֿון מצוות-לא תעשה, מוז ער, דער מענטש, אָפֿט אַרײַנפֿאַלן אין צושטאַנד פֿון הילפֿלאָזיקייט.

גוט איז, ווען די הילפסלאָזיקייט איז נאָר אַ צייטווייליקע דער־שיינונג, ערגער איז, ווען זי פאַרציט זיך און זי דויערט. די הילפס־לאָזיקייט גופא איז אָבער אין עצם אומפאַרמיידלעך, אַנדערש וואָלט קיין מענטשלעכעס שאַפן בכלל נישט מעגלעך געווען. יעדע שאַפונג איז דאָך אין תוך דער פּרוו זיך אַרויסצובאַקומען אַלס זיגער פון די דערדריקנדיקע אָרעמס פון מינדערווערטיקייט. יעדע אַנטדעקונג, יעדע מענטשלעכע ערפינדערישקייט, איז דאָך בעצם נאָר אַ פּרוו צו באַפרייען זיך פון מינדערווערטיקייט, אויסצוברייטערן די אייגענע מעגלעכקייטן, און אין דעם זין איז הילפסלאָזיקייט און מינדערווער־טיקייט די טרייב־קראַפט פון מענטשלעכן אינדיווידועלן, ווי קאָלעק־טיוון פּראָגרעס, די טרייב־קראַפט פאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג און פאַרפולקאָמהייט.

אַ מענטש, וואָס איז קיינמאָל נישט הילפלאָז, וואָס ווייס קיינ־מאָל נישט פון מינדערווערטיקייטס־געפיל איז נישט ווייניקער אומ־נאָרמאַל פון זיין קעגנזאַץ, דעם מענטש, וואָס איז שטענדיק און הונדערט פּראָצענטיק הילפלאָז און מינדערווערטיק.ביידע זיינען זיי נישט פעיק צו אַקטיוויטעט, צו שאַפן. ביידע זיינען זיי איבעריקע און נוצלאָזע מיטגלידער אין דער געזונטער מענטשלעכער געמיינשאַפט.

מינדערווערטיקייט איז, אויף אַזאַ אופן, אַ זאַך אַ רעלאַטיווע, די נאָרמאַלקייט און אומנאָרמאַלקייט פון וועלכער ס׳מעסט זיך נישט מיט זיין אָדער נישט זיין, נאָר מיט דעם דויער, מיט דעם קירצערן אָדער לענגערן דויער פון דעם זיין. אויף דעם גרעסערן דויער און צוזאַמען מיט דעם אויף דער נעגאַטיוויטעט פון מינדערווערטיקייט ווירקט דירעקט דער פאַקט פון אַ גרעסערער צאָל שווערע סיטואַציעס, וועלכע פאַראורזאַכן דעם מינדערווערטיקייטס־געפיל. און פאַר דעם לעצטן פאַקט שפילט, צווישן אַנדערע, אַ ראָל דער פאַרשיידענער על־טער פון מענטשן. וואָס יינגער דער מענטש איז, אַלץ ווייניקער דער־פאַרן איז ער, אַלץ גרעסער איז די צאָל פון שווערע סיטואַציעס אין זיין לעבן, און אַלץ שטאַרקער און דויערנדיקער איז ממילא דער מינדערווערטיקייטס-געפיל.

דער יינגסטער עלטער פון מענטשן איז דעריבער מער עלול צו פאַראורזאַכן הילפסלאָזיקייט און מינדערווערטיקייטס־געפיל, ווי דער

ווייטערער עלטער פון מענטשן. אַנדערש גערעדט: פ ו ן מ י נ ד ע ר־ וו ע ר ט י ק י י ט ס־ג ע פ י ל ליידט אַממערסטן דאָס ק י נ ד.

דער מינדערווערטיקייטס־געפיל פון קינד איז, ווי געזאָגט, כלל נישט קיין סימן פון אומנאָרמאַלקייט. פאַרקערט, דאָס איז די נאַטיר־לעכסטע און פאַרשטענדלעכסטע דערשיינונג אין קינדס אַנטוויקלונג.

דאָס אָפּגעשוואַכט ווערן פון קינדס מינדערווערטיקייטס־געפיל, זיין בהדרגהדיקער פאַרלירן פון ערשטער שאַרפקייט גייט פאַראַלעל מיט דער כסדרדיקער אומוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם, מיט דעם כסדרדיקן פאַרשווינדן פון דעם קינדישן אין קינד. צוזאַמען מיט דער באַרייכערונג פון דערפאַרונג, צוזאַמען מיט דער צופּאַסונג צום אַרומיקן לעבן, צוזאַמען מיט דער אַלץ זיך פאַרמערנדיקער דערנענ־טערונג צום דערוואַקסענעם, ווי אַ ברוכצאַל צו אַ גאַנצן, ווערט אויך פאַרקלענערט די הילפסלאָזיקייט פון קינד און זיין מינדערווערטיקייטס־געפיל. אין אָנהייב, אָבער, ווען דאָס קינד איז נאָך אויפן שוועל פון זיין אומוואַנדלונגס־פּראָצעס, ווען דאָס קינד איז נאָך לגבי דעם דערוואַקסענעם בלויז אַ נישטיקע ברוכצאַל לגבי אַ גאַנצן, איז דער מינדערווערטיקייטס־געפיל אַ נאַטירלעכע און נישט באַזיגבאַרע דער־שיינונג.

דער מינדערווערטיקייטס־געפיל איז אַ זאַך נישט נאָר פאַר אומ־נאָרמאַלע, נאָר אויך און בעיקר פאַר נאָרמאַלע קינדער, ווי ס'ווייזט אָן מיט ביישפּילן דער פּסיכאָאַנאַליטיקער פפיסטער. *)

אַלע נאָרמאַלע קינדער, באַהויפּטעט דער צווייטער פּסיכאָאַנאַ־ליטיקער ד"ר אַלפרעד אַדלער **) — האָבן אומבאַדינגט אַ מינדערווער־טיקייטס־ד י ס פּ אָ נ י ר ו נ ג. און דאָס ווערט, לויט זיין מיינונג, נאָך מער פאַרשטאַרקט דורך דעם, וואָס אַלע קליינע קינדער ליידן פון

---

*) Pfister Oskar Dr: Die Liebe des Kindes und ihre Fehl-entwiklungen, ein Buch f. Elteren und Berufserzieher, Verl. Ernst Burchner, Leipzig, 1922, 72–75 .ז

**) Dr. Adolf Adler: Über die nervösen charakter, München–Wiesbaden, Verl. I. E. Bergmann, 1922, 30–31 .ז

אָרגאַנישער מינדערווערטיקייט. אַדלער האַלט מיט רעכט פון דעם, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אומבאַדינגטע שיכות צווישן אָרגאַני-שער (פיזישער) און פסיכישער מינדערווערטיקייט. ס׳איז דאָך באַקאַנט, אַז ליידנדיקע אויף פיזישע אַנאָמאַליען זיינען מער עלול צו ליידן אויך אויף פסיכישע אַנאָמאַליען. טויב־שטומקייט, למשל, איז אָפט אַ צווייפאַכע: אַ פיזישע און נאָך מער אַ פסיכישע *). און קינדער ליידן דאָך, אָן ספק, פון פיזישער, פון אָרגאַנישער מינדערווערטיקייט. באַ-האַנדלענדיק די נישט פולקאָמהייט פון די פריקינדערשע אָרגאַנען, דאָס נישט קענען באַהערשן די אייגענע אָרגאַנען א. אַ. ו. קומט אַלפרעד אַדלער **) צום אויספיר וועגן אַ ממילאדיקער פסיכישער מינ־דערווערטיקייט אין דער פריסטער קינדהייט.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן אויף דער אומבאַדינגטער ווירקונג, וואָס די שלעכטע סיטואַציע האָט אויסצואיבן אויף דער פאַרשטאַרקונג פון מינדערווערטיקייטס-געפיל. אַזעלכע שווערע סיטואַציעס, וועלכע שטרייכן אונטער די אומבאַהאָלפנקייט, וועלכע איז די צווילינג־שוועס־טער פון מינדערווערטיקייט, זיינען דאָך באַזונדערס נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך דוקא פאַר דער פריסטער קינדהייט. די גאַנצע פריס־טע קינדהייט בכלל קען דאָך באַטראַכט ווערן אַלס אַ סכום פון שווע־רע סיטואַציעס, פון לויטער אומלוסט־עמפינדונגען. דאָס וואָס די קינ־

---

*) פון דער ספּעציעלער ליטעראַטור וועגן אַנאָמאַליען ביי קינדער — זע:

Dr. erwin Stransky: Psychische Verursachung seelischer schtörungen und die Psychische bedingten Abnormen Seelenvorgänge.

Dr. M. Friedmann: Natur der zwangsvorstellungen und ihre Beziehungeu zum Willensproblem. 1920.

Dr. M. Eriedmann: Über die Psychologie der Eifersucht, 1911

Dr. Karl Goldstein: Die Halluzination, ihre entstehung, ihre Ursachen und ihre Realität.

Dr. Ernst Frommer: Das Problem des Schlafes (Biologisch und Psychologisch betrachtet), 1912.

Dr. Alfred Adler: über die hervosen charakter. (**

דער פון פריסטן עלטער האָבן נאָך נישט קיין דערפאַרונגען, וואָס פאַר זיי איז די אומגעבונג אַ לחלוטן פרעמדע זאַך, דאָס מאַכט דאָס קינדערשע לעבן באַזונדערס שווער, און דאָס איז טאַקע די סיבה פון שטאַרקן טראַגיזם אין קינדערשן לעבן. די אומלוסט דאָמינירט איבער דער לוסט. דאָס אומאַנגענעמע און אָפּשטויסנדיקע האָט איבערגעוויכט איבער דעם אַנגענעמען און צוציענדיקן. טרעפנדיק זיך כסדר מיט נייע אומבאַקאַנטע דערשיינונגען און פאַקטן, זייענדיק אַרומגערינגלט מיט אַלץ צוקומענדיקע באַדראָונגען און איבערראַשונגען פון דער אומבאַקאַנטער וועלט, אייגנט זיך דאָס קינד צו נאַטירלעכערווייז דעם אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג. דער זעלבסטדערהאַלטונגס אינסטינקט באַקומט זיין ערשטן און בולטסטן אויסדרוק אין אומזיכערהייט, אין פּאָרזיכטיקייט, און שפּעטער אָדער פּאַראַלעל מיט דעם אויך אין אומבאַהאָלפנקייט און מינדערווערטיקייט.

סיי די אומזיכערהייט און פּאָרזיכטיקייט און סיי די אומבאַהאָלפנקייט און מינדערווערטיקייט זיינען שוין אַ רעזולטאַט נישט פון אורשפרינגלעך־קינדישן אין קינד, נאָר דוקא פון צוגעקומענער דערוואַקסנקייט, פון אַ געוויסער דורכגעמאַכטער אומוואַנדלונג מצד דעם קינדישן אין דערוואַקסענעם, פון אַ דורכגעמאַכטער, כאָטש דערווייל נאָך טיילווייזער, נישט גענוגנדיקער דערפאַרונג, ווי כ׳האָב אין פאָריקן קאַפּיטל באַמיט זיך צו דערווייזן.

דער מינדערווערטיקייטס־געפיל ביים קינד איז, אויף אַזאַ אופן, שוין אַ באַווייז, אַז אין אייגנטלעך קינדישן איז דורכגעבראָכן אַ שפּאַלט, אַז די ערשטע קינדערשע גאַנצקייט איז שוין צעשטערט פון דער אָנגרייפנדיקער דערוואַקסנקייט.

דער אָנגריף פון דערדאָזיקער דערוואַקסנקייט גופא איז אָבער פאַר דעם קינד זייער פילבאַר און ווייטיקדיק. ס׳באַקומט זיך אַ פאַרכשופטער קרייז: שווערע סיטואַציעס רופן אַרויס און שטאַרקן דעם מינדערווערטיקייטס־געפיל, פון זיין זייט שאַפט אָבער דער מינדערווערטיקייטס־געפיל גופא און רופט אַרויס ווידעראַמאָל נייע שווערע סיטואַציעס.

נאָר ווי ס׳זאָל נישט זיין — דאָס קינד איז באַזונדערס גענייגט, ווי לויט זיין פיזישן, אַזוי אויך לויט זיין פסיכישן תוך, צום מינ־

דערוועריטיקייטס-געפיל. דאָס קינד האָט באַזונדערס, ווי ס'ווערט אָנ־גערופן ביי מאַנכע קינדער-פּסיכאָלאָגן די מינדערוועריטיקייטס-דיספּאָ־נירונג. מיט דער מינדערוועריטיקייטס־דיספּאָנירונג איז עס טאַקע צו־נויפגעבונדן די באַקאַנטע קינדערשע נטיה צו נעאוראָזיטעט, די אַזוי גערופענע פּרי־קינדערשע נעוראַזיטעט.

„אין אָנהייב פון דער נעאוראַזיטעט־אַנטוויקלונג — זאָגט אַדלער*) — שטייט די אומזיכערהייט און מינדערוועריטיקייט, די לעצטע פאָדערן אָבער זוכנדיקע, באַרויקנדיקע צוועקזעצונג, כּדי דאָס לעבן דערטרעג־לעך צו מאַכן.

די בעסטע מיטלען דערצו זיינען הילפס־קאָנסטרוקציאָנען און שאַבלאָנען אין דענקען און ווילן".

די זאַך איז אָבער אין דעם, וואָס די אָנגעוויזענע צוועקזעצונג גופא, די הילפס־קאָנסטרוקציאָנען און שאַבלאָנען גיבן זיך ערשט נאָך אַ געניגנדיקער דערפאַרונג, ערשט דאַן, ווען דאָס קינד דערנענטערט זיך צום דערוואַקסענעם, ווען ער ווערט אַליין אַ שטיק דערוואַקסענער. אין דעם פּרי־קינדערשן עלטער זיינען אָבער נאָך אַזעלכע הילפס־קאָנסטרוקציאָנען און שאַבלאָנען נישט מעגלעך און דעריבער איז טאַקע אין פּרי־קינדערשן עלטער שטאַרק די מינדערוועריטיקייט, די נעאו־ראָזיטעט.

די מינדערוועריטיקייטס- און נעאוראַזיטעט־דיספּאָנירונג איז אַ כּלל־זאַך פאַר אַלע קינדער, נאָרמאַלע ווי אומנאָרמאַלע. ווי זאָגט אַדלער**): „ביי דעם נערוועזן קינד געפינען זיך נישט לחלוטין קיינע כאַראַקטער־צוגן, קיין נייע כאַראַקטער־צוגן, וועלכע מ'זאָל נישט קענען אויסגעפינען ביי דעם נאָרמאַלן קינד בכלל".

די ערשטע אָנערקענטע אומבאַהאָלפנקייט ווערט געשאַפןביים קינד דורך דער נויטיקייט פון זעלבסטפאַרטיידיקונג, פון ווידערשטאַנד. דאָס גיט צו, ווי געזאָגט, דער קינדהייט דעם יסוד פון איר טראַגיזם. דאָס קינד איז נאָך צו קינדיש, צו אַקטיוו, כּדי עס זאָל אָן קאַמף זיך אונטער־געבן דער מינדערוועריטיקייט. די אומלוסט-עמפינדונגען, די אומבאַ-

---

*) Ibid

**) Ibid

האָלפּנקייט רעגן פון אָנהייב אָן זיין אַקציאָנספּעיקייט און שטאַרקן זיין אַקטיוויטעט. ער פּרוווט זיך קעגנשטעלן דער נישט גענוגנדיקייט פון זיינע פרי-קינדערשע מעגלעכקייטן, קעגנשטעלן זיך דער מינדער־ווערטיקייט. דאָס ברענגט צו דער באַקאַנטער קאַמפּסלוסטיקייט פון קינד אין זיין פריסטן עלטער, אָדער, ווי ס'הייסט, אין דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע, צו דעם אַגרעסיאָנס-טריב. *)

דער אַגרעסיאָנס-טריב, אַלס מיטל פון זעלבסטפאַרטיידיקונג אין קאַמף פון קינד קעגן דער מינדערווערטיקייט געפינט זיין בולטן אויס דרוק אין קינדס נעגאַטיוויסטישער באַציונג צו דער אומגעבונג. אויף דערדאָזיקער נעגאַטיוויסטישער באַציונג וועלן מיר זיך נאָך שפּעטער אָפּשטעלן ברייטער. דאָ איז נאָר וויכטיק צו באַטאָנען, אַז די נעגאַטי־וויסטישע באַציונג פון קינד נעמט זיך פון זיין באַדערפעניש צו גע־פינען אַ זיכערונגס-מיטל קעגן דער באַדראָענדיקער מינדערווערטיקייט. אַזאַ זיכערונג, אָדער, ווי ס'רופט דאָס אָן אַדלער, קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע האָט אַן אומגעהויער וויכטיקע באַדייטונג פאַר דעם מענטש־לעכן לעבן בכלל און פאַר דעם לעבן פון קינד בפרט. אָן אַזעלכע זיכערונגס־מיטלען אָדער קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס וואָלט קיין אַנט-וויקלונג, קיין פאַרפולקאָמונג נישט געווען מעגלעך. געטהע זאָגט וועגן דער באַדייטונג פון זיכערונג פאָלגנדיקעס: דידאָזיקע אייגנשאַפט, וועלכע בילדעט די פּיראַמידע פון מיין דאַזיין און אויף וועמענס באַזיס ס'האַלט זיך מיין קיום, שטייגט מיט איר הויכן שפּיץ איבער אַלעס אַנדערעס און לאָזט וועגן זיך אַפילו אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן.״

און ס'קומט אויס צו באַנוצן אַ קל־וחומר:

אויב אַזוי גרויס איז די באַדייטונג פון זיכערונג אין אַלגעמיי-נעם לעבן, איז דאָך פיל מער וויכטיק און גרויס די באַדייטונג פון זיכערונג ספּעציעל פאַר דעם קינדערשן לעבן, וואָרום דער כלל איז אַזאַ: וואָס שטאַרקער די מינדערווערטיקייט איז, אַלץ נייטיקער איז די זיכערונג, די קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע. דאָס קינד געפינט

*) Dr. Alfred Adler: Der Agresionstriebe im Leben und in der Neurose, in „Heilen und Bilden," ז. 1.

זיך איינגאַנצן אין די צוואַנגען פון מינדערווערטיקייט און דעריבער טאָקע מוזן שטאַרק און פּילצאָליק זיין די קאָמפּענסאַטאָרישע פּיקציעס ביים קינד, ס׳מוזן פּילצאָליק און שטאַרק זיין די מיטלען פון ווידער־שטאַנד קעגן דער גרויסער מינדערווערטיקייט אין פּרי־קינדערשן עלטער. די קאָמפּענסאַטאָרישע פּיקציעס פון דער קינדהייט, ווי ס׳ווייזט שוין דער נאָמען אַליין, זיינען, לויט זייער תוך און גענעזיס, מיט־לען געקינסטלטע, מיטלען, וואָס קומען פון אָנשטריינגונג, פון צופּאַ־סונג צו אויסערלעכע שוועריקייטן און פאַרפּלאָנטערטע סיטואַציעס, און לויט זייער צוועק זיינען זיי (די פּיקציעס) אויסגערעכנט אויף צו ראַטעווען זיך, צו קאָמפּענסירן די אַלע שוועריקייטן, וועלכע טרעפן זיך אויפן דאָרניקן וועג פון דער קינדהייט.

די קאָמפּענסאַטאָרישע פּיקציע איז אַלע מאָל אַן אומבאַדינגטע באַגלייטערין פון מינדערווערטיקייט, זי איז אַלע מאָל אַ געקינסטלטער, הגם צוועקמעסיקער, צובוי, וואָס דאַרף אויספּולן די בלויזן, פאַר־שיטן דעם חלל צווישן קינד און דער אומגעבונג, זי דאַרף אילוזאָ־ריש אויסגלייכן די זיגזאַגן פון די שווערע סיטואַציעס ביי דער מינ־דערווערטיקייט. און פּונקט ווי ס׳איז נישט מעגלעך קיין מענטשלעכע פּסיכיק, אינדיווידועלע, ווי קאָלעקטיווע, אָן אַ באַשטימטער אָנוועזנהייט אין איר פון מינדערווערטיקייט, פּונקט אַזוי איז אויך נישט מעגלעך קיין מענטשלעכע פּסיכיק אָן באַשטימטע קאָמפּענסאַטאָרישע פּיקציעס.

קאָמפּענסאַטאָרישע פּיקציע און מינדערווערטיקייט זיינען אין זייער קעגנזייטיקער שייכות אַ רפואה און אַ מכה, אַ מינוס און אַ פּליוס: די מכה פון מינדערווערטיקייט ווערט געהיילט דורך דער רפואה פון קאָמפּענסאַטאָרישע פּיקציע, דער מינוס פון מינדערווערטיקייט ווערט געדעקט מיטן פּליוס פון קאָמפּענסאַטאָרישער פּיקציע.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז וואָס גרעסער די מכה איז, אַלץ נייטיקער איז די רפואה, וואָס אָפּטער דער מינוס, אַלץ וויכטיקער דער פּליוס. און אַזוי ווי ביי קינדער פון פריסטן עלטער איז די מינדערווערטי־קייט, ווי געזאָגט, פאַרטראָטן אין דער גרעסטער מאָס, איז ממילא אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דוקא די קינדער פון פריסטן עלטער צייכנען זיך עס אַזוי אויס מיט דער גרויסער צאָל פון קאָמפּענסאַטאָ־רישע פּיקציעס. כמעט די גאַנצע פריסטע קינדהייט איז איין בסדר־

דיקע קייט פון קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס. און דער עצם פּראָצעס פון דערוואַקסנקייט וואָלט געקענט כאַראַקטעריזירט ווערן אַלס בהדרגה־דיקע אויסשיילונג פון די פריערדיקע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס אין שפּעטערדיקער קאָמפּענסאַטאָרישער ווירקלעכקייט, נאָך ריכטיקער: פון גרעסערע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס און קלענערע (ווייל געוויסע פיקציעס מוזן דאָך פאַרבלייבן אַפילו אין לעבן פון דערוואַקסענעם). נאָך מער: די קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס זיינען בכלל די בעסטע אילוסטראַציע פון קינדישן, פון די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון קינדישן אַפילו ביי דערוואַקסענע — אַזוי אָרגאַניש איז צונויפגעבונדן די קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע מיט דעם קינדישן, מיט דעם פרימער־קינדישן, אַלס אַזעלכן.

און דער איבערפלוס מיט קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס אין דער פריסטער קינדהייט, מאַכט די לעצטע פולשטענדיק אַנאַלאָגיש מיט דעם פּסיכישן צושטאַנד פון די אוראַלטע מענטשן, און אין דער אַנאַלאָגיע איז נישט נאָר פאַראַן אַ באַשטעטיקונג צו דעם ביאָגענעטישן גאַנג פון דעם קינדס אַנטוויקלונג, נאָר אויך אַ באַווייז פון פולשטענדיקער פּסיכישער אידענטיטעט צווישן קינד און אוראַלטן מענטשן.

כ׳טייל אָפּ דאָס ביאָגענעטישע פון פולשטענדיקער אידענטיטעט בכוונה, ווייל זעענדיק אין דער ענלעכקייט צווישן קינד און אוראַלטן מענטשן נאָר אַ רעזולטאַט פון ביאָגענעטישקייט, פון איבערחזורונג מצד דעם קינד די אַלגעמיינע מענטשלעכע אַנטוויקלונג, וואָלטן מיר דאָך דיזעלביקע ענלעכקייט געמוזט גורס זיין נאָר אַלס צייטווייליקע און כלל נישט פולשטענדיקע זאַך. דאָס קינד חזרט איבער אין אַ פאַרגיכערטן טעמפּאָ די אַלגעמיין מענטשלעכע אַנטוויקלונג און אויפן וועג פון דערדאָזיקער איבערחזורונג זיינער האָט ער אַ סך עפּאָכן פאַר זיך, פון וועלכע דער אוראַלטער מענטש איז בלויז איין עפּאָכע. די ענלעכקייט מיטן אוראַלטן מענטשן ווערט דורך דעם אַן עם־כל־הנערים־ענלעכקייט, אַ זאַך, וואָס איצט איז זי דאָ און שפּעטער איז זי שוין נישטאָ, אַ זאַך נישט קיין אָרגאַנישע, נישט קיין פולשטענדיקע. די ענלעכקייט פון קינד מיט דעם אוראַלטן מענטשן און געגעבענעם פּרט פון קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס איז אָבער אַ פולשטענדיקע, אַן אָרגאַנישע.

ס׳איז נישט קיין צופעליקייט, וואָס ס׳זיינען געווען אַזוי פיל קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס אין דעם לעבן פון אוראַלטן מענטשן אַמאָל, פונקט ווי ס׳איז פולשטענדיק פאַרשטענדלעך דער איבערפלוס פון קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס אין לעבן פון ווילדן מענטשן און פון פּרימיטיוון פאָלקסמענטשן איצט.

דער פּרימיטיווער מענטש, אויף די נידעריקערע שטופן פון אַנטוויקלונג, שטעלט דאָך אין עצם פאָר מיט זיך אַ קינד, די פּרי-מיטיווע מענטשלעכע געמיינשאַפט, אַלץ איינס: צי אַמאָל, צי היינט, שטעלט דאָך מיט זיך פאָר אַ קאָלעקטיווע קינדהייט. די גאַנצע רירנ־דיקע פאָלקספאַנטאַסטיק, ווי, למשל, וועגן שׂכר ועונש, וועגן השארת־הנפש, וועגן גיהנום און גן־עדן א. אַ. וו., איז נישט אַנדערש, ווי אַ סכום פון קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס, וועלכע זיינען כאַראַקטעריס-טיש דווקא פאַר דער עלטקינדערשער, פרימערער מינדערווערטיקייט.

קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס טרעפן מיר ביי די אוראַלטע מענטשן מער, ווי ביי די איצטיקע, ביי די ווילדע מער, ווי ביי די ציווי־ליזירטע, ביי די פּראָווינציעלע מער, ווי ביי די גרויסשטאָטישע, ביי די נידעריקערע סאָציאַלע שיכטן מער, ווי ביי די העכערע, ווייל ביי אַלע ערשטע איז אַ סך גרעסער די מינדערווערטיקייט, ווי ביי די אַלע צווייטע, אַנדערש געזעדט: ווייל ביי די ערשטע דאָמינירט נאָך דאָס קינדישע אין דער דערוואַקסנקייט.

און פון דעם איז לייכט צו מאַכן ווידער אַ קל־וחומר־פאַרגלייך: מה־דאָך די צאָל פון קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס איז אַזוי גרויס ביי די אַלע, וואָס זיינען נאָר ענלעך צום קינד, היינט ווי פאַרפיל־פאַכט גרויס מוז שוין זיין די צאָל פון אַזעלכע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס ביי דעם אורשפּרינגלעכן קינד גופא, ביי דעם טרעגער פון הונדערטפּראָצענטיקער קינדהייט! —

און דעריבער איז טאַקע די פריסטע קינדהייט אַן אומאויפהער־לעכער מאַרטיראָלאָג פון מינדערווערטיקייט פון איין זייט און אַ סיס-טעמאַטישע ריי פון קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס פון דער אַנדער זייט.

מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ ריי פון אַזעלכע קאָמפּענ־סאַטאָרישע פיקציעס אין דער פריסטער קינדהייט.

פאַר דעם אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, וואָס איז נאָר אַ צוגרייטונג,

וואָס איז נאָר אַן ערב פון די אייגנטלעכע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס, אַ פּאָר ווערטער וועגן יענע פסיכישע צושטאַנדן און נייגונגען, וועלכע זיינען אַליין נאָך נישט קיין קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס, נאָר אַרבעטן אויס דעם וועג פאַר די לעצטע.

דער ערשטער אָנזאָג פון מינדערווערטיקייט און צוגלייך די ערשטע צוגרייטונג צו קאָמפּענסאַטאָרישער פיקציע איז ביים קינד פון פריסטער עלטער זיין אומזיכערהייט, זיין אומבאַהאָלפנקייט ביי צוזאַמענשטויסונגען מיט דער פרעמדער אומגעבונג, יענע אומזיכערהייט און אומבאַהאָלפנקייט, וועלכע נעמען זיך פון דערפאַרונגסלאָזיקייט.

ביים קינד בילדעט זיך פון אָנפאַנג אָן שוין אַן אַנונג וועגן עפּעס אַ פאַטאַלער קראַפט, וואָס הערשט אין דער פרעמדער וועלט, אַ קראַפט, וואָס האָט נאָר איינאיינציקן צוועק: צו שטעלן הינדערניסן אויף זיין, דעם קינדס, וועג, צו באַגרענצן און פאַרהאַמעווען זיינע ווונטשן און מעגלעכקייטן, אונטערצושטרייכן אויף שריט און טריט זיין נישטיקייט, צו אַרומרינגלען אים כסדר מיט לויטער אומלוסט־עמפינדונגען. דער פאַטום איז דאָך, ווי באַקאַנט, די הויפט באַרעכטיקונג פון מינדערווערטיקייט בכלל *). איז דאָך, למשל, אויך די מינדערווערטיקייט פון דערוואַקסענע, אויף וויפל זי דריקט זיך אויס, צום ביישפיל, אין דער פאָלקספאַנטאַסטיק וועגן גיהנום און גן־עדן וכדומה, צוזאַמענגעבונדן מיט דער אומבאַדינגטער איבערצייגונג אין פאַטום, וואָס הערשט אין דער וועלט.

די ערשטע אומזיכערהייט פון קינד אונטערן דראַנג פון זיינע מיספאַרפאָלגן און אומלוסט גייט שפּעטער אַריבער אין אַ מער קריסטאַליזירטער פאָרם פון **שרעק און אומצוטרוי** צום אומבאַקאַנטן. דאָס איז די פריסטע קינדערשע שרעק אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען: אָפּטישע שרעק, אַקוסטישע שרעק, שרעק פאַר שאָטנס און פינסטערניש א. אַ. וו., וואָס ווערט אַזוי אויספירלעך, אויפן סמך פון מערערע באַאָבאַכטונגען און עקספּערימענטן, באַהאַנדלט אין די נייס־

---

*) אויספירלעכער ביי אַלפרעד אדלער, Idbi, ז. 39—41.

טע אַרבעטן פון דער קינדערפּסיכאָלאָגיע *) אויף דערדאָזיקער שרעק וועל איך זיך דאָ נישט אָפּשטעלן. כ'וויל נאָר באַטאָנען, אַז זי איז עס דער ערשטער פאָרעטאַפּ צו דער שפּעטער זיך פאָרמירנדיקער קאָמפּענסאַטאָרישער פיקציע. די קינדערשע שרעק איז אַ דערשיי־נונג אַ נעגאַטיווע, זי שטרייכט אונטער און מאַכט פאַרן קינד קלאָר זיין נישט גלייכהייט מיט אַנדערע, העכער פאַר אים שטייענדיקע, זיין אומבאַהאָלפנקייט, זיין מינדערווערטיקייט.

נאָך דער שרעק קומט שוין די ווייטערע אַנטפּלעקונג פון פאָ־זיטיוון: די אָנשטריינגונג צו קאָמפּענסירן זיך פאַר דער שרעק מיט עפּעס, און דערדאָזיקער עפּעס איז דער אויבן שוין דערמאָנטער אַ ג ר ע ס י אָ נ ס ט ר י ב פ ו ן ק י נ ד. אויב די פריקינדערשע שרעק באַלייכט נאָר דעם חלל פון קינדערשער אומבאַהאָלפנקייט, קומט שוין די אַגרעסיווקייט אויסצופילן דעמדאָזיקן חלל מיט אַ געוויסע פיקציע, מיט אַן אילוזאָרישער פילהאָפנקייט און אַלמעכטיקייט. אַנדערש גע־רעדט: די ערשטע אַגרעסיווקייט פון קינד איז עס דער פּליוס, וואָס קומט צו דעקן דעם מינוס פון דער מינדערווערטיקייט, וועלכע איז אַנטהאַלטן אין גענעזיס פון שרעק. די אַגרעסיווקייט פון קינד איז אין איר תוך דיזעלביקע שרעק, נאָר אַנדערש פאַרשטעלט, אַנדערש פאַרשלייערט. ביי דערוואַקסענע איז די איבערמאָסיקע געוואַגטקייט און דרייסטקייט אויך אָפט נאָר אַ פאַרשטאַרקטע פאָרם פון פייגנטום, ביי קינדער איז עס אָבער נישט נאָר אָפט, נאָר שטענדיק. דער אַג־רעסיאָנס־טריב פון דער פריסטער קינדהייט, וואָס באַקומט זיין אויס־דרוק אין אַ גאַנצער מענגע פון באַקאַנטע אַנטפּלעקונגען, ווי מאַכט־טריב, הערשזוכט, נייגונג צו רואינירן, ברעכן א. אַ. וו. איז, אויף אַזאַ אופן, שוין דער ערשטער אָנזאָג, דער „ערב" פון דער קאָמפּענ־סאַטאָרישער פיקציע לגבי דער מינדערווערטיקייט.

ווען מיר באַהאַנדלען אין דער קינדער-פּסיכאָלאָגיע אַזעלכע פאַקטן, ווי, צום ביישפּיל, די קינדערשע נטיה צו רואינירן, צו ברעכן א. אַ. וו., זעט מען עס געוויינלעך צו דערקלערן אין דער ערשטער

*) זע Sally.

דיי מיט דעם ווונטש פֿון קינד צו אַנטדעקן די אומבאַקאַנטע וועלט, מיט דעם ווונטש זיך צוצופּאַסן צו דער אומבאַקאַנטער וועלט. מ׳געפֿינט אויס געוויינלעך אין דעם קינדערשן ברעכן און רואינירן דעם נאָטירלעכן ווונטש צו דערגיין צום עקזיסטענץ-סוד. דעם ווונטש צו עקספּערימענטירן. דאָס אַלעס איז זיכער ריכטיק. אָבער אין דעם אַלעמען איז דאָך צוגלייך אַנטהאַלטן דאָס אַגרעסיווע, דאָס ווען קאָמפּענסירן די אייגענע מינדערווערטיקייט. וואָרום וואָס איז אַזוינס וויסנזוכט, אויב נישט, קודם כּל, די אָנערקענונג פֿון וויסנלאָזיקייט, פֿון נישט גענוגנדיקן וויסן? וואָס איז דען עקספּערימענט, אויב נישט לכתּחילה קיין מודה זיין זיך אין דעם, אַז ס׳איז פֿאַר דעם עקספּערימענטירער פֿאַרהוילן אַ געוויסער זין, וועלכן ער דאַרף ערשט אויפֿזוכן? דער אונטערשייד צווישן געוויינלעכן וויסנזוכט, געוויינלעכן עקספּערימענטירן אין דעם קינדערשן וויסנזוכט און דעם קינדערשן עקספּערימענטירן איז נאָר אין דעם, וואָס דער ערשטער קומט פֿאָר מער רויק, מער נאָרמאַל און אין צווייטן איז פֿאַראַן מער פֿאַרביטערונג, מער אומצופֿרידנהייט. און דער פֿאַקט פֿון מערערע אומצופֿרידנהייט מאַכט טאַקע דעם קינדערשן וויסנזוכט אַגרעסיוו.

דער עודף פֿון אומצופֿרידנהייט אין קינדערשן וויסנזוכט איבער דער זעלביקער אומצופֿרידנהייט אין וויסנזוכט פֿון דערוואַקסענעם נעמט זיך פֿון פֿאָלגנדיקן: אין דער צייט, ווען די ערשט באַקומענע ידיעות, די נייע, געזוכטע ענטפֿערן אויף פֿראַגן זיינען ביים דערוואַקסענעם נאָר אַ צוגאָב צום שוין דערוואָרבענעם פֿון פֿריער, נאָר אַן איינאייבצי־קער X אין אַ גאַנצער, שוין פֿון פֿריער געלייזטער, פֿאָרמול, זיינען זיי ביים קינד לכתּחילהדיקע נייסן, נישט קיין צובוי, נאָר אַן אויפֿבוי, אַן ערשטער אויפֿבוי, פֿון פֿונדאַמענט אָן.

ווען מ׳האָט צו לייזן איין X אויפֿן סמך פֿון אַנדערע, שוין געלייזטע גלידער אין דער אַלגעבראַישער פֿאָרמול, איז עס אַ סך לייכטער, פֿאָדערט עס נישט אַזוי פֿיל אָנשטרענגונגען, ווען מ׳דאַרף אָבער לייזן אַ פֿאָרמול פֿון לויטער אומבאַקאַנטע, פֿון לויטער X, איז עס אומגעהויער שווער און רופֿט אַרויס אומפֿאַרמיידלעכע אַנשטרענגונגען און אומצופֿרידנהייט.

דער עודף פֿון דער אומצופֿרידנהייט אין דעם קינדערשן וויסנ־

זוכט גיט צו דעם לעצטן אַ שטאַרקערע אינטענסיוויטעט, וועלכע ווערט כאַראַקטעריזירט דורך דעם נאָמען: „אַגרעסיווקייט".

ווי אַזוי מ'זאָל נישט אַנטשיידן די שטרייט־פראַגע וועגן דעם פּלאַץ פון לוסט־צוווענדונג און אומלוסט־אָפּווענדונג אין דער פריסטער קינדהייט, צי זאָל מען זיין, למשל, אויף פרוידס זייט, אַז די גאַנצע קינדערשע אַנטוויקלונג בכלל באַשטייט אויסשליסלעך פון דיזאָ־זיקע צוויי עלעמענטן: לוסט-צוווענדונג און אומלוסט-אָפּווענדונג אָדער מ'זאָל זיין אויף דער זייט פון אַלפרעד אַדלער, אַז לוסט־צוווענדונג און אומלוסט-אָפּווענדונג זיינען נישט קיין אויסשליסלעכע, קיין דעקנ־דיקע עלעמענטן, נאָר בלויז אַ Peltio Ppinzipio, אַ טייל פון אַ סך אַנדערע, ברייטערע פרינציפּן — איין זאַך איז אָבער, לכל הדעות, קלאָר, אַז די אומלוסט־אָפּווענדונג פאַרנעמט אין דער פריסטער קינד־הייט אַ גרעסערן אָרט, ווי די לוסט-צוווענדונג, און דאָס גופא פאַר־שטאַרקט אויך אומפאַרמיידלעך די אַגרעסיווקייט פון פריקינדערשן עלטער, אַלס קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע קעגן אומלוסט־איבערגעוויכט.

דער אַגרעסיאָנסטריב איז, ווי געזאָגט, דער פּועל-יוצא פון שרעק, וועלכע נעמט זיך אין איר ריי פון אומבאַהאָלפנקייט און מינדערווערטיקייט. נישט אַלע מינים אָבער פון פריקינדערשער שרעק זיינען מסוגל צו פאַראורזאַכן די אַגרעסיווקייט

פאַראַן אַ שרעק, וואָס רעאַליזירט זיך יאָ אין אַקאָמפּענסאַטאָרי־שער פיקציע (אַגרעסיווקייט) און פאַראַן אָבער אַ שרעק, וואָס פאַר־בלייבט אומרעאַליזירט און איז דעריבער באַדראָענדיק־שעדלעך פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון קינד. אַנדערש גערעדט: פאַראַן אַזאַ שרעק, וואָס גיט דעם קינד די מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען פון די דערדריקנדיקע אָרימס פון דער מינדערווערטיקייט און פאַראַן אַ שרעק, פון וועלכער דאָס קינד פאַרבלייבט אין די צוואַנגען פון דער מינדערווערטיקייט.

כדי דאָס צו דערווייזן איז נייטיק אַ ביסל מער זיך אָפּצושטעלן אויף דער פריקינדערשער שרעק, נישט אַריינגייענדיק חגם אין די דעטאַלן פון דער פראַגע אין איר גאַנצן אומפאַנג.

באַלדווין *) טיילט אויס צוויי סטאַדיען פון שרעקעוודיקייט:

* Baldwin: Die Entwicklung des Geistes beim Kinde und

א) אָרגאַנישע (אָדער פאַראַנלאַגונג־פּורכטס) און ב) שרעקעוודיקייט אַלס פאָלג פון פאָרשטעלונגען. די צווייטע סטאַדיע איז שוין לויט וואלפענס *) באַמערקונג אַ פאָלג פון אומזיכערהייט, אַן אָפּוועראַפּעקט פון זעלבסטדערהאַלטונגס־טריב. נאָר די זעלבסטדערהאַלטונג גופא קען דאָך גיין אין צוויי ריכטונגען: א) אָדער זי זעט צו באַהערשן די מניעות דורך ווילקירלעכן פאַרדעקן פון שרעק דורך שטעלן זיך אַקטיוו קעגן דעם שטראָם, און דאַן וועט עס קומען צום אויסדרוק און אַגרעסיווקייט, אָדער, פאַרקערט, זי גיט זיך אונטער די מניעות, זי לאָזט זיך אויף באַראָט פון דעם שטראָם, זי גייט מיט דעם שטראָם, און דאַן וועט עס קומען צום אויסדרוק אין עקסטרעמער אָפּגעלאָזנקייט, פאַרלאָרנקייט און הילפסלאָזיקייט.

אין ערשטן פאַל איז די שרעק אַן אַקטיווע, אירע פיילן פאַלן נישט אַזוי אין אינערן פון קינד, ווי אין אויסערן, מחוץ דעם קינד. ער ברייננגט צו אַ ווונטש פון רואינירן, מבטל מאַכן די שרעק־אָביעקטן.

דער שיכטערנדיקער — זאָגט דר. מאָזעס **) — ציט זיך אָפּט אַרויס פון דער אַרומיקער סביבה, שאַפט זיך אין זיין פאַנטאַזיע***) אַ באַזונדערע וועלט, אין וועלכער די גרעסטע ראָל שפּילט זיין אייגענע פערזאָן. דידאָזיקע פאַנטאַזיע זאָל אים אַנטשעדיקן דאָס, וואָס די שרעק גופא נעמט ביי אים אָפּ.״

פאַראַן אָבער נאָך אַ שרעק, וואָס ברייננגט צו מעלאַנכאָליע, צום אונטערגעבן זיך דער מינדערווערטיקייט. ****) די אַקטיווע, די קאָמפּענסאַטאָרישע שרעק איז אַגרעסיוו, איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער כאַראַקטעריסטישער פאַר דעם פריסטן קינדערשן עלטער

---

bei der Rasse.

*) Wulffen: Das Kind.

**) Zur Psychologie der kinderschen Schuchternheit

***) פאַנטאַזיע גופא איז דאָך, לויט פרוידן, אויך א קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע, א מיטל פון זעלבסטדערהאַלטונג.

****) זע ביי Wulffen, ז. 163

שאָדן־פרייד (פרייד ביים ברייגגען שאָדן). דער אַנדער מין שרעק איז אַ קרענקלעכע דערשיינונג און באַדייט, אַז דאָס קינד אין גע־פאַלן אין קאַמף מיט זיין מינדערווערטיקייט נאָך איידער דער קאַמף האָט זיך ווי געהעריק אַנטוויקלט, נאָך איידער דער געפאַלענער האָט באַוויזן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

וועגן שאָדן־פרייד וואָלט מען געקענט פיל זאָגן. ס'וועט אָבער גענוג זיין צו באַמערקן, אַז דאָס איז דער ערשטער פּראָטעסט קעגן דער אייגענער מינדערווערטיקייט, די ערשטע אַנטפלעקונג פון ווילן צו באַזייטיקן די שטערונגען אויפן וועג פון אַראָפּגעזעצטן פּערזענ־לעכקייטס־געפיל, די ערשטע אַנטפּלעקונג פון דער באַגרענצונג פאַר די אייגענע מעגלעכקייטן.

אין דער פּסיכאָאַנאַליטישער פּסיכאָלאָגיע ווערט די מינדער־ווערטיקייט לגבי דער פולווערטיקייט פאָרגעשטעלט אַלס ווייבלעכעס לגבי דעם מענלעכן, אַלס „אונטן" לגבי „אויבן" *). האַלטנדיק זיך ביי דידאַזיקע אַנאַלאָגיעס, קען מען זאָגן, אַז שאָדן־פרייד איז דער ערשטער מענלעכער פּראָטעסט פון קינד קעגן זיין ווייבלעכער מינ־דערווערטיקייט, דער ערשטער פּראָטעסט פון „אונטן" קעגן „אויבן". די שאָדן־פרייד אין פריקינדערשן עלטער איז גענוג באַקאַנט. מיר וועלן דאָ ברייגגען בלויז עטלעכע ביישפּילן **):

1. דער דיכטער Alfred de Musset ***) האָט איינמאָל מיט אַ ביליאַרד־קויל צובראָכן דעם גרויסן סאַלאָן־שפּיגל, מיט דער שער צו־שאָרן דעם גאַרדין און האָט מיטן רויטן טינט פאַרשמירט די מאַפּע פון אייראָפּע.

2. זשאָרז זאַנד דערציילט וועגן איר 6־יאָריקער טאָכטער, אַז זי האָט בשעתן שפּאַציר זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט און בשום אופן נישט געוואָלט גיין ווייטער. מ'האָט זי געמוזט טראָגן אויף די הענט. קיין קלאָרע סיבה האָט דאָס קינד נישט געקענט אויפגעבן צו איר

*) זע, למשל, ביי אלפרעד אדלער: Ibid,

**) Wulffen, ז. 153—154

***) לויט Paula Lombrot אין Nowa Antologja, 1904

נישט וועלן אָדער צו איר נישט קענען אַליין גיין. די אמתע סיבה איז דאָ, לויט דער באַהויפּטונג פון זשאָרז זאַנד, געווען נאָר דער ווילן צו פּייניקן די דערוואַקסענע, צו „צוברעכן" זייער ווילן, פּונקט ווי ביי אַלפרעד דע מוס איז עס געווען דער ווילן צו צוברעכן דעם שפּיגל.

און צו דאַרף מען מער ביישפּילן? יעדן, וואָס האָט אַ צוטריט צו קליינע קינדער, זיינען דאָך גוט באַקאַנט מערערע בולטע פאַלן פון שאָדנפרייד, פון אַקטיוון אויסדרוק פון קינדערשן ווילן צו באַפרייען זיך פון שרעק און אומבאַהאָלפנקייט.

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר דער שאָדן־פרייד, ווי פאַר אַ ריי אַנדערע קאָמפּענסאַטאָרישע פּיקציעס בכלל, ווי מיר וועלן זען פון ווייטערדיקן, איז די נעגאַטיוויסטישע באַציונג פון קינד צו דער פרעמדער אומגעבונג

די שאָדן־פרייד איז אויך אַ רעזולטאַט פון נעגאַטיוויסטישער באַציונג מצד דעם פּריקינדערשן עלטער צו דער אומגעבונג, אַן אויסדרוק פון מענלעכן פּראָטעסט קעגן דער אַראָפּזעצונג פון דעם פּערזענלעכקייטס־געפיל, אַ פּראָטעסט קעגן דער מינדערווערטיקייט

דיזעלביקע נעגאַטיוויסטישע באַציונג באַקומט איר אויסדרוק אויך אין אַלע אַנדערע קאָמפּענסאַטאָרישע פּיקציעס פון פּריקינדערשן עלטער, וועלכע זיינען אין זייער ריי אַלע וואַריאַנטן פון אַגרעסיווקייט און שאָדן־פרייד.

פון די אומצייליקע קאָמפּענסאַטאָרישע פּיקציעס אין פּריקינדערשן עלטער וועלן מיר דאָ נעמען פאָלגנדיקע:

אומצוטרוי, האַס (שנאה), קנאה, גייציקייט, נקמה, גרויזאַמקייט, מאַכטטריב, אייגנזין.

ווען מיר זאָלן וועלן די אַלע אויסגערעכנטע קאָמפּענסאַטאָרישע פּיקציעס אויסשטעלן אין דער ריי פון „מן הקל אל הכבד", אין דער ריי, וואָס איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער אַנטשטייאונג און נאָרמאַלער אַנטוויקלונג, וואָלטן מיר עס געקענט מאַכן אין פאָלגנדיקער סכעמע:



אין דער סכעמע זיינען, ווי געזאָגט, גענומען אַלס יסוד די איבערגאַנגען פון איינפאַכערן צום קאָמפּליצירטערן. דאָס הייסט אָבער כּלל נישט, אַז נאָר אין דעם און נישט אין קיין אַנדערן כראָנאָלאָגישן סדר קומט פאָר די אַנטשטייאונג פון די אָנגערופענע קאָמפּענסאַטאָרי־

שע פיקציעס. ביי איינִיגע קינדער איז דער סדר פון דער אַנטשטיי־ אונג פון די קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס דוקא אַ פאַרקערטער, אָפּט וואַקסן און אַנטשטייען געוויסע פיקציעס פאַראַלעל, גלייכצייטיק — מיר קענען דאָך בכלל נישט טיילן די קינדערשע פּסיכיק אויף גענוי אָפּ־ געזונדערטע איינע פון די אַנדערע קעמערלעך, מיר קענען דאָך בכלל נישט צוגעבן דער פּסיכאָלאָגישער קלאַסיפיקאַציע, ווען זי ווערט שוין אַמאָל יאָ געמאַכט, יענע גענויקייט, וועלכע ס'פאַרמאָגט די מאַטעמאַ־ טישע און נאַטורוויסנשאַפטלעכע קלאַסיפיקאַציע. די געבראַכטע סכעמע פון די פריקינדערשע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס גילט נאָר צו דער־ קלערן טעאָרעטיש דעם געגעזיס פון די לעצטע, הגם די פּראַק־ טיק קען אַמאָל זיין אַ גאַנץ אַנדערע.

אַזוי ווי יעדע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע איז דאָך אין תוך אַן אָפּוואָר־כלי־זין אין קאַמף פון קינד מיט זיין מינדערווערטיקייט, איז ממילא די אויסרעכנונג פון די אַלע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס נאָר אַן אויסרעכנונג פון באַזונדערע, פון איינצעלע מינים כלי־זין, לויט דער שאַרפקייט און קריגס־קראַפט פון די לעצטע: די ערשטע אין דער סכעמע (פון אונטן אַרויף) כלי־זין זיינען עס די ווייניקער שאַרפע, די מער איינפאַכע, די שפּעטערע זיינען שוין די מער שאַר־ פערע, די קאָמפּליצירטערע. ס'הייסט אָבער כלל נישט, אַז אַ קריגס־ מאַן מוז זיך באַנוצן מיט זיינע כלי־זין אומבאַדינגט לויט אַ פון פריער אויסגערעכנטער און באַשטענדיקער מעטאָדיק, ער זאָל אַרום זיך אויסלייגן אַלע מינים כלי־זין לויט זייער שאַרפקייט און קאַמפס־ קראַפט און זאָל באַנוצן אַ פריער די פּשוטערע און וואָס ווייטער די מער קאָמפּליצירטערע. אין געראַנגל פעלט דאָך אָפּט די אָריענטירונגס־ פעיקייט אָפּצוטיילן איינפאַכערע כלי־זין פון קאָמפּליצירטערע, ס'פעלט די עצם מעגלעכקייט פאַר דעם באַוווסטזיניקן אויסוואַל פון כלי־זין.

און דאָס זעלביקע דאַרף געזאָגט ווערן אויך בנוגע אונזער קליינעם קריגסמאַן, בנוגע דעם קינד פון פריסטן עלטער, וועלכער פירט אַזאַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער מינדערווערטיקייט. ער האָט אַ סך כלי־זין אין זיין רשות — הגם אַלע כלי־זין צוזאַמענגענומען זיינען דאָך נישט בכח צו באַזיגן אינגאַנצן דעם שונא — און ער באַ־

נוצט זיך מיט אַלע כּלי־זין אָן אַ באַשטימטן פֿון פֿריער סדר.

אומצוטרוי איז דער ערשטער כּלי־זין, נאָך גענוג פּרימי־טיווער און טעמפּער כּלי־זין אין פֿריקינדערשן קאַמף קעגן דער מינ־דערוועקייט. שוין נאָך דעם ערשטן צוזאַמענשטויסן זיך פֿון קינד מיט דער אומגעבונג, שוין נאָך דעם ערשטן איבערצייגן זיך, אַז אַלץ איז דאָס רוב בלויז אַ קוואַל פֿון אומלוסט־עמפֿינדונג פֿאַר אים, ווערט דורכגעבראָכן דער ערשטער שפּאַלט אין דער קינדערשער נשמה, אין קינדערשן פּערזענלעכקייטס־געפֿיל און „אומצוטרוי" איז דער נאָמען פֿון דעמדאָזיקן שפּאַלט.

דאָס קינד קומט דאָך אויף דער וועלט מיט אַן אומבאַגרעניצטן צוטרוי צו זיך און צו יענעם, מיט אַ שטאַרקן גלויבן אין די אייגענע מעגלעכקייטן פֿון איין זייט און אין דעם, אַז דאָס גאַנצע אַרום מוז דינען זיינע ווונטשן, מוז מיטהעלפֿן זיינע מעגלעכקייטן — פֿון דעראַנדער זייט.

ביי דעם קינד פֿון פֿריסטן עלטער איז דאָך לכתּחילה נישט פֿאַראַן קיין אונטערשייד, קיין מינדעסטע דיסטאַנץ צווישן „איך וויל" און „איך וועל", אין זיין גאַנצן גלויבן, אין זיין האַרמאָניש־רירנדיקן צוטרוי צו זיך און צו אַלעמען איז ביים קינד פֿון פֿריסטן עלטער פֿאַראַן עטוואָס פֿון דער געטלעכער יצירה־גרייטקייט, עטוואָס פֿון דער ביבלישער קאָסמאָגאָניע: „ויאמר אלהים: והי אור! ויהי אור, „וירא אלהים את האור כי טוב, ויבדל אלהיר בין האור ובין החשך" (בראשית, א׳, 4 — 3). „און גאָט האָט געזאָגט: „ס׳זאָל זיין ליכט! און ס׳איז געוואָרן ליכט. און גאָט האָט דערזען דאָס ליכט, אַז ס׳איז גוט, האָט גאָט אָפּגעטיילט דאָס ליכט פֿון דעם חושך"

צווישן זאָגן: „ס׳זאָל זיין ליכט", צווישן וועלן ליכט מיט דעם באמתן ווערן פֿון ליכט איז דאָ נישט פֿאַראַן קיין מינדעסטער אונטערשייד; ס׳איז גענוג צו דערזען, אַז „דאָס ליכט איז גוט", כּדי מ׳זאָל קענען תּיכּף אויסטיילן, אויסוויילן דאָס ליכט. דאָס קינד זעט פֿאַר זיך נאָר „דאָס ליכט, וואָס איז גוט", ער וויל האָבן און האָט פֿאַר זיך נאָר די לוסט־עמפֿינדונגען, און ביי אים שאַפֿט זיך לכתּחילה שוין אַן אַנונג, אַז אַלץ איז ליכט אין דער אומגעבונג, אַז אַלץ איז אָפּהייגיק פֿון זיין ווילן, פֿון זיין ווונטש. און אַ ביסל שפּעטער אַפֿילו, ווען ער זעט שוין, אַז נישט אַלע איז ליכט,

אַז אויסער ליכט און לוסט איז אין דער אומגעבונג פֿאַראַן אויך אומ־לוסט, אויך חושך, שרעקט דאס אים נישט אָפּ, ווייל ער גלויבט נאָך אַלץ אין זיין קראַפט אָפּצוטיילן מיט גאָר אַ קליינער אָנשטרענגונג „דאָס ליכט פון דעם חשך", די לוסט פון דער אומלוסט.

אין דעם פּרט איז, ווי געזאָגט, די פריקינדערשע פּסיכיק־איינשטעלונג ענלעך צו דער ביבלישער קאָסמאָגאָניע. און אפשר איז טאָקע די ביבלישע קאָסמאָגאָניע גופא אַזאַ, ווייל זי איז געשאַפן געוואָרן דורך דער פאַנטאַזיע פון אורמענטש, פון אורפאָלק, פון קאָ־לעקטיוון קינד, וועלכער האָט געקענט אין זיין פאַנטאַזיע אַריינ־לייגן דאָס, וואָס ס'האָט געבילדעט דעם אינהאַלט פון זיין אייגענער פּסיכישער איינשטעלונג. די קאָסמאָגאָניע איז דער בעסטער פּערל פון דעם אוראַלטן פאַנטאַסטישן פּרימיטיוו. זי איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם פאָלק (פאַנטאַזיע גופא איז דאָך, ווי כ'האָב שוין אויבן אָנגעוויזן לויט פרוידן, אַ קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע, אַ כלי־זין קעגן דער מינדערוועטיקייט) גראָד אין דעם מאָמענט פון דער מענטש־לעכער פּריקינדערישקייט, אין מאָמענט פון פּסיכישער גאַנצ־קייט, פון אומבאַגרעניצטן צוטרוי, אָבער גאַנצקייט, צוטרוי קענען לאַנג נישט דויערן. דער ערשטער צוזאַמענשטויס מיט אַן אי־בערגעוויכט פון פינסטערניש איבער ליכט, מיט אַן איבערגעוויכט פון אומלוסט איבער לוסט ברענגט אַריין אין דער גאַנצער, אומגערירטער צוטרוי־פּסיכיק דעם ערשטן שפּאַלט פון אומצוטרוי, פון פאַרדאַכט, פון קאָמפּסגרייטקייט. ס'ווערט געמאַכט אַ סוף צו דער אידילישער פריד־לעכקייט און ס'הויבט זיך אָן דער געקלאַנג פון קריגערישע כלי־זין. אַפילו די געטלעכע קאָסמאָגאָניע האָט דאָך אַ ביסל שפּעטער געמוזט אַוועקגיין פון אידילישן צוטרוי־וועג, פון „וירא כי טוב" אויף די זיגזאַגן פון אומצוטרוי און אַגרעסיוקייט. האָט דאָך דיזעלביקע פאָלקס־פאַנטאַסטיק, דאָס זעלביקע קאָלעקטיווע קינד, וואָס האָט פריער איינגע־וויקלט די גאַנצע יצירה אין וווּנדערנעץ פון „וירא כי טוב" אַ ביסל שפּעטער אַריינגעפלאָכטן אין דער העלער צוטרוי־נעץ פעדים פון שוואַרצן אומצוטרוי: גאָט האָט פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו זיינע אויס־דערוויילטע און האָט זיי פון זיין גן־עדן אַרויסגעטריבן, ער האָט פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו דעם נחש און האָט אים פאַרשאָלטן, גאָט

אַליין האָט געמוזט שפּעטער זיין פּאָזיטיווע צוטרוי־באַציונג פאַרבייטן מיט אַ נעגאַטיווער אומצוטרוי־באַציונג, זיין פריערדיקע קאָנסטרוקציע — אויף אַ דעקאָנסטרוקציע, אויף אַגרעסיווקייט, ער האָט געמוזט פון שאַפן איבערגיין צו רואינירן, צו חרוב מאַכן (מהפכת סדום ועמורה, דור ההפלגה א. אַ. וו.) און פונקט ווי די ערשטע פאַזע פון אידיִשן צוטרוי אין דער ביבלישער קאָסמאָגאָניע, איז אויך די צווייטע פאַזע פון אַגרעסיוון אומצוטרוי אַן אויסדרוק פון דער פסיכישער איינשטעלונג פון אורפאָלק, פון קאָלעקטיוון קינד, פון דער מענטשהייט אין איר פריסטער קינדהייט. די ערשטע קאָסמאָגאָנישע פאַזע פאַלט זיך צונויף מיט דער פריקינדערשער פאַזע פון אַבסאָלוטן צוטרוי, ערב דער באַגעגניש מיט דער אומגעבונג און די צווייטע פאַזע פון אַגרעסיווקייט פאַלט זיך צונויף מיט דער שפּעטערער פאַזע פון אומצוטרוי־שפּאַלט אין דער גאַנצקייט פון דער פריקינדערשער פסיכיק־איינשטעלונג.

נאָך אַ געוויסער דערפאַרונג, נאָך אַ געוויסן האָבן צו טאָן מיט דער אומגעבונג, איבערצייגט זיך דאָס קינד, אַז ס'איז פאַראַן אַן איבערגעוויכט פון פינסטערן איבערן ליכטיקן, אַן איבערגעוויכט פון אומלוסט איבער דער לוסט, ער פאַרלירט ביסלעכווייז די פריערדיקע אמונה אין זיינע מעגלעכקייטן און אין דעם גוטס פון דער סביבה. ער ווערט איבערפולט מיט אומצוטרוי, ער פאַרשטייט די נייטיקייט פון שטיין אויף דער וואַך, די נייטיקייט פון ספּעציעלע מיטלען פאַר זעלבסטדערהאַלטונג, פאַר פאַרטיידיקונג און קאַמף מיט דער דראָענדיקער מינדערווערטיקייט.

מיט דעמדאָזיקן פריקינדערשן אומצוטרוי זיינען פאַרבונדן אַ ריי פסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן, ווי די אויבנדערמאָנטע שרעק, שעמעוודיקייט א. אַ.

אומצוטרוי איז נאָך אָבער נישט קיין כלי־זין, נאָר בלויז דאָס קלאָר מאַכן זיך די נייטיקייט פון אַ כלי־זין, אומצוטרוי אַליין איז נאָר אַ שפּאַלט אין דער האַרמאָנישער פריקינדערשער פסיכיק־איינשטעלונג, אַ שפּאַלט, וואָס דאַרף ערשט שפּעטער אַרויפברייִנגען אויף דער נייטיקייט צו פאַרפילט ווערן מיט עפּעס. אומצוטרוי איז דער שופר־אָנזאָג, דער רוף צו קריג קעגן דער מינדערווערטיקייט, די

קריגס־דערקלערונג אָבער איז נאָך נישט דער עצם־ברעג.

דער קריג גופא קעגן דער מינדערווערטיקייט קומט אַ ביסל שפּעטער אין דער פאָרם פון קנאה און גייציקייט.

אויב אומצוטרוי איז אַן אויסדרוק פון כּארלאָרנקייט, זיי־נען שוין קנאה און גייציקייט אַן אויסדרוק פון געפינען, אמת פון ערשטן נאָך, נישט גאַנץ פולקאָמען געפינען. אויב אומצוטרוי איז בלויז אַ קאָנסטאַטירונג פון מינדערווערטיקייט, זיינען שוין קנאה און גייציקייט אַ מיטל, דערווייל נאָך אַן ערשטער, נישט פולקאָמער מיטל צו קאָמפּענסירן די מינדערווערטיקייט. אויב אומצוטרוי איז אַן אויס־דרוק פון ליטער נעגאַטיוון, זיינען קנאה און גייציקייט אַן אויסדרוק פון פּאָזיטיוון, אויב אומצוטרוי איז נאָר אַ סימן פון אָראָפּגעזעצ־טער פערזענלעכקייט, פון ווייבלעכקייט, פון „אונטן", זיינען שוין קנאה און גייציקייט אַ סימן — אפשר נאָך נישט אַזאַ קענטיקער,—פון זיך אויפהייבנדיקער פערזענלעכקייט, פון מענלעכן פּראָטעסט, פון שטרעבן צום „אויבן".

דאָס קינד זעט, אַז אין דער אומגעבונג איז פאַראַן נישט נאָר ליכט, נאָר אויך פינסטערניש, און די פינסטערניש דאָמינירט אַפילו איבער דעם ליכט — זעט ער צו דערהויבן זיך צו דער פינסטערניש און צו באַהערשן זי. ער זעט, אַז די אומלוסט איז שטאַרקער פאַר דער לוסט, שטרעבט ער צו באַזיגן די אומלוסט.

פּאַרלויפיק שטרעבט ער בלויז צום זיג, אָבער ער נעמט נאָך נישט אונטער קיין דירעקטע מיטלען דעם זיג צו דערגרייכן. אַלץ גייט דאָך אין קינדס אַנטוויקלונג בהדרגהדיק, פאַר ממשותדיקן, תיכּפדיקן קאַמף פעלט נאָך דעם קינד אין דער געגעבענער פאַזע פון שטרעבן צום זיג די נייטיקע פאַראַרטעוועטקייט און דערפאַרונג. צו דירעקטע כּלי־זין, צו די שאַרפערע כּלי־זין פאַר דעם קאַמף מיט דער מינדערווערטיקייט וועט זיך דאָס קינד נעמען אַ ביסל שפּעטער, ווען ער וועט שוין זיין באַוואָפנט מיט דערפאַרונג, מיט מער אָריענ־טירונגס־קראַפט. פּאַרלויפיק אָבער איז דאָס שטרעבן גופא צום קאַמף צום זיג — אַ טראָט פאָרויס, אַ סטראַטעגישער מיטל, וואָס באַצוועקט די דערנענטערונג צום קאַמפּס־פּלאַן.

וואָרום וואָס זיינען אַזוינס קנאה און גייציקייט לויט זייער תוך?

ביידע, קנאה און גייציקייט, שטעלן מיט זיך פאָר אַ באַציונג פון „אונטן" צום „אויבן", אַ שטרעבונג אויסצוגלייכן זיך מיט דעם, וואָס איז פולקאָמער, דערהויבן זיך צו דעם, וואָס שטייט העכער. קנאה און גייציקייט שטעלן מיט זיך ביידע פאָר אַ טענדענץ צו אי־דענטיפיקאַציע, צו אָפּטעמפּן די שאַרפקייטן פון דעם אונטערשייד צווישן דעם נידעריקערן, דעם מער מינדערוווערטיקן און דעם הע־כערן, דעם ווייניקער מינדערוווערטיקן, דעם מער פולוווערטיקן. מ׳אי מקנא יענעם דערפאַר, וואָס ער האָט פליוסן דאָרטן, ווו דער בעל מקנא האָט לויטער מינוסן. קנאה באַדייטעט, אַלזאָ, דעם ווונטש צו צואייגנען זיך אָנשטאָט די אייגענע מינוסן יענעמס פליוסן. די גיי־ציקייט איז אויך דאָס זעלביקע, וואָס קנאה — אַ שטרעבונג צוצואייג־נען זיך יענעמס פליוסן. גייציקייט איז שוין אָבער אַ מער אַקטיווי־זירטע פאָרם פון קנאה, אַ קנאה אין באַוועגונג, אַ קנאה נישט פון בלויז קאָנסטאַטירן, נאָר פון שוין אונטערגענומענע מיטלען די קאָנ־סטאַטירונג אויסצונוצן, זי צו מבטל מאַכן. קנאה איז געווער צום קאַמף מיט דער מינדערוווערטיקייט, גייציקייט איז שוין דער קאַמף גופא.

סיי קנאה און סיי גייציקייט, סיי די פּאַסיווע קאָנסטאַטירונגס־פאָרם פון מינדערוווערטיקייט און סיי די אַקטיווע קאַמפּס־פאָרם קענען זיין שעדלעך און נוצלעך — ס׳ווענדט זיך נאָר אין דעם, צי באַקומען זיי אַ נאָרמאַלן, אַ געמעסיקטן אָדער אַן איבערמאָסיקן אויסדרוק. די אַלע פאַלן אָבער זיינען קנאה און גייציקייט אין זייער תוך אַ נאַ־טירלעכע און דערקלערבאַרע דערשיינונג.

ווען זיי, קנאה און גייציקייט, טרעטן אַרויס אין אַ געמעסיק־טער פאָרם, זיינען זיי אַפילו העכסט נוצלעך. אָן זיי וואָלט קיין פולקאָמהייט, קיין פאָרשריט נישט געווען מעגלעך, אָן זיי וואָלט די אַנטוויקלונג קיין יסוד נישט געהאַט אונטער זיך.

וואָרום וואָס איז די טרייב־קראַפט פון דער אַלגעמיינער מענטש־לעכער (און קינדערשער בפרט) אַנטוויקלונג און פאַרפולקאָמונג, אויב נישט קיין דירעקטער רעזולטאַט פון אַמביציעזקייט, אַנדערש געזעדט: פון קנאה און גייציקייט, פון דער אָנערקענונג פון מאַנגל, פון מינ־

דערווערטיקייט און אַנטשלאָסנהייט דעמדאָזיקן מאַנגל און מינדערווערטיקייט צו באַזייטיקן, צו באַקעמפן, אויפצוהויבן זיך צו דער מדרגה פון די העכערע און צוזואייגנען זיך יענעמס איבערגעוויכט? אין דעם זין זיינען קנאה און גייציקייט די געזונטע באַפרוכפּערונגס־קערנער פאַר דעם באָדן פון אַנטוויקלונג, פון פאָרשריט, קערנער, וואָס שטעלן זיך קעגן די ווילדע גראָזן פון אומבאַהאָלפנקייט און פאַרלאָרנקייט, קנאה און גייציקייט זיינען אַ קעגן-סם צו דעם סם פון מינדערווערטיקייט.

קנאה און גייציקייט זיינען דער סוד פון אַקטיוויטעט, פון ערפינדערישקייט, פון אונטערנעמונגס-דראַנג. קנאה איז די סטאַטישע פאָרם און גייציקייט די דינאַמישע פאָרם פון דעם ווידערשטאַנד קעגן דער מינדערווערטיקייט. ווען ס׳שטעלט זיך אָפּ יעדע קנאה און גייציקייט, הייסט עס קיינמאָל נישט, אַז ס׳איז שוין באַזייטיקט לחלוטין די עצם נייטיקייט אין באַקעמפן די מינדערווערטיקייט, הייסט עס כלל נישט, אַז דאָס, וואָס ס׳האָט אַמאָל אַרויסגערופן די קנאה און די גייציקייט איז שוין אינגאַנצן און ענדגילטיק פאַרשוווּנדן, די אויפהערונג פון קנאה און גייציקייט באַדייטעט כלל נישט, אַז דער אָנגעהויבערער קאַמף איז פאַרענדיקט מיט אַ זיג, ביי וועלכן דער שונא, די מינדערווערטיקייט, איז אינגאַנצן פאַרניכטעט. פאַרקערט: אַזאַ אויפהערן פון קנאה און גייציקייט באַדייטעט אין תוך נישט קיין זיג, נאָר אַ מפּלה, נישט די פאַרניכטונג פון שונא, נאָר די פאַרניכטונג פון דעם, ווער ס׳קעמפט מיטן שונא. דער שונא, די מינדערווערטיקייט, קען קיינמאָל נישט פאַרשווינדן אינגאַנצן, ווייל די מינדערווערטיקייט איז אַ קאָנסטאַנטער, אַן אומבאַדינגטער פאַקטאָר אין מענטשלעכן לעבן, ווייל די מינדערווערטיקייט דאַרף דאָך באמת באַטראַכט ווערן נישט אַלס אַבסאָלוטע, נאָר אַלס רעלאַטיווער זאַך, אַ זאַך פון גראַדאַציעס, פון פאַרהעלטנסמעסיקייט, און אַזוי ווי דאָס לעבן קען נישט אויסשליסן אינגאַנצן די פאַרהעלטנסמעסיקייט, די גראַדירונג־קייט צווישן די אומציילוקע גלידער זיינע, צווישן די באַזונדערע מענטשן, אַלס טרעגער פון לעבן, אַזוי ווי צווישן מענטשן וועט און מוז שטענדיק זיין אַן אונטערשייד אין באַגאַבונג, אין פעיקייטן, מוז שוין ממילא אויך די מינדערווערטיקייט, אַלס אויס־

דרוק פון פאַרגלייכונג צווישן נידעריקערע און העכערע, שטענדיק און אומאויפהערלעך פאַרבלייבן. היינט איז דער גאָר נידעריקער מינדערווערטיק אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס איז אַ ביסל העכער פון אים, און מאָרגן איז דער אַ ביסל העכער געוואָרענער שוין מינדערווערטיק אין פאַרגלייך מיט דעם נאָך העכערן פון אים וחוזר חלילה.

און כּל זמן ס׳איז פאַראַן די גראַדאַציע־באַצייכנונג פון „העכער“ און „נידעריקער“, פון „אויבן“ און „אונטן“, פון „מענלעך“ אין „ווייבלעך“, פון „קינד“ און „דערוואַקסענער“, מוזן ממילא אויך ווירקן די קנאה און גייציקייט. דאָס אויפהערן פון קנאה און גייציקייט איז גאָר מעגלעך דאַן, ווען דער, וואָס באַקעמפט זיין מינדערווערטיקייט, פאַרלירט די האָפנונג אין זיג, איז מקבל באהבה זיין מינדערווערטיקייט, פאַרלירט זיין עמפינדלעכקייט לגבי דער לעצטער. אָבער דאַן ווערט שוין די מינדערווערטיקייט אַ פאַטאָלאָגישע דערשיינונג, דאַן האָט שוין די מכה פון מינדערווערטיקייט נישט קיין רפואה פון קאָמפענסאַטאָרישע פיקציעס, נאָר איז שוין אַ „דבר שאין לו תקנה“. דאָס אויפהערן פון קנאה און גייציקייט באַדייטעט דאָס אויפהערן פון דער שטרעבונג צו פאַרפולקאָמונג.

אין פריקינדערשן עלטער זיינען די קנאה און גייציקייט אַן אומפאַרמיידלעכע און אַפילו אַ פאָזיטיווע און געזונטע דערשיינונג — אויב זיי שטייגן נאָר נישט איבער, ווי געזאָגט, די נאָרמע, ווייל זיי דינען אַלס ווידערשטאַנד דער שטאַרקער פריקינדערשער מינדערווערטיקייט, וועלכע רעגט צו אַקטיוויטעט, צום ווונטש צו באַפרייען זיך פון אונטער די צוואַנגען פון מינדערווערטיקייט, אין וועלכער דאָס קינד, געפינט זיך.

די ווייטערע אויסערונג פון קנאה און גייציקייט איז דער מ אַ כ ט ט ר י ב פון קינד, די כאַראַקטעריסטישע פאַר דער קינדהייט בכלל און פאַר דער פריסטער קינדהייט בפרט הערשאַפט.

וועגן מאַכטטריב וועט אונז שפעטער אויסקומען צו ריידן אויספירלעכער. דאָ זאָל נאָר באַמערקט ווערן, אַז דער פסיכאָלאָגישער באָדן פון דער קינדערשער נייגונג צו מאַכט נעמט זיך ווידער אַמאָל פון ווונטש אַנטקעגנצושטעלן זיך דער מינדערווערטיקייט, אַז אַלס קאָמפענסאַטאָרישע פיקציע אין קאַמף קעגן דער מינדערווערטיקייט איז

דער מאַכטטריב אַ לייבלעכער ברודער פון די פריער כאַראַקטעריזיר־טע קנאה און גייציקייט.

דאָס קינד אָנערקענט זיין מינדערווערטיקייט לגבי די דערוואַק־סענע. יענע קענען דאָס, וואָס ער קען נאָך נישט, יענע פאַרמאָגן מעגלעכקייטן, וואָס זיינען נאָך נישט פאַראַן אין זיין רשות, יענע זיינען „אויבן" לגבי אים, וואָס געפינט זיך נאָך „אונטן". ווערט ער אָנגעפילט מיט קנאה צו זיי, די העכער־שטייענדיקע, און ווערט דורכ־געדרונגען מיט דעם ווונטש אויסצוגלייכן זיך מיט זיי, „אויפ־צוהויבן זיין „אונטן" צו דער הויך פון זייער „אויבן". דערדאָזיקער ווונטש איז שוין נישט נאָר קנאה, נאָר גייציקייט, נישט נאָר קאַמפּס־גרייטקייט נאָר קאַמפּס־אָנהויב. און אין וואָס פאַר אַ ריכטונג קען זיך דער קאַמף אָנהויבן? — אין דער ריכטונג, פאַרשטייט זיך, פון פאַרגלייכן זיך מיט די העכערע אין מאַכט, מיט די באַזיצער פון מאַכט. די גאַנצע העכערקייט באַשטייט דאָך טאַקע אין דעם, וואָס זיי, די העכערע, באַזיצן מאַכט, פאַרמאָגן מערערע מעגלעכקייט און קענען מיט די נידעריקערע, מיט אים, מיט דעם קינד, טאָן דאָס און ווי אַזוי זיי ווילן. די גאַנצע אומגעבונג ווערט דאָך אין דער אָנערקענונג פון מינדערווערטיקן קינד איינגעטיילט אויף הערשער און באַהערשטע, אויף מאַכטהאָבער און מאַכטמאַנגלער, אויף אויפצווינגער און אויפגעצוווּנגענע. ס'איז דעריבער פאַרשטענד־לעך, אַז דער קאַמף קעגן דער מינדערווערטיקייט גייט תיכף אַוועק אין דער ריכטונג פון אויסגלייכן זיך אין מאַכט.

דאָס קינד באַקומט אַ דראַנג צו מאַכט, און אויב דעמדאָזיקן דראַנג צו מאַכט איז נישט מעגלעך אָנצווענדן אויף אַ דירעקטן וועג, טוט ער עס נאָך מיט מער אַקטיוויטעט, מיט מער פאַרביטערונג און אַנטשלאָסנהייט אויף אַן אומדירעקטן וועג. דאָס קינד טראָגט אַריין דעם מאַכטטריב אין זיין אייגענער סביבה, ווו זיינע מעגלעכקייטן זיינען גרעסער, ווו דער מאַכטטריב האָט אַסך אַ בעסערן און פּרוכט־באַרן באָדן, דאָס קינד מאַכט דורך אַן אַנאַלאָגיע: דער טאַטע איז שטאַרקער פאַר מיר, ער ווענדעט דעריבער אָן זיין מאַכט לגבי מיר; איך בין שטאַרקער פאַר מיינע קליינע ברידער־שוועסטער, פאַר מיי־נע קלענערע חברים־היות און חברים־געגנשטאַנדן (די אומבאַלעבטע

געגנשטאַנדן זיינען דאָך פאַר דעם קינד פון פריסטן עלטער, פונקט אַזעלכע חברים, ווי די באַלעבטע געגנשטאַנדן. די קלאַסיפיקאַציע אויף באַלעבטע און אומבאַלעבטע איז דאָך דעם קינד אין זיין פריסטן עלטער נאָך איגאַנצן פרעמד.), פאַר וואָס זשע זאָל ער בנוגע זיי נישט אָנווענדן זיין מאַכטטריב אַזוי און נאָך מער, ווי זיין טאַטע ווענדעט אָן זיין מאַכט בנוגע אים?! דאָס קינד רעכנט זיך אָפּ, אויף אַזאַ אופן, דורך זיין אָנווענדן דעם באַטריב אין דער אייגענער סביבה פאַר דעם אומרעכט פון פאָטערס מאַכט-אָנווענדונג קעגן אים, אַנדערש גערעדט: דאָס קינד רעכנט זיך אָפּ דורך זיין אָנווענדן דעם מאַכט-טריב אין דער אייגענער סביבה פאַר דער מינדערווערטיקייט אין פאַרגלייך מיט דעם פאָטער. ער באַצאָלט דער מאַכט-אויסערונג פון דערוואַקסענעם, וואָס איז אַ קרעדיט־רובריק אין זיין אַנטוויקלונג (ער פילט זיך שולדיק פאַר זיין מינדערווערטיקייט) מיט דער דעבעט-רובריק פון אייגענער מאַכט-אויסערונג אין דער אייגענער סביבה.

ס׳איז געוויג באַקאַנט, למשל, אַז ס׳גיט נאָך נישט אַזאַ באַפעלנדיקער גענעראַל, ווי דער „גענעראַל" אין קינדער־צימער, אַ קינד — אַ „פאָטער" (ווען ער האָט אַזאַ ראָל אין שפּיל) איז אַ סך שטרייַנגער פאַר דעם אמתן פאָטער, אַ קינד — אַ „מיליציאַנט" איז אַ סך אַ מער זיך זעלבסט אָפּפערדיקער אָרדענונגס־היטער און מער נוטה אַרויסצוווייזן דינסט־פלייסיקייט, ווי דערווירקלעכער מיליציאַנט.

און אַלע קינדער־שפּילן זיינען דאָך איבערפולט מיט מאַכט־אויסערונגען, אַלע קינדער־שפּילן זיינען דאָך נישט נאָר סתּם אַ נאָכמאַכונג די דערוואַקסענע, נאָר דוקא אַ נאָכמאַכונג דער אַלמעכטיקייט פון די דערוואַקסענע.

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קינדערשן מאַכט־טריב איז די שאַפונג פון דער קינדערשער פאַנטאַזיע (די לעצטע איז דאָך אויך, ווי כ׳האָב שוין אגב, אָנגעוויזן, אַ קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע). דער דאָמינירנדיקסטער עלעמענט פון דער קינדער-פאַנטאַזיע איז דאָך, ווי באַקאַנט, ווידער אַמאָל, דער מאַכט-טריב. אין זיין פאַנטאַזיע איז דאָס קינד דער אמתער „כל־יכל", ער טראַכט־צו די אומגלויבלעכסטע סיטואַציעס, ער שאַפט שטענדיק אַ „יש מאין". די קינדער-מעשה׳לע איז פול מיט איבערראשונגען און אומגלויבלעכן, אומווילקירלעכן

האָקום־פּאָקום. די דערקלערונג פאַר דעם אַלעמען איז די שטרעבונג פון מאַכטלאָזן קינד צו אַלמעכטיקייט. איז אַזאַ אַלמעכטיקייט נישט מעגלעך אין דער ווירקלעכקייט, נעמט ער זיך מיט אַ באַזונדער אַנטשלאָסנהייט דורכצוזעצן זי דאָרטן, ווו ס׳איז פאַר אים קיין אוממעגלעכקייט נישט פאַראַן. וואָס ער קען נישט טאָן אין דער פרעמדער וועלט, טוט ער יאָ מיט מער אַנטשלאָסנהייט אין דער אייגענער וועלטל, אין זיין ווירקלעכער וועלטל (קינדער-צימער, קינדער־סביבה) און נאָך מער אין זיין אומווירקלעכער וועלטל (פאַנטאַזיע).

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מאַכטטריב פון קינד איז זיין באַרופס-אויסוואַל. ווען מ׳פרעגט ביי אַ קינד, וואָס וואָלט ער געוואָלט זיין, וואָס וועט ער זיין, ווען ער וועט ווערן אַ דערוואַקסענער, קלויבט ער שטענדיק אויס נאָר יענע פאַכן, אין וועלכע ס׳איז פאַראַן אַ שטאַרקערער עלעמענט פון מאַכט און וועלכע וועקן דעריבער אַממערסטן זיין קנאה און גייציקייט. אַ קינד וויל אַמליבסטן זיין אַ פורמאַן, ווייל יענער הערשט אומבאַגרעניצט איבער זיין פערד, אַ מיליציאַנט, אַ פייערלעשער א. אַ. וו., קורץ: ער וויל נאָר אַזעלכע פאַכן, ווו ס׳איז פאַראַן עטוואָס אויסערגעוויינלעכעס, אין וועלכע ס׳איז פאַראַן אַ בולטער – לויט זיין פאַרשטאַנד – איבערגעוויכט פון מאַכט־מעגלעכקייט.

מאַכטלאָזיקייט איז פאַרן קינד אַראָפּזעצונג פון זיין פערזענלעכקייטס־געפיל, מאַכטלאָזיקייט איז פאַר אים – „אונטן”. זעט ער דורך איבערטריבענער אילוזאָרישער, פיקטיווער (פאַר דעם קינד גופא איז עס כלל נישט אילוזאָריש, כלל נישט פיקטיוו, נאָר אַ שטיק ווירקלעכקייט) „מאַכט”־באַקומונג צו אַקאָמפּענסירן זיין מאַכטלאָזיקייט, זיין מינדערווערטיקייט. מאַכטטריב איז פאַר דעם קינד דעריבער, קודם כל, צוריקגעווינונג, צוריקדערהויבונג פון פריער אַראָפּגעזעצטן פערזענלעכקייטס־געפיל. דאָס אָפּרייסן זיך פון „אונטן” און דערהויבן זיך צום „אויבן”, אין מאַכטטריב פון קינד איז דעריבער צו זען, קודם כל, דעם אייגנזין פון קינד, זיין פערזענלעכקייטס געפיל.

פון אָנהויב אָן, ווען די אָריענטירונגס־קראַפט פון קינד איז נאָך גאַנץ קליין, באַפרידיקט ער זיך ווייניקער – מער מיט דער אי־

לוזאָרישער מאַכט, מיט דעם מאַכטטריב אין זיינע אומווירקלעכע אַנטפּלעקונגען. אין דעם עלטער פון קינד גילט „אַ שאָטן פּאַר אַ באַרג״, אַ שאָטן פון אילוזאָרישער אַלמעכטיקייט גלייכט זיך צו אַ באַרג פון ווירקלעכער אַלמעכטיקייט. שפּעטער אָבער, מיטן צוווּקס פון קינדערשער דערפאַרונג, מיט דער אַנטוויקלונג פון קינדערשער אָריענטירונגספעיקייט הערט אויף די אילוזאָרישע מאַכט צופרידנצושטעלן דעם קינד, וועלכער שטרעבט שוין צו אמתער מאַכט, צו פולשטענדיקער אידענטיפיקאַציע מיט דעם דערוואַקסענעם. ער איז דאַן אַפילו אַ סך נענטער צום אָביעקט פון זיין שטרעבונג, פיל נענטער צום דערוואַקסענעם, ווי פריער, ער איז שוין דאַן אַפילו אַ ברוכצאָל, וואָס איז מער נאָענט צום גאַנצן פון דערוואַקסענעם, ווי פריער. ס׳איז גאָך אָבער פאָרט פאַראַן אַ דיסטאַנץ צווישן אים און דערוואַקסענעם, און דער פאַקט פון דערדאָזיקער דיסטאַנץ רעגט אומאויפהערלעך דאָס קינד און וועקט ווּנטש פון קאָמפּענסאַציע.

פריער, ווען דאָס קינד האָט געקענט די דיסטאַנץ כאָטש אילוזאָריש אויספילן מיט זיין מאַכטטריב, האָט ער נישט אַזוי געפילט זיין מינדערווערטיקייט, הגם זי איז געווען אַ סך גרעסער, ווי איצט. איצט אָבער, ווען ער קען שוין נישט אַזוי לייכט אויספילן די דיסטאַנץ פון זיין מינדערווערטיקייט, הגם זי איז שוין אַ סך קלענער, ווי אַמאָל, איז זיין אומצופרידנהייט פיל גרעסער, איז זיין אַגרעסיווקייט פיל שטאַרקער

און דידאָזיקע אַגרעסיווקייט אין געגעבענעם מאָמענט איז שוין איאוש־אַקט, אַן אויסדרוק נישט נאָר פון שטרעבן צו באַקעמפן די מינדערווערטיקייט, נאָר שוין אַ פּראָטעסט קעגן דער נישט לייכטקייט, קעגן דער שווערקייט פון באַקעמפן די מינדערווערטיקייט. אַזאַ פּראָטעסט באַקומט זיין אויסדרוק, קודם כל, אין דער כאַראַקטעריסטישער פאַר דעם פרי־קינדערשן עלטער גרויזאַמקייט.

די קינדערשע גרויזאַמקייט איז שוין פיל שטאַרקער פון געווינלעכן מאָכטטריב. גרויזאַמקייט איז פמרטאָפּלטער מאַכטלוסט, גרויזאַמקייט אַנטהאַלט אין זיך שוין אַ סך מער עקספּלאָדירנדיקן מאַטעריאַל, אַ סך מער אַגרעסיווקייט אין אַקטיוון עלעמענט, ווי די געווינלעכע שטרעבונג צו מאַכט. אין דער צייט, ווען דער מאַכטטריב באַצוועקט הויפּטזעכלעך די זעלבסטדערהויבונג, באַצוועקט שוין

די גרויזאַמקייט דער עיקר די ד ע ר נ י ד ע ר ו נ ג פ ו ן אַ נ ד ע ר ע. ביי מאַכטטריב ווערט אַקצענטירט דער אינדיווידועלער „איך“ פון מאַכטהאָבער (די איבעריקע זייגען נאָר זייטיקע פערסאָנאַזשן, בלויז מיטלען צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם מאַכטטריב), ווען ביי גרויזאַמקייט ווערט אַקצעפּטירט דער עיקר נישט דער מאַכט־האָבער, נאָר די יעניקע, אויף וועמען דער אַקטיוויזירטער מאַכטטריב ווערט אָנגעווענדט. דאָ זיינען די איבעריקע אָביעקטן נישט קיין זייטיקע, נישט קיין צופעליקע, נאָר עיקרדיקע, זייער דערנידערונג איז ניט נאָר בלויז אַ מיטל, נאָר אַ צוועק.

גרויזאַמקייט ווערט שוין לאַנג אין דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע טראַקטירט אַלס אוראייגנשאַפט פון דעם קינדס פּסיכיק. שוין אין ביבל ווערט די גרויזאַמקייט כאַראַקטעריזירט אַלס פאַראַנלאַגטע ירושה־אייגנשאַפט פון קינד: „כי יצר לב האדם רע מנעוריו“ א. אַ. ס'איז די באַקאַנטע פראַגע וועגן דער אורשפּרינגלעכער בעזקייט פון קינדס פּסיכיק. דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט, וועלכער געפינט זיין אויסדרוק נאָך אין דער ביבל, האָט געהאַט זיינע אָנהייגגער ביז דער לעצטער צייט און אַפילו איצט געפינט ער נאָך אַ געוויסע איינשטימונג ביי מאַנכע פּסיכאָלאָגן. געגוג, למשל, צו דערמאָנען די מיינונג פון לעאָ פראָבעניוס, *) לויט וועלכער די אויטאָסוגעסטיע פון קינד ביי זיין טראַנספאָרמירן דאָס אַרומיקע לעבן אונטערן דראַנג פון פאַנטאַזיע (די פאָרמולירונג גילט בעצם פאַר דער גרויזאַמקייט פון קינד) דאַרף אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען „דעמאָניזם“. דערדאָזיקער אורשפּרינגלעכער „דעמאָניזם“ פירט אָן מיט דעם קינדס גאַנצער אַגרעסיווקייט.

מ'קען קעגן דעמדאָזיקן עקסטרעמען אויספיר פון פראָבעניוס שטרייטן, מ'קען אויסגעפינען, אַז דער דעמאָניזם איז נישט קיין אורשפּרינגלעכער, אַז דער דעמאָניזם איז בכלל אַ צו האַרבע באַטיטל צו דעם קינדס גרויזאַמקייט. מ'קען עס מילדערן, ווי עס טוט, למשל, Sully **),

*) Leo Frobenius: Paidenmo, Umrisse einer Kultur- und Lebenslehre, Verl. Beck, München, 1922.

**) Untersuchungen über die Kindheit, Leipzig, 1909.

וועלכער ענטפערט אויף דער פראַגע וועגן דער מאָראַלישקייט אָדער אַנטימאָראַלישקייט עון קינדער-מידות אַזוי: „מאָראַליש רופן מיר ביים קינד נאָר יענעם שטאָף, וועלכן מיר קאָנען אויסנוצן צו אונזער גונסטן. אַנטימאָראַליש איז יענער שטאָף, וועלכער קען נישט אויסגענוצט ווערן צו אונזער גונסטן". ווי ס'איז צו זען פון דער געבראַכטער פאָרמולירונג, איז ערשטנס ביים קינד פאַראַן נישט בלויז אַנטימאָראַלישעס (ביי פראָבעניוסן וואָלט עס געהייסן „דעמאָנישעס"). נאָר אויך מאָראַלישעס. און צווייטנס — וואָס ס'איז נאָך וויכטיקער — דאָס אַנטימאָראַלישע גופא איז אַ זאַך, וואָס קען פון דערציער געענדערט ווערן, דאָס אַנטימאָראַלישע גופא איז, אויף אַזאַ אופן, נישט קיין איינגעבוירענע אייגנשאַפט, נאָר אַ געוואָרענע.

לאָמבראָזאָס מיינונג *) איז, פאַרקערט, אַז דאָס קינד האָט אַ נאַטירלעכע פאַראַנלאַגונג צו גרויזאַמקייט. דידאָזיקע מיינונג איז אָבער פון דער שפּעטערער פסיכאָלאָגיע אָפּגעוואָרפן.**) די הויפּט-טענה קעגן דער פאַראַנלאַגונג פון גרויזאַמקייט איז דאָס, וואָס אמתע גרויזאַמקייט פאָדערט אַ באַוווסטזיניקן פּאָרגאַנג. אמתע גרויזאַמקייט דאַרף זיין אַ „גרויזאַמקייט לשמה", דאָס אָבער קען מען כּלל נישט זאָגן וועגן דער פריקינדערשער גרויזאַמקייט. ***)

דער פריער דערמאָנטער גרינוואַלד, למשל, ווייזט אָן, אַז אַ סך פון דעם, וואָס מיר רופן געוויינלעך אָן גרויזאַמקייט איז באמת נישט מער ווי אויסערונגען פון געוויינלעכע „פרידלעכע" קינדער-טריבן, ווי נאַרונגס-טריב, שפּיל-טריב, זאַמל-טריב (=גייציקייט) עקספּערימענטן-טריב, קאַמפס-טריב, הערש-טריב, נאָכמאַכונגס-טריב א. אַ.

אונז גייט דאָ אָבער כּלל נישט אָן די גאַנצע שטרייט-פראַגע. פאַר אונז איז וויכטיק, אַז די גרויזאַמקייט, וואָס פאַר אַ סיבות און

---

*) אין זיין קרימינאַל-פסיכאָלאָגיע.

**) זע, למשל, דעם אַרטיקל פון Grünwald אין „Zeitschrift für Kinderforschung,„ x.

***) זע: Compayre: Entwiklung des Kinderseele. Sully: Handbuch der Psychologie für Lehrer.

וואָס פאַר אַ דערקלערונג זי זאָל נישט האָבן, איז אַ מעכטיקער, נישט אָפּלייקנבאַרער פאַקטאָר אין פריקינדערשן לעבן. דער גאַנצער שטרייט אַרום דער פראַגע רירט גיכער אָן דעטאַלן, ווי די גרויזאַמקייט אַלס פאַקט. די לעצטע קלאַסיפיקאַציע, למשל, פון גרינוואַלד איז דאָך אין תוך נאָר אַ שנוי-השם פון גרויזאַמקייט און זי באַשטעטיקט נאָר די אומפאַרמיידלעכקייט פון גרויזאַמקייט, אַלס פאַקט אין פריקינדערשן לעבן. (אַלע מערערע טריבן, וועלכע גרינוואַלד רעכנט אויס, זיינען דאָך אין זייער ריי אויך קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס, אויך אויס־דרוקן פון אַראָפּזעצונג פון פערזענלעכקייטס־געפילן.

די פריקינדערשע גרויזאַמקייט, וועלכע באַזונדערע דערקלערונ־גען פאַר איר געגעזיס זי זאָל נישט האָבן, איז, קודם כל, אַ פאַקט אין פריקינדערשן לעבן און איר עיקר־סיבה איז, צווייטנס, סוף־כל־סוף די נייטיקייט צו פּראָטעסטירן קעגן דער מינדערוווערטיקייט, דער אַזוי געווופענער, „מענלעכער פּראָטעסט” פון קינדס אַראָפּגעזעצטן פערזענלעכקייטס-געפיל.

די גרויזאַמקייט קומט צו איר אויסדרוק אין אַן אומצייליקער ריי פון קינדערשע נייגונגען. אַ גרויסן פלאַץ פאַרנעמט זי אין די קינדערשע שפּילן און באַזונדערס שטאַרק איז זי אין די קינדערשע שפּילן מיט חיות. די באַקאַנטע חולשה פון קינד די חיות-קוועלעריי, וועלכע פאַרנעמט אַזוי די אויפמערקזאַמקייט פון פּסיכאָלאָגן-טעאָרעטי־קער און פּעדאַגאָגן-פּראַקטיקער*). די גרויזאַמקייט זעט מען בולט ביי די קינדערשע עקספּערימענטן, ביי זייער פריער דערמאָנטער שאָדן־פרייד, ווען זיי ברעכן און רואינירן אַלץ, וואָס ס׳טרעפט זיך זיי אונטערן האַנט א. אַ. וו.

צו גרויזאַמקייט קען מען נאָך צורעכנען אויך די נייגונג פון קינד צו ווייזן זיך, זיך לוסטיק צו מאַכן אויף יענעמס שוואַכקייטן, אָנצוכאַפּן זיך מיט פאַרגעניגן פאַר יענעמס קאָמיזם. **) ס׳איז כאַ-

*) מ׳האָט זיך דאָך אפילו דערטראַכט, אַלס פּראָפיל אַקטישער מיטל קעגן דער קינדער־שער חיות־קוועלעריי־קראַנקהייט, צו גרינדן ספּעציעלע „צער־בעלי־חיים”־געזעלשאַפטן צווישן שול-קינדער. זע אין ריינ׳ס ענציקלאָפּעדיע, למשל.

**) אַ סך ביישפּילן ביי Pfister.

ראַקטעריסטיש אין דעם פּרט די פולשטענדיק צוגעפּאַסטע קינדערשע אויבערעמפּינדלעכקייט פאַר דעם קאָמישן בכלל: קינדער כאַפּן שטענדיק זייער שנעל און זייער לייכט אויף דאָס קאָמישע אין דער אומגעבונג, וועלכע זיי לאָזן נישט אָן באַקעמפונג, אָן גרויזאַמער באַקעמפונג. ביישפּילן: די קאַמפּס־באַציונג פון קינד צו משוגעים, צו בעלי־מום א. אַ. א.

דאָס לעצטע איז באַזונדערס וויכטיק פאַר דעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון גרויזאַמקייט, אַלס קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע. צו גרויזאַמקייט דערגייט דאָך דאָס קינד אונטערן דראַנג פון זיין מינדערווערטיקייט, אונטער זיין דראַנג צו געפינען אַ תיקון, אַ פאַרענטפערונג פאַר דער אים פּייניקער מינדערווערטיקייט. ביי דער אַנטוויקלונג פון קינדערשער גרויזאַמקייט איז ווירקזאַם באַזונדערס שטאַרק דער פּראָטעסט פון קינדערשן „אונטן" קעגן דעם „אויבן" פון אַלמעכטיקן דערוואַקסענעם. ס׳קומט דאָ צום אויסדרוק דעם קינדס שנאה צו אויטאָריטעט און איבערגעוויכט. און ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך די צופרידנהייט, מיט וועלכער דאָס קינד נוצט אויס יעדע געלעגנהייט צו דערנידעריקן יענעמס אויטאָריטעט, אויב ער קען נאָר נישט פאַרגלייכן זיך מיט יענעמס אַלמעכטיקייט, טאָ זאָל ער, לכל הפחות, אויסגעגליכן ווערן מיט אים אין מאַכטלאָזיקייט (קאָמיש — איז דאָך שטענדיק: „מאַכטלאָזו"), אויב ער איז גישט ביכולת צו פאַרוואַנדלען זיין „אונטן" אין יענעמס „אויבן", טאָ זאָל, לכל הפחות יענעמס „אויבן" פאַרוואַנדלט ווערן אין זיין „אונטן".

אויסלאַכן אַ דערוואַקסענעם איז דעריבער פאַר דעם קינד אַ באַזונדער גרויסע באַפרידיקונג. דאָס קען מען זען באַזונדערס איבערצייגנדיק אין דער צופרידנהייט מצד דעם קינד מיט דעם קאָמישן, אין זיין גרויזאַמער באַקעמפונג פון קאָמישן, ווען דער לעצטער טרעפט זיך ביי די אַממערסטן אַנטיפּאַטישע פאַר דעם קינד אויטאָריטעטן, ווי ז׳ער שטרענגער פאָטער, שלעכטער לערער א. אַ. וו.

די אויסנוצונג פון קינד מיט די שוואַכע זייטן פון לערער איז אַ פאַקט, אַ געניג באַקאַנטער פון לעבן און ליטעראַטור. וואָלפען*)

*) ז. Wulffen 143

ברייגגט אַ ביישפּיל, ווי אַזוי קינדער עפנען בכוונה פונאַנדער די פענס־טער פון קלאַס, וועלכע דער לונגען־קראַנקער לערער האַלט אין איין פאַרמאַכן. די קינדערשע גרויזאַמקייט קען דורך אויסערלעכע מיטלען אַרויסגעצויגן ווערן פון זייער באַוווסטזיין, זי פאַרבלייבט אָבער, ווי אַלע אַנדערע פּסיכישע נייגונגען, און קען פאַרבלייבן אַלס פאַרדריינג־טע, אַלס איבערגעגאַנגענע אין אונטערבאַוווסטזיין, וואָס איז, לויט די פּסיכאָאַנאַליטיקער, נישט ווייניקער שעדלעך פון דער אָפענער, באַ־וווסטזיניקער גרויזאַמקייט.

גרויזאַמקייט פאַרנעמט אַ ספּעציעלן פּלאַץ אין דער אַזוי גערופע־נער קינדער־קרימינאַליסטיק. ס'איז קלאָר: די גרויזאַמקייט איז די בעס־טע און איבערצייגנדיקסטע אילוסטראַציע צו דעם, ווי שרעקלעך איז דער פּיין, וואָס ס'קומט אויס דעם קינד איבערצוטראָגן אין די צוואַנ־גען פון זיין מינדערווערטיקייט. אויב דאָס קינד מוז אָנקומען צו אַזעל־כע פאַרטיידיקונגס־מיטלען, צו אַזעלכע, וואָלט איך געזאָגט: פאַרסמטע דום־דום־קוילן, ווי גרויזאַמקייט, מוז דאָך דער שונא, קעגן וועלכן די־דאָזיקע קוילן זיינען געווענדט, די מינדערווערטיקייט גופא מטילא זיין אַן אומגעהויער שווער!

צוזאַמען מיט דער גרויזאַמקייט קומט צום אויסדרוק ביים קינד נאָך אַן אויסערונג, אַן אויסדרוק פון פאַרלאָרנקייט אין נישט גלייכן קאַמף, אַן אויסדרוק פון פאַרביטערונג צוליב דער שווערקייט פון קאַמף. כ'האָב דאָ בדעה די שנאה פון קינד צו דער אומגעבונג, די שנאה צום נישט צוגענגלעכן און נישט דערגרייכבאַרן פאַר אים „אויבן".

וועגן דער כאַראַקטעריסטישער פאַרן קינד אַנטיסאָציאַלהייט, וואָס איז אַן אויסדרוק פון דערדאָזיקער שנאה, האָב איך שוין אויבן גערעדט.

וועגן דער קינדערשער שנאה בכלל דאַרף דאָ געזאָגט ווערן פאָלגנדיקס:

זי טרעט אָפט אַרויס נישט אין אַ דירעקטער, נאָר אין אַן אומ־דירעקטער און פאַרשטעלטער פאָרם. און מ'דאַרף זי דעריבער קענען אויסגעפינען אונטער אירע אַלע שלייערן. ס'איז איינער פון די גרעס־טע פאַרדינסטן פון דעם פּסיכאָאַנאַליז, וואָס ער האָט דערוויזן, אַז בנוגע פּסיכישע דערשיינונגען זיינען בכלל נישט גילטיק קיין קעגנזאַצן, אַז איין און דיזעלביקע לויט איר תוך פּסיכישע דערשיינונג קען אָנ־

בעמען פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגס־פאָרמען. גאַנץ אָפט איז די אונז זיך דאַכטנדיקע אַנטיטעזע נאָר א בילטערער אויסדרוק פון דער טעזע

פונקט ווי צו גרויסע מילדקייט איז נישט קיין סתירה, נאָר אָפט מער נישט ווי אַ באַזונדערע אַנטפּלעקונגס־פאָרם פון גרויזאַמקייט, פונקט אַזוי קען מען זוכן שנאה אין דער היפּערבאָליזירטער ליבע פון קינד. פרויד, אַדלער און באַזונדערס פּפיסטער האָבן גענוג איבערצייגנדיק דערוויזן, למשל, אַז אַמאָל איז די צו שטאַרקע ליבע צו עלטערן נישט אַנדערש, ווי שנאה צו עלטערן.

און קינדער זייגען נאָך כאַראַקטעריסטיש טאַקע דערמיט, וואָס זיי ווייסן נישט פון „וואָג און מאָס", וואָס ביי זיי איז אַלעס איבער־טריבן, היפּערבאָליזירט.

אָבער צו וואָס אָנקומען צו פאַרשלייערטער, צו פאַרדריינגטער שנאה, ווען זי, די שנאה, טרעט אַזוי בולט און איבערצייגנדיק אַרויס אין דירעקטער, אין אוממיטלבאַרער פאָרם?

דאָס קינד באַציט זיך מיט טיפער שנאה צו דעם אַלעמען, וואָס שטרייכט אונטער זיין מינדערווערטיקייט, וואָס טיילט פאַר אים אויס דעם נישט באַפרידיקנדיקן און ערגערנדיקן אָרט פון „אונטן", דאַן ווען ער רייסט זיך צום „אויבן". דאָס קינד האָט פיינט דאָס אַלעס, וואָס איז העכער פון אים, וואָס האָט אַן איבערגעוויכט איבער אים, וואָס באַגרעניצט זיינע מעגלעכקייטן. צען מאָל שנאה האָט גאָט אַראָפּגעשיקט דער וועלט און ניין מאָס פון זיי האָבן איבערגענומען די שוואַכע, און דעם גרעסטן טייל פון דידאָזיקע ניין מאָס פאַר שוואַכע האָבן איבער־גענומען די שוואַכסטע צווישן די שוואַכע, די קינדער.

דאָס קינד צאַפּלט זיך אין די דערדריקנדיקע צוואַנגען פון דער מינדערווערטיקייט, אויף יעדן טריט און שריט שטויסט ער זיך אָן אויף שוואַכקייטן, וואָס האַמעווען זיין שטרעבונג צו פאַרפולקאָמונג, וואָס לייגן אַרויף צוימען אויף זיין דראַנג צום העכערן, צום אַלמעגלעכן. ער פּרוווט דעם אונטערשייד צווישן זיך און העכערן מבטל צו מאַכן מיט דער הילף פון אַלע זיינע אָנשטרענגונגען, און ווען דאָס געלינגט אים נישט, דאַן פאַרבלייבט אים איבער נאָר צו ענטפערן אויף דעם מיט דעם לעצטן אַקט פון פאַרביטערונג, פון יאוש, מיט שנאה. דאָס קינד פּרוווט קעגנשטעלן זיך דער מינדערווערטיקייט מיט אַלע זיר

געפינענדיק אין זיין רשות מיטלען און מעגלעכקייטן, ער טיילט נישט אָפּ דערלויבטעס פון אומדערלויבטן, ווייל פאַר אים איז דאָך בכלל די גאַנצע רעגלאַמענטאַציע פון „אסור“ און „מותר“ נישט געשריבן. ער קומט אָן צו די פאַרשיידנסטע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין זאַך: נישט פאַר שוועריקייטן, נישט פאַר „אַנטימאָראַלישן“ (פאַר דעם קינד איז דאָך אַלץ מאָראַליש. די מאָראַל גופא מאַכט דאָך גרעסער און שרעקלעכער דעם קינדס מינדערווערטיקייט). פון די לעצטע אַנטימאָראַלישע קאָמפּענסאַטאָרישע מיטלען זאָל נאָר, פאַרבייגייענדיק, דערמאָנט ווערן דאָס קינדערשע ליגן־זאָגן.

די טעאָרעטיקער פון קינדערשן ליגן, קל. און וו. שטערן *), זאָגן אַזוי: ליגן איז אַ באַוווּסטזיניק-פאַלשער פאַרטיידיקונגס-מיטל מיט דעם צוועק אַנדערע צו פאַרפירן. ביידע סימנים זיינען דערביי נייטיק: א) פעלט דאָס באַוווּסטזיין וועגן דער פאַלשקייט (ערשטער סימן), דאַן קען מען וועגן ליגן, אַלס אַזעלכן, נישט ריידן; ב) איז דאָס באַוווּסטזיין אַפילו פאַראַן און ס'איז אָבער נישט פאַראַן דער אַנטשלוס יענעם צו פאַרפירן (צווייטער סימן) איז דאָס אויך נישט קיין ליגן

אָבער שוין דאָס אַליין, וואָס דאָס פאַרפירן יענעם איז אַן אומבאַדינגטער סימן פון ליגן, ווייזט אונז אויף דער קאָמפּענסאַטאָרישקייט, וואָס איז אַנטהאַלטן אין ליגן.

קל. און וו. שטערן טיילן ווייטער דאָס ליגן-זאָגן אויף צוויי מינים: 1) פּראָוואָצירטן (סוגעסטיוון), 2) ספּאָנטאַנעם (אומווילקירלעכן). אָבער פון שטאַנדפּונקט פון פּסיכאָלאָגישער סיבה פון ליגן איז דאָך דער ספּאָנטאַנער ליגן אויך אַ פּראָוואָצירטער, און דאָס פּראָוואָצירנדיקע איז ווידער אַמאָל די אָראָפּזעצונג פון פּערזענלעכקייטס-געפיל, די נייטיקייט פון ווידערשטאַנד קעגן דער מינדערווערטיקייט.

דער ליגן — אין דעם פּרט איז קיין אונטערשייד נישט פאַראַן צווישן קינדערשן פאַנטאַזיע-ליגן און דעם דיכטערישן ליגן: „מיטב

*) Cl. u. W. Stern: Erinerung, Aussage u. Läge in der ersten Kindheit.

השיר כּזבו״ — קומט אויסצוברייטערן באַגרעניצטע ראַמען פון אוממעגלעכקייט, באַזייטיקן מניעות פון וועג, פון פּערזענלעכקייטס-געפיל.

ליגן איז שטענדיק — צי איז ער אַ באַוווסטזיניקער צי אַן אומבאַוווסטזיניקער — אַ קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע אין קאַמף מיט דער מינדערווערטיקייט. דאָס ליגן זאָגן איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פרידלעכער פּרווו צו באַקעמפן די מינדערווערטיקייט איידער ס׳קומט אָן די פּאַרביטערונג פון יאוש. אַזאַ פרידלעכער פּרווו, אַ ווייניקער קריגערישער פּרווו איז אויך דער כּבוד-געפיל פון קינד, דער פריקינדערשער כּבוד-געפיל איז אַ נאַטירלעכע קעגנשטעלונג דער אַראָפּזעצונג פון קינדס פּערזענלעכקייטס-געפיל, אַ קעגנשטעלונג יענע אַלע מניעות, וועלכע שטרייכן סדר אונטער דעם קינדס מינדערווערטיקייט.

מ׳דאַרף קיין סך ראיות צום כּבוד-געפיל-דראַנג פון קינד נישט ברייננגען, זיי זיינען גענוג באַקאַנט. די בעסטע ראיה פאַר דער נאַטירלעכקייט פון כּבוד-געפיל איז דאָס, וואָס ער ווערט אַפילו געפלעגט אין דער נאָרמאַלער דערציונג. הערבאַרט, למשל, זאָגט: די הויפּט-זאַך איז, מען זאָל קיין ערגייץ קינסטלעך נישט דערנערן ביים קינד, אָבער אויך קיין נאַטירלעכן און ריכטיקן כּבוד-געפיל נישט דערדריקן.

שפּעטער גייען די פרידלעכע קאָמפּענסאַטאָרונגס-מיטלען אַריבער אין קריגס-צושטאַנד. פון ליגן זאָגן ווערט גרויזאַמקייט, ווערט שנאה, פון נאַטירלעכן כּבוד-געפיל ווערט אייגנזין, ווערט ערגייץ, קעגן וועלכע אַפילו דער אַפּאָלאָגעט פון כּבוד-געפיל, הערבאַרט, וואָרנט. די שנאה פון קינד צו דער אומגעבונג, צו יענע אָביעקטן פון דער אומגעבונג, וועלכע שטרייכן אונטער זיין מינדערווערטיקייט, די שנאה פון קינד הויפּטזעכלעך צו די דערוואַקסענע, וואָס האָבן שטענדיק אַן איבערגעוויכט איבער אים מיט זייערע גרעסערע מעגלעכקייטן, זוכט אַן אַקטיוון רעאַליזירונגס-מיטל, פאָדערט אַן אויסלאָדונג. אַזאַ אויסלאָדונג געפינט די שנאה אין געשטאַלט פון דער נקמה. נקמה איז, אַזוי אַרום, אַ רעאַליזירטע שנאה, אַ שנאה אין טאַט. שנאה איז שטענדיק דער פּראָטאָטיפּ צו דער נקמה, נקמה איז איטענסיפיצירטע שנאה, שנאה וואָס איז דיסקאָנטירט, וואָס איז אויסגעדריקט אין אַקציאָנספאָרם.

אַ קינד זוכט נקמה צו נעמען פון די יעניקע, וועלכע ער האָט

פיינט, וועלכע שטעלן זיך אויפֿן וועג פון זייערע מעגלעכקייטן און פאַר-גרעסערן מיט זייער איבערגעוויכט זיין מינדערוועריקייט. נקמה איז די פאַרשפּרייטסטע פּסיכישע איבערלעבונג צווישן דער פּילפּאָרמיקער מענגע פון פריקינדערשער אָנגסטלעכקייט. אַ קינד נעמט נקמה פון זיי-נע אונטערדריקער: פון זיינע שטאַרקערע חברים, עלטערע געשוויסטער, פון די שלעכטע לערער, פון שטרענגע טאַטע-מאַמע א. אַ. וו.

אין דער ליטעראַטור האָבן מיר זייער פיל ביישפּילן פון די נקמה-אַקטן, וועלכע די קינדער האָבן, למשל, אויסגענוצט קעגן זייערע שלעכטע דערציער. אין אַלע אַזעלכע נקמה-פאַלן איז פאַראַן אָפט אַן אויסערגעוויינלעכע אונטערנעמערישקייט, אַן אינטענסיפיצירטע איניציאַ-טיוו.

און נישט נאָר אין דער ליטעראַטור, נאָר אין לעבן, אין אומ-מיטלבאַרן לעבן, אין דער כראָניק פון צייטונגען טרעפן מיר דאָך אַזוי אָפט ביישפּילן פון אַזאַ קינדערשער נקמה קעגן די געפיינטע דערציער. כ׳דערמאָן דאָ, בדרך משל, עטלעכע נקמה-פאַלן פון קינדער, וואָס זיי-נען פאַרנאָטירט ביי וואָלפען: *)

1. אין טשערנאָוויטש האָבן פינף גימנאַזיסטן דעמאָליִרט די וווי-נונג פון שול-דירעקטאָר, די סיבה איז געווען דאָס, וואָס זיי זיינען געשטרויכלט געוואָרן בשעתן עקזאַמען.

2. אין בודאַפּעשט האָבן תּלמידים פון אַ קינסטלער-שול פאַר-שמירט אַ סך קונסט-בילדער נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען נישט צוגע-לאָזן געוואָרן צו דער אויסשטעלונג.

3. אין אַנהאַלט האָבן צוויי שילער פון 9- און 10-יאָריקן עלטער אין 1908 צושטערט אויפן בית-הקברות אַ סך פאַמיליען-געצעלטן און מצבות און האָבן זיי באַדעקט מיט אומריינקייט.

אַזעלכע ביישפּילן וואָלט מען געקענט ברענגען אַ סך. זיי ווייס יעדער, ווען מען ס׳קומט אויס צו האָבן אַ פאַרקער מיט קינדער.

די קינדערשע נקמה איז זייער אַ שטריינגע און ווייס נישט פון קיין מילדערונג. ביי קינדער – זאָגט מען געוויינלעך – פעלן אָפּהאַלטנ-

*) ז. Wulffen 157–160.

דיקע צענטערן. דאָס איז אָבער נאָר איין זייט פון דער מעדאַל, וועלכע קען אויסגעשמידט ווערן צו דערקלערן די קינדערשע נקמה. די אַנדער זייט איז דאָס, וואָס אין דער קינדערשער נקמה איז פאַראַן אַ פאַרביטערטקייט, אַ שטאַרקער מענלעכער פּראָטעסט, אַן עלעמענט פון אַן אויסגעשפּראָכענער קאָמפּענסאַטאָרישער פיקציע.

אין דעם פאַקט פון קינדערשער נקמה איז נאָך כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס די נקמה ווערט אָפט אָנגעווענדעט אויף אַזעלכע דערוואַקסענע, צו וועלכע די קינדער האָבן, לויט אונזער אויבנאויפיקער מיינונג, כלל נישט קיין שנאה, צו וועלכע זיי האָבן, פונקט פאַרקערט, דווקא אַ ליבע-באַציונג. די נקמה, ווען זי אַנטפּלעקט זיך אין באַציונג צו מכלומרשטע ליבע-אָביעקטן, דעקט אויף, אויפן בעסטן אופן, דעם טעות פון אונזערע אויבנאויפיקע השערות, די נישט פולקאָמהייט פון אונזערע אורטיילן אויפן סמך פון ערשטן איינדרוק, די נקמה ווייזט אונז אויף דעם איבערצייגנדיקסטן אופן, אַז די ליבע איז נאָר אַ זיך דאַכטנדיקע, אַז באמת איז אונטער דער מאַסקע פון מכלומרשטער ליבע אָפט פאַראַן און באַהאַלטן אַ ביטערע און שטאַרקע שנאה.

בכלל דאַרף גענומען ווערן אין אַכט דער פעסטגעשטעלטער אין דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע פאַקט, אַז וועגן פּסיכישע קעגנזאַצן קען נישט זיין קיין רייד אַזוי, ווי ס'גילט פאַר מאַטעמאַטישע און נאַטורוויסנשאַפטלעכע קעגנזאַצן. פּסיכישע קעגנזאַצן זיינען ע"פ רוב גאָר קיין קעגנזאַצן נישט, נאָר בלויז באַזונדערע אַנטפּלעקונגען פון איין און דערזעלביקער דערשיינונג. פּסיכישע קעגנזאַצן פאַרשפּרייטן זיך זייער אָפט נישט אַזוי אויפן אינהאַלט, ווי אויף דער פאָרם, פּסיכישע קעגנזאַצן זיינען דאָס רוב באמת נאָר פּסיכישע אידענטיטעטן. *)

אַזוי, למשל, איז אויסערלעכע שטאַרקייט אַמאָל דער בעסטער סימן פון אינערלעכער שוואַכקייט, גרויזאַמקייט – אַ סימן פון רחמנות, גרויזאַמקייט און מיטלייד זיינען אָרגאַניש צוזאַמענגעבונדן צווישן זיך און אַז. וו.

דער אונטנגעבראַכטער דיאַלאָג פון סטרינדבערגס „Todentanz", ,

---

*) אויספירלעך און גוט באַגרינדעט ביי Dr. Alfred Adler.

למשל, ווייזט, אַז אונטערדריקונגס-דראַנג פאַר יענעם איז אַ סימן מובקה פאַר אייגענער אונטערדריקטקייט, פאַר אייגענער פאַרשקלאַפטקייט.

Alice– (צום קאַפּיטאַן): „דו קריכסט פאַר אַלעמען (דו ביזט גוט און מילד), ווייל דו ביזט אַ דעספּאָט, אַ שקלאַפן-נאַטור".

אַזאַ קעגנזעצלעכע צו נקמה, צו גרויזאַמקייט מידה ווי מיטלייד דאַרף אויך אָפּט באַטראַכט ווערן נאָר אַלס שנוי-השם פון נקמה, נאָר אַלס איינע פון די באַזונדערע אַנטפּלעקונגס-פאָרמען, אין וועלכע די נקמה, די קינדערשע נקמה בכלל, ווייזט זיך פאַר אונז. מיטלייד נעמט זיך פון איבערטראָגן דעם אומגליק פון צווייטן אויף זיך, אַנדערש גערעדט: פון איבערטראָגן די גרויזאַמקייט לגבי יענעם אויף זיך אַליין. דאָס קינד נאָך מער, ווי דער דערוואַקסענער, איז דאָך שטענדיק עגאָצענטריש, ער גייט אין אַלע פאַלן אַרויס נאָר פון זיך אַליין, פון אַ פאַרגלייך מיט זיך. דער כלל פון „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו" דאַרף לגבי דעם קינד פאַרשטאַנען ווערן אין דירעקטן, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. ווען דאָס קינד שאַפט זיך אַ באַציונג צו יענעם, צו די סיטואַציעס, אין וועלכע יענער געפינט זיך, טוט ער עס, קודם כל, דורכדעם, וואָס ער שטעלט זיך אַליין אין יענעמס מצב, אין יענעמס סיטואַציעס. און ווען ער האָט מיטלייד צו יענעם, האָט ער באמת מיטלייד צו זיך אַליין. ווען בערנער*) לייגט פאָר אַלס מיטל צו שטאַרקן דעם קינדערשן כאַראַקטער „קליינע קרבנות" פון קינדס צד לטובת אַנדערע (זאָל דאָס קינד אָפּזאָגן זיך פון אַ טייל קוכן זיינעם לטובת אַ שטוב-חיה א. אַ.), איז דאָס – כלעגונג פון מיטלייד אָבער גלייכצייטיק אויך די פּלעגונג פון זעלבסטפּייניגונג, פון אַסקעטיזם, אַנדערש גערעדט: פּלעגונג פון גרויזאַמקייט.

די באַקאַנטע מאָראַליזירונגס-מיטלען אין דער ביז-איצטיקער דערציונג: קאַמף געגן היות-קוועלעריי דורך וועקן מיטלייד צו די היות, מ'ווירקט, אַז קינדער זאָלן ווערן בעלי-צדקה (קינדער זאָלן טיילן נדבות אָרימע לייט), אַפילו דער פּרינציפּ פון זעלבסטעטיקייט אין די

---

*) Wilhelm Börner: Charaktarbildung der Kinder, Verlag Becé München, 1914.

אינטערנאַט-אַנשטאַלטן האָבן דאָך בעצם בדעה צו באַקעמפן די שאָדן־פרייד פון קינדער.

אַ גוטער ביישפיל צו דעם, אַז די מיטלייד פון קינד צו יענעם איז באמת אַ מיטלייד צו זיך אַליין, אַז די מיטלייד באַקומט זיך פון איבערטראָגן יענעמס אומגליק אויף זיך, איז פאַראַן אין אַ מיטשיס „הארץ". ווען מ'וויל ביי די קינדער דערוועקן מיטלייד צום בלינדן, הייסט מען זיי פאַרמאַכן די אויגן און מ'זאָגט זיי: אָט אַזוי ווי איך איז פינסטער איצט, איז דעם בלינדן פינסטער שטענדיק. דערדאָזיקער מיטל האָט — לויט אַמיטשיסעס עדות זאָגן — געהאָלפן און די קינדער האָבן נויפגעהערט צו פאַרפּאָלגן דעם בלינדן. באמת איז אין דעם אויפהערן פאַרפאָלגן דעם פרעמדן בלינדן געווען עטוואָס פון אויפהערן פאַרפאָלגן זיך אַליין, ווייל ערשט נאָך דעם פאַרגלייכן זיך מיט דעם פרעמדן בלינדן האָבן די קינדער דעם לעצטן פאַרשטאַנען, ווייל אין יענעמס מינדערווערטיקייט פילט דאָס קינד זיין אייגענע מינדערווערטיקייט, יענעמס מינדערווערטיקייט ווערט אים צוגענגלעך אויפן סמך פון זיין אייגענער מינדערווערטיקייט

און טאַקע צוליב דעם, וואָס מיטלייד איז אַ שטראָם פון מינדערווערטיקייטס-קוואַל, ווערט זי אָפט פאַרביטן מיט גרויזאַמקייט, מיט נקמה, וועלכע זיינען אויך נאָר שטראָמען פון דעמדאָזיקן מינדערווערטיקייטס-קוואַל.

אַזעלכע אויסערלעכע קעגנזאַצן און אינערלעכע אינדיטיטעטן, ווי מיטלייד און נקמה, זיינען אויך די קינדערשע ליבע און די קינדערשע נקמה. די פריקינדערשע ליבע צו עלטערן איז אָפט נישט עפּעס אַנדערש, ווי פאַרדריינגטע, פאַרשטעלטע קינדער-שנאה צו עלטערן, שנאה צו דעם איבערגעוויכט פון די לעצטע, צו זייער אויטאָריטעט. דאָס איז, למשל, איבערצייגנדיק דערוויזן נישט נאָר בלויז טעאָרעטיש, נאָר אויך אויף אומספּקדיקע ביישפּילן ביי די פּסיכאָאַנאַליטיקער און באַזונדער אין דער ספּעציעלער אַרבעט פון פפיסטער.*)

דערדאָזיקער מערקווירדיקער פאַקט, לויט וועלכן קינדער־ליבע

Dr. Pfister: Liebe der Kinder.

איז אָפּט בלויז אַ פאַרדריינגטע קינדער-שנאה ווערט אויך באַשטעטיקט און אילוסטרירט דורך מערערע ביישפּילן אין דער שיינער ליטעראַטור.

דער הויפּט-כלל, וועלכן מ׳דאַרף נעמען אין אַכט ביי דער דיאַג-נאָסטיק פון פּסיכישע אייגנשאַפטן און נייגונגען בכלל און ביי קינדער בפרט איז, ווי געזאָגט, דער, וואָס קעגנזאַצן זיינען, באמת, נאָר באַ-זונדערע אויסדרוק-פאָרמען פון פאַקטישער אינדיטיטעט.

דעמזעלביקן כלל מוזן מיר נעמען אין אַכט אויך ווען מיר קומען צו באַטראַכטן די פריקינדערשע נקמה. די קינדערשע נקמה קען אַמאָל זיין אַ צווילינג-שוועסטער פון אַקעגנזעצלעכע נייגונג, אַן אויסדרוק פון סליחה. די פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרהעלטניס צווישן נקמה און סליחה-גרייטקייט איז דיזעלביקע, וואָס צווישן גרויזאַמקייט און מיטלייד.

פּונקט ווי גרויזאַמקייט צו יענעם איז אָפּט מיטלייד צו זיך, אַזוי איז אויך נקמה פון יענעם סליחה צו זיך.

ווען אַ קינד איז גרויזאַם צו זיין חבר (באַלעבטן אָדער אומבאַ-לעבטן — אָן אונטערשייד), צו די אַלע, וואָס שטרייכן אונטער די באַ-גרעניצטקייט פון זיינע מעגלעכקייטן, וואָס מאַכן בולט דעם אונטער-שייד צווישן זיין ווילן און קענען, וואָס מאַכן קענטיק זיין אומבאַ-האָלפנקייט אין געגעבענעם מאָמענט פון גרויזאַמקייט, זיין מינדערווער-טיקייט, — אין דעמזעלביקן מאָמענט דריקט דאָס קינד באמת אויס זיין מיטלייד צו זיך, צו זיין אוממעגלעכקייט, צו זיין מינדערווערטיקייט, דורך זיין גרויזאַמקייט קומט ער גלייכצייטיק אָנצוגרייפן דעם קעגנער און אויסצוגלייכן זיך מיט אים, דורך גרויזאַמקייט קאָמפּענסירט ער זיין מיטלייד צו זיך, צו זיין אומבאַהאָלפנקייט.

ווען אַ קינד נעמט נקמה פון עמיצן, ווייל יענער באַציט זיך צו אים, ווי „אויבן״ צו „אונטן״, איז די נקמה ווידער אַמאָל אַ גלייכ-צייטיקער אויסדרוק פון סליחה קעגן דעם אייגענעם חטא, אַ פּרווו צו קאָמפּענסירן די אייגענע מינדערווערטיקייט.

אין יעדן נקמה-אַקט פון קינד איז פאַראַן אַ צווייזייטיקער „על חטא״, אַ באַשטראָפונג פאַר די זינד פון יענעמס העכערקייט און אַ סליחה פאַר דער זינד פון דער אייגענער נידעריקייט.

כדי דאָס צו פאַרשטיין, איז נייטיק צו דערמאָנען זיך וועגן די אייגנאַרטיקע איבערלעבונגען פון קינד אין געוויסע מאָמענטן פון

זיין נקמה־נעמען און באַזונדערס בשעת זיין נקמה־גרייטקייט.

גערדאַנקען וועגן נקמה זיינען דאָך די פאַרשפרייטסטע און ווירקזאַמסטע געדאַנקען אין פריקינדערשן לעבן. אַ קינד ווערט אין כּעס אויף זיין אונטערדריקער, אויף די אונטערשטרייכער פון זיין מינדערווערטיקייט. ער ווערט אין כּעס אויף זיין צו שטרייִנגן פאָטער, עלטערן ברודער אָדער שוועסטער, אויף זיין לערער, שטאַרקערן חבר א. אַז. וו., און ער לעשט זיין צאָרן דורך געדאַנקען וועגן נקמה

וויפל מאָל רייסט זיך פון קינדס לעפצן, אין מאָמענטן פון באַליידיקונגען און פאַרדרוס (און אַזעלכע מאָמענטן זיינען דאָך אומצייליק!) דאָס פאַרצווייפלטע אויסגעשריי: „איך וועל קראַנק ווערן, איך וועל שטאַרבן”, און וויפל מאָל וועבן זיך אין קינדס פאַנטאַזיע די טראַגישסטע פּלענער וועגן טויט.

אין אַזעלכע געדאַנקען לעשט דאָס קינד דעם גליִ־פייער פון זיין שנאה, פון זיין אויפגערעגטקייט, דורך אַזעלכע געדאַנקען קאָמפּענסירט דאָס קינד זיין מינדערווערטיקייט און דאָס וויכטיקסטע: אין אַזעלכע געדאַנקען, וואָס דינען אַלס נקמה־אויסדרוק קעגן דעם „אויבן” איז דאָך באמת פאַראַן אַזוי פיל סליחה, אַזוי פיל פאַרענטפערונג פאַר דעם אייגענעם „אונטן”

דאָס קינד ווייס גאַנץ גוט, ווי ליב די „העכערע” האָבן אים, דעם „אונטערשטן”, ווי קרענקלעך עס רופט זיך ביי זיי אָפּ יעדער פיזישער מיספּאָלג זיינער: יעדער פאַל פון זיין קראַנק ווערן א. אַ. וו. וואָלטן זיי, די אים ליבנדיקע דערוואַקסענע באַר געהאַט אַזוי פיל פאַרשטענדניש פאַר זיינע גייסטיקע מיספּאָלגן, ווי פאַר זיינע פיזישע, וואָלטן זיי באַר געהיט זיך פון אָנצורירן זיין פּערזענלעכקייטס־געפיל, ווי זיי היטן זיך אָנצורירן די גאַנצקייט און אומבאַרירלעכקייט פון זיין גוף, דאַן וואָלט אונזער דערציונג אַ גאַנץ אַנדער פּנים געהאַט!

ליידער אָבער איז פאַר די דערוואַקסענע צוגענגלעכער און פאַרשטענדלעכער די פיזישע גאַנצקייט פון קינד, ווי זיין פּסיכישע גאַנצקייט. און דוקא די פיזישע גאַנצקייט פון קינד רופט אַרויס ביי די דערוואַקסענע אַ פאַרשטאַרקטע זאָרגפעלטיקייט.

און דאָס קינד נוצט אויס דידאָזיקע זאָרגפעלטיקייט אַלס נקמה־מאַטעריאַל קעגן די אים ליבנדיקע דערוואַקסענע.

ווען דאָס קינד טרוימט וועגן זיין קראַנק ווערן אָדער שטאַרבן, איז עס באמת נישט קיין אָנגריף קעגן זיך אַליין, נאָר אַן אָנגריף קעגן יענעם, ער קלאַפּט דורך אַזעלכע טרוימען אין די שוואַכסטע און עמפינדלעכסטע ערטער פון די יעניקע, צו וועלכע ער האָט אַ שנאה.

אין דעם זין האָבן די פריקינדערשע נקמה־געדאַנקען וועגן קראַנק ווערן, וועגן שטאַרבן א. אַ. וו. עפּעס סאַדיסטישעס אין זיך: דורך זעלבסטפּייניקונג ווערט געבראַכט אויך אַ זעלבסטצופרידנהייט, אַ סאַטיספאַקציע. „מיר איז גוט, ווייל מיר איז שלעכט"—דאָס איז דער שליסל צו דעם פּסיכאָלאָגישן רעטעניש, דער נאָמען פון וועלכן ס'איז „נקמה-געדאַנקען".

ווען אין צעהיצטן מוח פון אַ באַליידיקטן קינד טראָגט זיך דורך דער שאָטן פון אַ באַדראָענדיקן: „איך וועל קראַנק ווערן, איך וועל שטאַרבן" א. אַ. וו., איז דער צווייטער, דער אים באַגלייטנדיקער שאָטן אַזאַ: „און זאָלן זיי וויסן!"—זיי, די אונטערדריקער, די באַליידיקער, די יעניקע, וואָס האָבן די שלעכטע נקמה־געדאַנקען פאַרארזאַכט. „איך וועל שטאַרבן" דאָס איז די ערשטע העלפט פון דעם נקמה־געדאַנק און „זאָלן זיי וויסן, וואָס וועלן זיי דאַן טאָן?"—איז די גלייכצייטיקע צווייטע העלפט, די דערגאַנצונג צום זעלביקן נקמה־געדאַנק. ביי אַ באַליידיקטן קינד, וועלכער שפּינט אין זיין פאַנטאַזיע די פעדים פון נקמה־געדאַנקען, וועלכער לאָזט דורך זיין שנאה דורך דעם פילטר פון שרעקלעכע נקמה-פּלענער איז דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט, וואָס דערגייט ביז די מינדעסטע דעטאַלן, אָפּגעגעבן דוקא נישט זיך, דעם „אונטן", נאָר יענעם, דעם „אויבן": וואָס וועלן זיי דאַן טאָן? ווי אַזוי זיי וועלן וויינען און חרטה האָבן? א. א. וו.

אויב דער געדאַנק וועגן נקמה־אַקט אַלס אַזעלכן איז געריכטעט קעגן יענעם, איז דער רעזולטאַט פון נקמה־אַקט שוין געריכטעט קעגן זיך, אויב אין ערשטן איז אַנטהאַלטן נקמה קעגן יענעם, איז אין צווייטן שוין אַנטהאַלטן סליחה קעגן זיך: פון יענעמס חרטה,

אילוזאָרישע הרטה, חרטה אויפֿן סמך פֿון פֿאַנטאַסטישער אויפֿבויאונג) איז אַ קאָמפּענסאַציע קעגן דער באַליידיקונג, אַ ווידערשטעלונג פֿון אַראָפּגע־זעצטן פּערזענלעכקייטס־געפֿיל, אַ באַקעמפֿונג פֿון דער מינדערווערטיקייט.

אין דעם פּרט איז פֿאַראַן אַ סך ענלעכעס צווישן די נקמה־געדאַנקען פֿון קינד און זעלבסטמאָרד־געדאַנקען פֿון דערוואַקסענעם. די זעלבסטמאָרד־געדאַנקען ביי די לעצטע זיינען דאָך אויך אין תּוך—ווי פּאַראַדאָקסאַל ס'זאָל נישט קלינגען—נישט קיין קעגנזאַץ צום לעבנס־ווילן, נאָר דווקא אַ העפֿטיקער אויסדרוק פֿון לעבנסווילן גופֿא. און זעלבסטמאָרד־געדאַנקען פֿון דערוואַקסענעם איז פֿאַראַן מער בענקשאַפֿט, מער דראַנג צום לעבן, ווי רייסן זיך פֿון לעבן. אויסגענומען פֿון דעם כּלל איז בלויז יענע קאַטעגאָריע פֿון זעלבסטמערדער, ביי וועלכע דער זעלבסטמאָרד איז אַן אַקט פֿון גלייכגילטיקייט. געוויינלעך אָבער איז דער זעלבסטמאָרד אַן אַקט נישט פֿון פּאַסיוויטעט, נישט פֿון פּאַטאַלאָגישער מהיכי־תּיתיקייט („מ'פֿוילט זיך צו לעבן"), נאָר דווקא אַן אַקט פֿון געשטייגערטער, אפֿשר גרעסטער אַקטיוויטעט. דורך געדאַנקען און טאַטן פֿון זעלבסטמאָרד קומט מען צו קאָמפּענסירן געוויסע מיסערפֿאָלגן אין לעבן, דורך זיי וויל מען די מיסערפֿאָלגן באַרעכטיקן, די זיג־זאַגן אויסגלייכן.

אַז מ'האַקט איבער דעם שנור, וואָס פֿאַרבינדט מיטן לעבן, איז דאָך אַ סימן, אַז אַ פֿאַרבינדונג מיטן לעבן איז פֿאַראַן, און וואָס שטאַרקער די פֿאַרבינדונג איז, אַלץ שטאַרקער די טראַגישקייט פֿון איבערהאַקן די פֿאַרבינדונג.

און דעריבער זיינען זעלבסטמערדער טאַקע די שטאַרקסטע, די אומברחמנותדיקסטע עגאָיסטן. דער זעלבסטמאָרד איז באמת אַן אויסדרוק נישט פֿון מיזאַנטראָפּיע, נאָר פֿון אַ טיף־רירנדיקער ליבע צום לעבן, צו זיך, צום אייגענעם לעבן

ווייל אין די זעלבסטמאָרדן פֿון דערוואַקסענעם איז אויך דאָס רוב אַנטהאַלטן דער אינטריגירונגס־מאָמענט, די נייגעריקייט וועגן דעם, ווי אַזוי אויפֿן אַקט וועט רעאַגירן דער יעניקער, צוליב וועלכן ס'זיינען געקומען די זעלבסטמאָרד־געדאַנקען, „וואָס וועט יענער זאָגן?" ווען מיר זאָלן נעמען די פֿאַרזעלבסטמאָרד־צעטלען, וועלן מיר זען—ווי ס'האָבן אַ סך מאָל באַשטעטיקט די זעלבסטמאָרד־סטאַטיסטיק־פֿאָרשער, אַז די

נקמה איז דער דאָמינירנדיקסטער מאָטיוו אין זיי. פון די צעטלען, וועלכע זעלבסטמערדער לאָזן איבער—דער פאַקט גופא פון איבערלאָזן צעטלען איז דאָך אַן איבעריקע באַשטעטיקונג צו דער זעלביקער הנחה וועגן די נקמה אַלס דאָמינירנדיקער מאָטיוו, וואָרום די אַלע צעטלען זיינען דאָך אויסגערעכנט אויסשליסלעך פאַר יענעם, וואָרום וואָס פאַר אַ באַדייטונג קענען האָבן פאַר דעם זעלבסטמערדער גופא די אינטערעסן פון די אין לעבן פאַרבליבענע?—זעט מען, אַז דער זעלבסטמאָרד האָט אַממערסטן, אויב נישט שטענדיק, בדעה די אייגענע סאַטיספאַקציע, די פאַרענטפערונג פאַר זיך אַ סך מער, ווי דער אָנגריף קעגן יענעם, און אַז אַפילו אין דעמדאָזיקן אָנגריף קעגן יענעם איז דאָס בולטסטע, דאָס וועזנטלעכסטע ווידער אַמאָל דאָס עגאָצענטרישע, די סליחה פאַר זיך אַליין.

אַ זעלבסטמאָרד פון אַ דערוואַקסענעם דאַרף, פסיכאָלאָגיש גענומען, אַלזאָ באַטראַכט ווערן נישט אַזוי אַלס אַקט פון לעבנסאומפעיקייט, ווילן צום לעבן זעט מען ביי די אַוועקגייענדיקע פון לעבן דוקא אין אַ גרויסער, אין אַ שטאַרק געשטייגערטער מאָס.

און נאָך אַ פּרט מאַכט די זעלבסטמאָרד־געדאַנקען פון די דערוואַקסענע ענלעך צו די זעלביקע ביי קינדער. דער זעלבסטמערדער־דערוואַקסענער איז באמת אַ קינד, אַ צוריקגעוואָרענער קינד. זעלבסטמאָרד־געדאַנקען ביים דערוואַקסענעם הייסן דאָך באמת אַן אומקער צום קינדישן, אַ פאַרקערטע קעגן סדר אומוואַנדלונג פון דערוואַקסענעם אין אַ קינד.

פון וואַנען נעמען זיך די זעלבסטמאָרדן, ווי די זעלבסטמאָרד־געדאַנקען אויב נישט פון אָנערקענטער מינדערווערטיקייט, פון אַראָפּגעזעצטן פערזענלעכקייטס־געפיל, און יעדע מינדערווערטיקייט, יעדע אַראָפּזעצונג פון פערזענלעכקייטס-געפיל איז „בלוט פון בלוט און פלייש פון פלייש” פון אָרגאַניש־קינדישן

און אַז זעל'בסטמאָרד און זעלבסטמאָרד־געדאַנקען זיינען אַן אויסדרוק פון אָרגאַניש־קינדישן, זעט מען טאַקע פון דעם, וואָס אַזעלכע געדאַנקען פאַרנעמען דעם הויפּט-פלאַץ צווישן דער מערערער נקמה־גרייטקייט פון קינד אין זיין פריסטן עלטער, אין מאָמענט פון זיין גרעסטער מינדערווערטיקייט.

אויף דער פראַגע פון זעלבסטמאָרד־געדאַנקען און זעלבסטמאָרדן ביי קינדער שטעלט זיך באַזונדערס אויספירלעך אָפּ די קינדער־פּסי־כאָלאָגיע. די דערמאָנטע פראַגע האָט אַ גאַנץ גרויסע און פאַרצווייג־טע ליטעראַטור. *)

מ׳דאַרף אין דער פראַגע אָפּטיילן זעלבסטמאָרד־געדאַנקען פון זעלבסטמאָרדן גופא ביי קינדער. די זעלבסטמאָרד-געדאַנקען אין צוזאַמענהאַנג מיט באַליידיקונגען מצד די שטאַרקערע און מערווער־טיקערע, ווי דער שטרייַנגער פאָטער, שלעכטער לערער א. אַ. וו. זיינען, ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אַ זייער פאַרשפרייטע דערשיינונג אין פריקינדערשן דעבן און בילדן איינע פון די גע־ברויכבאַרסטע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס אין קאַמף פון קינד מיט זיין מינדערווערטיקייט

אפשר איז די סיבה פון דער צו אָפטער באַנוצונג מיט זעלבסט־מאָרד־געדאַנקען גראָד דאָס, וואָס קינדער באַגרייפן נישט דעם טויט, אַלס עטוואָס שרעקלעכעס פאַר זיך (דערדאָזיקער באַגריף פעלט, אגב, ביי אַלע זעלבסטמערדער.) און זיי נעמען פון טויט נאָר דאָס, וואָס ס׳וואָלט געקענט באַדייטן נישט פאַר זיך נאָר פאַר יענעם. דער זעלבסטמאָרד־געדאַנק איז אַ נקמה־געדאַנק, און ווי יעדער נקמה-געדאַנק איז ער אויפגע־

---

*) דאָס איז בלויז אַ קורצע ביבליאָגראַפיע פון דער ספּעציעל׳ער ליטעראַטור וועגן דער פראַגע:

1. Baer: Der Selbstmord in Kindersalter, 1901.

2. Budde: Schulerselbsimorde, 1908.

3. Gullenburg: Schulerselbtmorde, 1909.

4. Gerhardt: Über die Schulerselbstmorde, 1909

5. Siegert: Kinderselbstmorde, 188?.

6. Dr. Neter: Der Selbstmord in Kindlichen und Jugendlichen Alter, 1910.

7. Albert Ehllenburg: Schulerselbtmorde „Zeitschrift für Päd. Psychologie, Pathologie und Hygiene“, IX Jahrgang.

Gurlitt: Schulerselbstmorde, 1903.

שטעלט פון צוויי עלעמענטן: א) נקמה קעגן יענעם און ב) סליחה קעגן זיך.

ביידע עלעמענטן קען מען געפינען אויך אין דער העכסט־קאמפליצירטער איבערלעבונג פון יעדן קרבן פאַר אַן אידעע. (דאָס קינד, וועלכער טרוימט וועגן זעלבסטמאָרד איז דאָך אויך אַ קרבן פאַר אַן אידעע: די אידעע צו קאָמפּענסירן זיין מינדערווערטיקייט), באַזונדערס אין די איבערלעבונגען פון די אָפּגעמשפּטע צום טויט פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס.

ס׳איז דאָך באמת אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש: פון וואַנען נעמט זיך עס די באַגייסטערונג ביי די צום טויט אָפּגעמשפּטע פּאָליטישע פאַרברעכער? די באַקאַנטע פאַראַכטונג צום טויט? ביי זיי איז דאָך געווען נישט גילטיק די מיזאַנטראָפּיע, זיי זיינען דאָך דורכגעדרונגען, פאַרקערט, מיט אַ געשטייגערטער און אינטעסיפיצירטער ליבע צום לעבן און צו מענטשן, זייערע אַלע אָנשטרענגונגען זיינען דאָך געווען געווידמעט דוקא דער פאַרבעסערונג פון לעבן, היינט ווי אַזוי קענען זיי עס זיין גלייכגילטיט צום טויט, וועלכער רייסט זיי אויף שטענדיק און אינגאַנצן אַרויס פון דעמדאָזיקן לעבן?

וואָלטן זיי, לכל הפחות, געגלויבט אין השארת־הנפש און טראַנסידענטאַליטעט, אין אַן אַנדער לעבן פאַר זיך נאָך דעם טויט. זיינען זיי דאָך אָבער, פאַרקערט, דאָס רוב רעליגיאָנסלאָזע, נאָך מער: זיי האַלטן די רעליגיעזהייט פאַר אַ שטערונג אין קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן, ווייל די רעליגיע האַמעוועט דעם קאַמף, ווייל די רעליגיע קאָנסערווירט און שטעלט אָפּ דעם דראַנג צו בעסערונג.

דער טראַגיזם פון אַטעאיסטישע אָפּגעמשפּטע צום טויט איז דאָך נישט פאַרגלייכלעך גרעסער, ווי דער טראַגיזם פון די רע־ליגיעזע מאַרטירער, צווישן די „עשרה הרוגי מלכות" און אַ פּאָלי־טישן קרבן איז דאָך אַ גרויסער אונטערשייד: די ערשטע האָבן ווי־הין צו גיין פון ערדישן לעבן, פאַר זיי איז דער טויט בלויז אַ טראַנספאָרמאַציע פון לעבן, זיי מאַכן נאָך, פאַרקערט, דורך דעם טויט אַ בעסערן טויש, ווייל פון אַן ערדישן לעבן גייען זיי אַריבער צו אַ מער פאַרפולקאָמטן, הימלישן לעבן. די צווייטע אָבער האָבן

דאָך נישט קיין „וווהין״, זייער גאַנצער און איינציקער אינהאַלט איז דאָך דאָס ערדישע לעבן, היינט פון וואַנען נעמט זיך זייער גלייכגילטיקייט, אַפילו פאַראַכטונג צום פאַקט פון זייער אַוועקגיין פון דעם איינציקן לעבן? — פאַר די ערשטע איז דער טויט אַ קאָמפּענסאַציע, יאָ אָבער קיין פיקציע נישט, דער טויט איז פאַר זיי אַ קאָמפּענסאַטאָרישער, געלייטערטער אמת, אין דער צייט, ווען פאַר די צווייטע איז די קאָמפּענסאַציע פון טויט אַ פיקטיווע, אַן אילוזאָרישע, פון וואַנען־זשע נעמט זיך די קראַפט פון זייער אילוזאָרישקייט?

די ערשטע קומען זייער מינדעווערטיקייט אויסצופילן מיט אַ פּאַקטישער פולווערטיקייט פאַר זיך, מיט וואָס אָבער קומען די צווייטע אויסצופילן זייער מינדערווערטיקייט? — מוז מען קומען צום איינציקן אויספיר:

דאָס איז די קראַפט, די אָפּגאַרערישע, פאַרבלענדנדיקע קראַפט פון אַקאָמפּענסאַטאָרישער פיקציע, די קראַפט, וואָס גיט זיך אַליין צו דעם כאַראַקטער פון ווירקלעכקייט.

און דידאָזיקע קראַפט פון אילוזיע, פון דער אומוואַנדלונג פון פיקציע אין ווירקלעכקייט פאַרגלייכט טאַקע די אידעאַליסטן מיט די קינדער־זעלבסטמערדער, די אמונה פון אידעאַליסט, זיין זעלבסטאָפּפערישקייט איז טאַקע דאָס קינדישע אין אים. אין דעם קינדס געדאַנקען וועגן זעלבסטמאָרד איז בעצם פאַראַן נישט קיין מאָרד פאַר זיך, ווי עס באַדייטעט דאָס וואָרט, נאָר אַ מאָרד פאַר יענעם, אַ נקמה־אַקט קעגן דעם פון אויסן שטייענדיקן, אַ נקמה פון „אונטן״ קעגן „אויבן״. און אויב אין קינדערשן זעלבסטמאָרד געדאַנק איז שוין יאָ עפּעס אַנטהאַלטן פאַר דעם קינד אַליין, איז עס נישט קיין טויט, נאָר דוקא אַ געשטאַרקטער, אַ געשטייגערטער לעבן, אַ נייער און קאָמפּענסירטער לעבן.

און אַז די זעלבסטמאָרד־געדאַנקען זיינען נישט נאָר קיין דראָונג, נישט בלויז קיין אָפּנאַרעריי פאַר יענעם, נאָר דוקא אַ זעלבסטאָפּנאַרעריי, קען מען טאַקע זען פון דעם, וואָס אָפט גייען די געדאַנקען אַריבער אין דער ווירקלעכקייט, וואָס אָפט ווערן די געדאַנקען פאַרביטן מיט אוממיטלבאַרער פאַרווירקלעכונג.

דער פאַקט פון זעלבסטמאָרדן צווישן קינדער פאַרנעמט שוין

לאַנג די אויפמערקזאַמקייט פון דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע, און נישט דערפאַר, וואָס ס׳גייט אין גורל פון באַשטימטע קינדער־קרבנות, נאָר דערפאַר וואָס ס׳גייט אין גורל פון דער גאַנצער קינדהייט, אַלס אַזעלכע. אין די קינדערזעלבסטמאָרדן זוכט מען—און מיט רעכט— אַ שליסל צו דער רעטעניש פון קינד, אַלס אַזעלכן.

יעדעס קינד איז אַ זעלבסטמערדער אין פּאָטענץ, ווייל יעדעס קינד ליידט פון מינדערווערטיקייטס־געפיל און נייטיקט זיך אין אַ קאָמפּענסאַטאָרישער פיקציע אין זיין קאַמף מיט דער מינדערווערטיקייט.

די באַשטימטע פאַלן פון קינדערזעלבסטמאָרדן גיבן אונז די מעגלעכקייט צו משפטן וועגן דער סיבה, וואָס איז אַלגעמיין פאַר אַלע פאַלן: וועגן דעם איבערמאָסיקן פריקינדערשן פערזענלעכקייטס-געפיל.

און פון דעם שטאַנדפונקט זיינען די קינדערשע זעלבסטמאָרדן אַן ערשטראַנגיק־וויכטיקעס פּראָבלעם פאַר דער גרונטלייגנדיקער קינדער־פּסיכאָלאָגיע.

בעצם איז דער אונטערשייד צווישן זעלבסטמאָרד־געדאַנקען און זעלבסטמאָרד־טאָטן נישט אַזוי גרויס, ווייל דער קינדערשער געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד איז, אין תוך גענומען, שוין אַ שטיק זעלבסטמאָרד גופא, ווייל ביי קינדער איז דאָך נישט פאַראַן קיין דיסטאַנץ צווישן „דענקען" און „טאָן", צווישן „אומר" ו„עושה", ווייל ווען דאָס קינד דענקט וועגן זעלבסטמאָרד, שטעלט ער זיך פאָר די זאַך אין אַלע פּרטים און דאָס „דענקען" איז פאַר אים שוין גופא אַ „פאַקט". דער געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד איז ביים קינד אַן אמת, פונקט אַזאַ אמת, ווי יעדער אַנדערער אינהאַלט פון קינדערשן פילן, פון קינדערשן פאָרשטעלן און דענקען. אָבער גאַנץ אָפט גייט דער געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד אַפילו אַריבער פון פאַנטאַזיע-אמת, פון דענקען־ און פילן־אמת אין אַווירקלעכקייט־אמת.

באַערס טאַבעלע וועגן דער פאַרהעלטניס פון קינדער־זעלבסט־מאָרדן צו דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער אין פּרייסן (פאַר די יאָרן פון 1873 ביז 1894) ווייזט אונז אַ שוידערלעכן פאַקט: די צאָל, די אַבסאָלוטע צאָל פון קינדער־זעלבסטמאָרדן האַלט זיך אין איין פאַרגרעסערן. אויף די שוואַרצע און באמת רירנדיק־טראַ־

גישע טאָוולען פון קינדערשע זעלבסטמאָרדן געפינען זיך אויך פאַלן, ווען זעלבסטמערדער זיינען קינדער אפילו פון פריסטן עלטער, פון 5 - 4 יאָריקן עלטער אָן. וואָס ס'איז נוגע די סיבות פון קינדערשע זעלבסטמאָרדן, איז באַזונדערס באַלערנדיק די טאַבעלע פון Morselle, לויט וועלכער אויף יעדע 1000 קינדער־זעלבסטמאָרדן (ביז 15 יאָריקן עלטער) אין פרייסן אין משך פון 1872—1869 זיינען די סיבות פאָלגנ־דיקע:

	מאָטיוון	ייִנגלעך.	מיידלעך.
1.	אומבאַקאַנטע מאָטיוון	433,3	318,2
2.	גייסטיקע קראַנקהייט	116,7	45,4
3.	בושה, געוויסנביסע	300,0	40,1
4.	ליגן	58,4	90,9
5.	פאַרדרוס	25,4	—
6.	ליידנשאַפט	41,7	—
7.	טרויער	8,3	—
8.	קומער	8,3	90,9

א. אַ. ו. *)

מ'קען זיכער די גרעסטע צאָל פון דער רובריק: „אומבאַקאַנטע מאָטיוון" אויך צורעכנען צו אַזעלכע, וועלכע זיינען אַ בפירושער אויסדרוק פון מינדערווערטיקייטס־געפיל, פון אַראָפּגעזעצטן פערזענ־לעכקייטס־געפיל. אָבער שוין אויסער דערדאָזיקער רובריק זיינען דאָך אַלע איבעריקע, אויסער איינאיינציקער, „גייסטיקע קראַנקהייט" (ביי וועלכער, אגב, די מינדערווערטיקייט האָט אַן אומבאַדינגט וויכטיקע באַדייטונג), דירעקטע אויסדרוקן און רעזולטאַטן פון מינדערווערטיקייט.

אַז די מאָס פון מינדערווערטיקייטס־געפיל שפּילט ביי די קינ־דערשע זעלבסטמאָרדן אַ ראָל, איז אויך צו זען פון באַערס אינטע־

---

*) די טאַבעלע פון פרייסישן בילדונגס־מיניסטעריום וועגן די קינדערשע זעלבסטמאָרדן און זייערע מאָטיוון פאַר די יאָרן 1903—1883 גיבן אויך דיזעלביקע רעזולטאַטן. זע ביי Wulffen.

רעסאַנטער פעסטשטעלונג, אַז די צאָל פון שילער־זעלבסטמאָרדן איז אין די פאָלקסשולן מיט אַ 1/4 העכער, ווי אין די העכערע שולן. די סיבה פון דעם איז אַ צווייענדיקע: ערשטנס זיינען אין די פאָלקסשולן די אָרימסטע קינדער, אַלזאָ די יעניקע, וועלכע ליידן פון מינדערווערטיקייט אַממערסטן, און צווייטנס זיינען אין די פאָלקסשולן די ייַנגערע קינדער, וועלכע ליידן וויז׳ער אַמאָל פון דער מינדערווערטיקייט שטאַרקער, ווי די עלטערע קינדער פון די העכערע שולן, יענע קינדער וועלכע זיינען שוין האַלב־דערוואַקסענע און שוין באַוויזן צו באַקעמפן די מינדערווערטיקייט.

דר. נעטער ווייזט אָן, אַז די הויפּט־סיבה פון די קינדערשע זעלבסטמאָרדן איז די געפאַלענע אַכטונג פאַר אויטאָריטעטן. דאָס זאָל אָבער גלייכצייטיק באַדייטן נישט נאָר דאָס פאַלן פון אויטאָריטעט, ווי דער ווידערשטאַנד קעגן אויטאָריטעט.

די אָנערקענונג פון דער דיכטאַנץ, וואָס צווישן זיך און אויטאָריטעט, אַלס דיסטאַנץ צווישן „אונטן" און „אויבן", איז די נייטיקייט צו קאָמפּענסירן, צו אויספילן דידאָזיקע אָפּשיידונג־דיסטאַנץ.

ס׳איז קיין ספק נישט, אַז די קינדערשע זעלבסטמאָרדן נעמען זיך איינאיינציק פון קינדערשן ווונטש צו באַקעמפן זייער מינדערווערטיקייט.

און ס׳לאָזט זיך אורטיילן:

ווי ווייטיקדיק דאַרף זיין דער מינדערווערטיקייטס־געפיל פון קינד, ווי שאַרף און זיך איינשניידנדיק דאַרפן זיין די צוואַנגען־שפּיצן פון ז׳ער מינדערווערטיקייט, ווי טיף דאַרפן זיין די שפּורן, וואָס דער מינדערווערטיקייטס־געפיל לאָזט אין דער פּריקינדערשער פּסיכיק, ווען די קינדער מוזן אַלס קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע, אַלס קאַמפּס־מיטל קעגן דערדאָזיקער מינדערווערטיקייט אָנקומען צו אַזעלכע שרעקלעכע מיטלען, ווי צו זעלבסטמאָרדן!—

פון דעם אַלעם געזאָגטן וועגן די קאָמפּענסאַטאָריש׳ע פיקציעס ווערט קלאָר איין הויפּטזאַך:

די פיקציע איז אַן אומבאַדינגט נייטיקער געווער אין קאַמף מיט דער מינדערווערטיקייט. אַמאָל איז די פיקציע שוואַכער, אַמאָל איז זי שטאַרקער, דאָס הייגט אינגאַנצן אָפּ

פון דער קראַפט פון מינדערווערטיקייטס־געפיל.

דער אויסוואַל פון אָפּוואַר־מיטלען איז אָפּהייַנגיק פון דער סכנה, וואָס נעטער דאָס קינד געפינט זיך צום דערוואַקסענעם, וואָס ווייניקער קינדישעס ס'פאַרבלייבט אין קינד, וואָס מער ער באַהערשט די אומגעבונג, אַלץ וויניקער ווערט די עצם נייטיקייט אין קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס, אַלץ שוואַכער ווערן די דאָזיקע פיקציעס גופא.

די פיקציע אַלס אַזעלכע–אין אַ גרעסערער אָדער אין אַ קלענערער מאָס–אַלץ איינס–איז אָבער שטענדיק נייטיק.

און מ'קען זאָגן:

די גאַנצע קינדערשע אַנטוויקלונג איז די באַוועגונג אין טויש פון פיקציעס. די פיקציעס טוישן זיך אין אַ פאַרקערטער, קעגנזעצלעך-פּראָפּאָרציאָנעלער ריכטונג צו דער אַלגעמייגער אַנטוויקלונג פון קינד:

די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון קינד גייט „מן הקל אל הכבד", פון וויניקער קאָמפּליצירטן, צום מער קאָמפּליצירטן. די אַנטוויקלונג פון די פיקציעס אין פריקינדערשן עלטער, פאַרקערט, גייען „מן הכבד אל הקל", פון קאָמפּליצירטערע, מער אָפּנאַרערישע צו מער ווירקלעכע פיקציעס.

פערטער קאַפּיטל:

די קאַפּיטולאַציע פון קינד פאַר דעם דערוואַקסענעם.

ראשי־פרקים:

1) דויערהאַפטיקייט פון קינד און דערוואַקסענעם. זעלבסטפאַרטיידיקונג און זעלבסט־פאַרטיליקונג פון קינד. 152

2) די אויפגאַבע פון דערציער אין דעמדאָזיקן קאַמף. וואָס איז טייטש: אינדיווידואַליזאַציע פון דערציונג? 156

3) אויפן שייד־וועג צווישן פערזענלעכקייטס־געפיל און פערזענלעכקייטס־אראָפזעצונג. סיבה פון קינדס מאַרטירערטום. קינדהייט און קולטור. 160

4) בהדרגהדיקע קאַפּיטולאַציע פון קינדערשן „אונטן" קעגן דערוואַקסענעמס „אויבן"־סכעמע. 164

5) מאַכטטריב פון קינד אַלס אויסוועג פון פערזענלעכקייטס־געפיל. 166

6. די נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם אַלס אויסדרוק פון קינדס קאַפּיטולאַציע:

א) פאַרטיילונג פון דער נאָכמאַכונג לויט אירע באַשטאַנד־טיילן. אונטערשייד צווישן געוויינלעכער נאָכמאַכונג און קינדערשער נאָכמאַכונג. 175

ב) פאַרגלייכס־סכעמע פון דער געוויינלעכער און קינדערשער נאָכמאַכונג. 176

ג) דעם קינדס אויפפאַסונג. רוים־דימיסיאָן ביים קינד. באַזונדערע סטאַדיען אין דער אומגעבונג־אויפפאַסונג פון קינד. סכעמע. 190

ד) נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם אין דער קינדער־שפּיל און אין דעם קינדס פאַנטאַזיע. 195

ה) די נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם אין דער שפּראַך־אַנטוויקלונג ביים קינד. 201

ו) נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם אין דער כאַראַקטער־בילדונג פון קינד. 208

ז) נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם אין דער ווילן־אַנטוויקלונג ביים קינד. 211

7) רעזיומע און אויספירן. 215

מיר האָבן שוין אויבן פעסטגעשטעלט, צווישן איבעריקן, צווייפאַר אונז וויכטיקע הויפּט־אמתן: א. קינד און דערוואַקסענער זיינען צווישן זיך פאַרבונדן נישט בלויז דורך רעלאַטיוועד פאַרהעלטניס פון נישט גלייכער כמות, נאָר זיינען קעגנגעשטעלט איינער דעם אַנדערן דורך אַן אַבסאָלוט אַנדערער איכות; ב. שוין ביי דער ערשטער באַגעגניש פון קינד מיט דעם דערוואַקסענעם איז אומפאַרמיידלעך אַ צוזאַמענשטויס, אַ געוויסער קאַמף מיט צווייערליי טענדענצן פוןביידע קעגנערישע צדדים: באַהערשונגס־טענדענץ מצד דעם שטאַרקערן (דערוואַקסענעם) און זעלבסטפאַרטיידיקינגס־טענדענץ מצד דעם שוואַכערן (קינד.)

נישט געקוקט אויף דעם צו גרויסן אונטערשייד אין קאַמפּסמעגלעכקייטן ביי די צדדים, נישט געקוקט אויף דעם נישט פּראָפּאָרציאָנעלן איבערגעוויכט אין קראַפט פון דער באַהערשונגס־טענדענץ פון דערוואַקסענעם איבער דער זעלבסטפאַרטיידיקונגס־טענדענץ פון קינד, איז דאָך דער קאַמף פאַרהעלטניסמעסיק אַ ג אַ נ ץ ד ו י ע ר נ ד י ק ע ר. די גאַנצע קינדערשע אַנטוויקלונג, דער גאַנצער פּעריאָד, וואָס טיילט אָפּ דאָס קינד פון דעם אויסגעפאַרטיקטן, פאַרענדיקטן דערוואַקסענעם, דער גאַנצער פּעריאָד מיט אַלע זיינע פאַרטיילונגען אויף סוב־פּעריאָדן און עלטער־שטופן: פרישטע קינדהייט, שפּעטערע קינדהייט, האַלבדערוואַקסנקייט, פּובערטעט, יוגנטלעכער עלטער וכדומה, שטעלט, אין תוך אַריין, מיט זיך פאָר נאָר דעם דויער פון קאַמף, וועלכער ווערט געפירט צווישן קינדישן אין קינד און דערוואַקסענעם אויסער דעם קינד.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס דאָס קינד ווערט נישט קיין דערוואַקסענער כהרף עין, נאָר מוז דורכמאַכן אַ ריי פּאָרעטאַפּן, מוז זיך בהדרגהדיק דערנעענטערן צום דערוואַקסענעם, מוז אומבאַדינגט דורכמאַכן אַן אומציילִיקע ריי פון באַזונדערע אומוואַנדלונגען, דער פאַקט אַליין דינט אַלס איבערצייגנדיקע באַשטעטיקונג צו דער הנחה וועגן דער פאַרביטערטקייט פון קאַמף.

ס'איז קיין ספק נישט, אמת, אַז דאָס קינדס וואַקסן באַדייטעט אַ כסדרדיקן אָפּזאָגן זיך פון אייגנטלעך־קינדישן און כסדרדיקן איבערנעמען די פרעמדע אייגנשאַפטן פון דערוואַקסענעם. דערביי אָבער

קען דער פּראָצעס גופא פון כסדרדיקן איבערגיין פון קינד אין דער־וואַקסענעם באַטראַכט ווערן פון צוויי שטאַנדפּונקטן: איינער איז מער גינסטיק פאַר דעם קינד דער אַנדערער ווייניקער גינסטיק פאַר אים, אין זין פון פאַרהיטן זיין אורוועלט, זיין אייגנטלעך־קינדישן וועזן.

מ׳קען זאָגן, אַז דער לאַנגער פּראָצעס פון קינדערשער אומ־וואַנדלונג אין דערוואַקסענעם נעמט זיך כּון אַ פּאָזיטיוון פאַר דעם קינדישן אורוועלט מאָמענט, פון זיין עקשנותדיקן פאַרטיידיקן זיין אייגנטימלעך־קינדישעס, פון זיין נישט וועלן זיך אונטערגעבן, פון זיין נישט וועלן איבערגעבן דעם קעגנער די קלענסטע אייגענע פּאָזיציע אָן ווידערשטאַנד. אָבער דער דויער פון דער אומוואַנדלונג נעמט זיך, פאַרקערט, פון אַ נעגאַטיוון פאַר דעם קינדערשן אורוועלט מאָמענט, פון דעם, וואָס דער שטאַרקער ווילן שטויסט זיך אָן אויף נאָך אַ שטאַרקערן נישט קאָנען זיך אונטערצוגעבן, פון אַ נישט קאָנען זיך שנעל אָפּרייסן פון די אייגענע פּאָזיציעס.

ס׳איז, אַלזאָ, אַ פראַגע פון אָפּשאַצן מער דעם לויטימאָטיוו פון קינדישן קאַמפּסווילן, ווי כּון אָפּשאַצן דעם לויטימאָטיוו פון קינדס קאַמפּספּעיקייט און קאַמפּסגרייטקייט, ס׳איז מער אַ סוביעקטיווע פראַגע, ווי אַן אָביעקטיווע.

לויט איין נוסח וועט אויסקומען, אַז דעם קינדס אָנשטרייננגונ־גען אין זיין קאַמף מיט דעם דערוואַקסענעם נעמט זיך בעיקר פון זיין אַקטיווער זעלבסטפאַרטיידיקונג, לויט דעם צווייטן נוסח וועט אויסקומען, אַז די אָנשטרייננגונגען גייען, פאַרקערט, אויף צו ליקווי־דירן די אויפגעצווונגענע פּאַסיוויטעט פון ווידערשטאַנדספּעיקייט. לויט איין נוסח וואָלט אויסגעקומען, אַז דאָס מאַרטירערטום פון דער קינד־הייט נעמט זיך פון באַשווערטער זעלבסטאָפּהיטונג, לויטן צווייטן נוסח, פאַרקערט, אַז דאָס מאַרטירערטום נעמט זיך פון באַשווערטער זעלבסטפאַרניכטונג, פון באַשווערטער קאַפּיטולאַציע־מעג־לעכקייט. לויט איין נוסח, איז דער קאַמף פון קינד אַ קאַמף מיט דעם דערוואַקסענעם, קעגן דעם דערוואַקסענעם, לויטן צווייטן נוסח איז ער אַ קאַמף פאַר דעם דערוואַקסענעם, צו דעם דערוואַקסענעם.

איין זאַך איז אָבער דערפאַר אויסער יעדן ספק אַלגעמיין פאַר ביידע אָנגעוויזענע אויפפאַסונגען: אין קאַמף פון קינד איז פאַראַן

אַן אומבאַזיינגט גרויסע, אומגעהויערע אָנשטריינגונג, אין קאַמף איז אַנטהאַלטן אַ שטאַרקע מאָס פון מאַרטירערטום.

און אָט דידאָזיקע אָנשטריינגונגען, דאָסדאָזיקע מאַרטירערטום מאַכט עס טאַקע דעם קאַמף פאַר אַ דויערנדיקן. אין די שווע־ריקייטן פון קאַמף גופא ליגט דער סוד פון זיין לאַנגקייט. ס׳איז בעזינטער און צוועקמעסיקער, פאַרשטייט זיך, דעם דויער פון שווערן קאַמף צו פאַרקלענערן, ווייל מיט דעם פאַרקלענערן פון קאַמפסדויער ווערט שוין ממילא אויך פאַרקלענערט דאָס מאַרטירערטום פון קינד.

אויב די אָפעראַציע פון קינדס אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם איז אַ ווייטיקדיקע, מוז ממילא יעדער קינדער־פריינט זיין פאַראינטע־רעסירט דעם ווייטיק מיט פלערליי זייטיקע מיטלען אָפצושוואַכן. דער ראַציאָנאַלסטער צווישן אַלע מיטלען איז אָבער ווי אין יעדער אָפּאָ־זיציע, דעם עצם דויער פון דער אָפעראַציע צו פאַר־קלענערן. און דאָס איז טאַקע די עובדה פון די דערציער: פאַר־קלענערן דעם דויער פון דעם קאַמף, פאַרקלענערן דעם דויער פון דער אומוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם. ס׳איז נישט דאָ דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף ענגערע פּעדאַגאָגישע און נאָך מער אויף פּראַקטישע, פּעדאַגאָגיש־דידאַקטישע פראַגן. ס׳מוז אָבער באַ־טאָנט ווערן, אַז די ראָל פון דערציער איז, לויט אַלע פאַרשיידנסטע שיטות און פאָרמולירונגען, שטענדיק די זעלביקע:

זען צו פאַרשנעלערן די אָפעראַציע פון דער קינדערשער אומ־וואַנדלונג אין דערוואַקסענעם, זען וואָס גיכער פון קינד אַ דערוואַק־סענעם צו מאַכן, מיטצוהעלפן דער אויסראָטונג פון די לעצטע רעשט־לעך פון אורשפּרינגלעך־קינדישן אין קינד און פאַרבייטן זיי מיטן אינהאַלט פון קאָנקרעטיזירטן, אויסגעפאָרמירטן דערוואַקסענעם.

לאָזן דאָס קינד אינגאַנצן פריי פון ווילקירלעכער דערציונג, לאָזן דאָס קינד פולשטענדיק אין רשות פון אַזוי גערופענער זעלבסט־דערציונג הייסט, אמת, נישט פאַראומעגלעכן די אומוואַנד־לונג פון קינד און דערוואַקסענעם, ווייל דידאָזיקע אומוואַנדלונג איז אַן אומפאַרבייטבאַרער באַפעל פון נויטווענדיקייט, פון לעבנסצוועק־מעסיקייט. דאָס קינד האָט גענוג איבערגענוג דערציער, ווען ער איז אַפילו דערווייטערט פון פּראָפעסיאָנעלע דערציער, דאָס קינד איז

אַרומגערינגלט מיט דערציערישע פּאַקטאָרן, ווען ער האָט אַפילו אַרום זיך נישט קיין דערציער־פּערזאָנען, דאָס קינד מוז סיי ווי סיי פאַרענדיקן מיט אַן אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם.

ס׳קען זיין אַ רייד גיכער וועגן אַ דערציער־לאָזיקייט ביים קינד, אַ מענטשן־דערציער לאָזיקייט, ווי וועגן אַ דערציונגס־לאָזיקייט.

די באַקאַנטע לעגענדע וועגן קינד, וואָס שלמה המלך האָט אויעקגעזועצט תיכּף נאָך זיין געבוירן אויף אַ בוים אין אַ וויסטן פעלד, און דאָס קינד האָט דאָך, דערגרייכנדיק רייפהייטס־עלטער, זיין באַ־שערטן באַקומען—איז אַ גוטע אילוסטראַציע צו דעם, אַז קיין דער־ציונגסלאָזיקייט איז נישט מעגלעך.

צו וואָס זשע זיינען נייטיק דערציער?

ביי אַ דערציונג אָן דערציער דאַרף די דערציונג גופא לענ־גער דויערן, דאַרף די אָפּעראַציע פון אומוואַנדלונג אין דערוואַקסע־נעם, פון באַהעפטונג צום אַרומיקן לעבן זיין אַ ווייטיקדיקערע, דאַרף ער פּראָצעס זיין אַ שווערער, אַ מער מאַרטירערישער.

דער דערציער איז באַרופן דעם פּראָצעס צו פאַרשנעלערן, די אָפּעראַציע צו פאַרגיכערן—אין דעם איז אַלץ געזאָגט וועגן די אויפ־גאַבן און ראָל פון דערציער.

אומווילקירלעך—דער אויסדרוק: „אומווילקירלעך” דאַרף אויך נאָר רעלאַטיוו פאַרשטאַנען ווערן, „אומווילקירלעך” אין אַבסאָלוטן זין איז גאָרנישט פאַראַן, ווייל די דערציערלאָזע סביבה איז דאָך, ווי געזאָגט, פאַרן קינד פאָרט אַ דערציונגס־סביבה, ד. ה. אַ ווילקיר־סביבה, „אומווילקירלעך” ווערט באַנוצט בלויז אין שייכות צו די פאָרויסבאַשטימטע טרעגער פון ווילקיר, אָבער נישט צום עצם פאַקט פון ווילקיר—אומווילקירלעך קען די אומוואַנדלונג לענגער זיך ציען, ווי דאָס וואָלט געווען ביי אָנווענדונג פון ווילקירלעכן, און דעריבער איז נייטיק דאָס ווילקירלעכע פון דערציער, כּדי דער דויער פון דער אומוואַנדלונג צו דערפירן ביז מינימום.

די ראָל פון דערציער איז, אַזוי אַרום, אַ בפירושע ראָל פון ווילקיר.

ס׳קומט פאָר אַ געראַנגל צווישן קינד און דערוואַקסענעם, מוז

דער געראַנגל, כּדי ער זאָל זיין אומשעדלעך, ווייניקער שעדלעך און ווייטיקדיק, פאַר דעם שוואַכערן אָנטיילנעמער אין געראַנגל (פאַרן קינד) האָבן אַ רעגולירונגס־אויג פון אַן אַרביטער. דער דערציער איז עס דערדאָזיקער אַרביטער.

אָבער אין אונטערשייד פון געוויינלעכע אַרביטערן מוז דער דערציער־אַרביטער נישט זיין אָביעקטיוו, קען ער נישט און טאָר זיך נישט באַגרענצן בלויז מיט נאָכקוקן, מיט זיין אַן אָפּהיטער פון געזעצן, וועלכע זאָלן שטעלן ביידע אָנטיילנעמער אין אַ גלייכער לאַגע. ער דאַרף נישט מיטהעלפן דווקא דער אומבאַזיגבאַרקייט פון ביידע נאָר דווקא פאַרקערט: ער דאַרף זיך אַריינמישן אין געראַנגל, ער מוז זיך שטעלן בפירוש אויף דער זייט פון איינעם פון די אָנטיילנעמער און דווקא—אַזוי דיקטירט די לעבנסנויטווענדיקייט—אויף דער זייט פון שטאַרקערן, פון דערוואַקסענעם. ער דאַרף נישט בלויז רעגולירן דעם געראַנגל, נאָר בעיקר מיטהעלפן דעם זיג פון שטאַרקערן, זען פאַרשנעלערן דעמדאָזיקן זיג.

ווייל אויב דער זיג פון שטאַרקערן איז סיי ווי סיי אומפאַרמיידלעך, איז דאָך די איבעריקע אָנשטרענגונג שעדלעך, זיינען דאָך די סיזיף־פּרווון פון שוואַכערן קעגנצושטעלן זיך, צו פאַרציען דעם אומפאַרמיידלעכן זיג אַן איבעריקער ענערגיע־פאַרלוסט. ס׳איז אַמאָל פאַראַן מער הומאַניזם אין מיטהעלפן דער זעלבסטפאַרניכטונג דעם אָפּגעמשפּטן אויף פאַרניכטונג, ווי אין דעם פאַרציען די עקזיסטענץ פון אַזעלכן. און דאָס קינדישע אין קינד מוז פאַרניכטעט ווערן, מוז באַזיגט ווערן פון דערוואַקסנקייט, מוז אומגעוואַנדלט ווערן אין דערוואַקסנקייט.

די אויפגאַבע פון דערציער איז טאַקע דידאָזיקע פאַרניכטונג פון קינדישן אין קינד, די גיכסטע אומוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם מיטצוהעלפן.

און ס׳איז דעריבער פאַלש, ווען מ׳וויל די אינדיווידואַליזאַציע פון דערציונג אויסטייטשן אַלס אַ סתירה צום אויבנגעזאָגטן, אַלס אַ לחלוטינדיקע אַנולירונג פון ווילקירלעכן אין דערציערס ראָל.

אינדיווידואַליזאַציע אין דערציונג איז נאָר אַ שנוי־השם, בלויז אַ מעטאָדאָלאָגישע אַנדערשקייט, אָבער כּלל נישט קיין פּרינ־

צ י פ י ע ל ע אַנדערשקייט, וועלכע זאָל שטעלן אונטער אַ צווייפל די עצם נייטיקייט פון אומוואַנדלונג גופא, ווי אויך פון פאַרשנעלערן די־דאָזיקע אומוואַנדלונג.

ס׳האַנדלט זיך אין די פאַרשיידנסטע שיטות פון פעדאַגאָגיק נאָר אין דעם, ווי אַ זוי י אויסצוגעפינען ראַציאָנעלע מיטלען פאַר דער אומוואַנדלונג און איר פאַרשנעלערונג, ס׳האַנדלט זיך אָבער כּלל נישט און ס׳קען זיך נישט האַנדלען—אַנדערש וואָלט די פעדאַגאָגיק דאָך אויפגעהערט צו זיין אַ פעדאַגאָגיק, אַ דערציונגס־סיסטעם—וועגן מבטל מאַכן די אומוואַנדלונג, די נייטיקייט אין אומוואַנדלונג

און די דערמאָנטע אינדיווידואַליזאַציע איז נישט מער, ווי איינער פון די מיטלען, פון די בּ ע ס ע ר ע מיטלען, לויט דער איבערצייגונג פון אירע אָנהייגער, וועלכע פירט צו דעם אַלגעמיינעם ציל:

פאַרשנעלערן די אומוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם, זען דורך דערדאָזיקער פאַרשנעלערונג צו פאַרשפּאָרן איבעריקע אָנשטריינגונגען, פאַרשפּאָרן ווייטיק און מאַרטירערטום פון צעצויגענער אומוואַנדלונג.

אויב מיר זאָלן נעמען אַלס שלאָג-וואָרט פאַר דער עקסטרעמסטער אינדיווידואַליזאַציע, למשל, מאָנטעסאָריס קלאַסיש־געוואָרענע פראַזע: „דער לערער איז נאָר אַ ליכט-שטראַל, וועלכער באַווייזט זיך אויף אַן אויגנבליק און פאַרשווינדט", וועלן מיר די הנחה נאָך בעסער פאַרשטיין.

ס׳זאָל הייסן, אַז דער לערער איז נישט קיין „נר תמיד", נאר אַ ליכט־שטראַל אויף אַ צייט.

ס׳איז, אַלזאָ, נישט אַ פראַגע פון די ע צ ם נ י י ט י ק י י ט צו לייכטן, נאָר בלויז אַ פראַגע וועגן ד ו י ע ר פ ו ן ל י י כ ט ן. ליכט איז אָבער דורכאויס נייטיק, ליכט פון אויסן, ווילקירלעכער ליכט.

מ׳טאָר דאָס קינד בשום אופן נישט לאָזן אין זיין איינענער פינסטערניש, אין דעם לחלוטינדיקן חשך־מצרים פון אייגנטלעכער קינדערשער אומבאַהאָלפנקייט און מינדערווערטיקייט. מ׳דאַרף זיין וועג באַלויכטן. וועלכן וועג? דעם וועג פון זיין איבערגיין פון איין אינהאַלט צום צווייטן, דער וועג פון זיין אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם

די הויפּטשוועריקייט אין קינדס אַנטוויקלונג, דער גרעסטער שטרויכלשטיין אויפן וועג פון קינדס אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם, דער קוואַל פון קינדערשן מאַרטירערטום איז אָבער דאָס, וואָס ער קומט מיט זיין אייגענעם „איך", מיט יענעם פּריקינדערשן „איך", וואָס איז כּלו קעגנזאַץ צום „איך" פון דערוואַקסענעם, וואָס האָט נישט די מינדעסטע באַרירונגס־פּונקטן מיט דעם „איך" פון דערוואַקסענעם.

ביי בוקי בן יגלי איז פאַראַן אַ פּרעכטיקע לעגענדע וועגן מענטשן, וועלכע זיינען באַהעפט מיט נאָפּלען צו דער ערד און לאָזן זיך פון דאָרטן נישט אָפּרייסן. דאָס קינד, דאָס אייגנטלעך און אור־שפּרינגלעך־קינדישע קען דינען אַלס אילוסטראַציע צו דערדאָזיקער לעגענדע: דאָס קינד איז באַהעפט מיט פעסטע נאָפּלען צו דער ערד, צום „אונטן" פון זיין אייגנטימלעכקייט, און ווען ער רייסט זיך צום „אויבן" פון דערוואַקסענעם, מוז ער קודם זיך אָפּרייסן פון דידאָזיקע אים פאַרהאַלטנדיקע פעסטע נאָפּלען, מוז ער זיך אָפּרייסן פון זיך אַליין, און דאָס איז אַן אומגעהויער שווערע און פּיין־פאַרשאַפנדיקע אויפגאַבע.

מיר האָבן שוין אין פריקן קאַפּיטל גערעדט וועגן דער פּרי־קינדערשער מינדערווערטיקייט. מיר האָבן באַנוצט אַלפרעד אַדלערס קלאַסיפיקאַציע פון „אונטן" און „אויבן". פאַר דעם קינד איז דער דערוואַקסענער אַן אידעאַל, פאַר אים איז זיין אייגנטלעכער וועזן איינגאַנצן: „אונטן" און דער וועזן פון דערוואַקסענעם, צו וועלכן ער שטרעבט און אין וועלכן ער דאַרף זיך אומוואַנדלען, איינגאַנצן: „אויבן". און די גאַנצע קינדערשע אַנטוויקלונג איז, אויף אַזאַ אופן, אַן אומדערמידלעכעס רייסן זיך פון „אונטן" צום „אויבן", אַ כּסדרדיקער דערנענטערן זיך פון „אונטן" צום „אויבן". דער פּראָצעס איז אָבער אַ לאַנגער, אַ דויערנדיקער, ס'קומט פאָר אַ בהדרגהדיקער רייסן זיך און נישט קיין איינמאָליקער אָפּרייסן זיך, אַ לאַנגער דערנענטערן זיך און נישט קיין כּהרף עינדיקער נאָנט ווערן, ווייל די נאָפּלען, וואָס פאַרבינדן דעם קינד צו זיין אייגענעם אורשפּרינג־לעכן „אונטן" זיינען צו פעסט און זיי ווערן נישט מיט איין מאָל איבערגעריסן, נאָר רייסן זיך איבער פעדים־ווייז, טיילווייז, ווייל ס'אַר־בעטן ביי דער אומוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם צוויי איי־

נע די אַנדערע באַקעמפנדיקע און אָפּט אַנולירנדיקע כּחות: „צענטרע־פוגאַלער, און אַ צענטרע-שטרעבנדיקער כּח, דאָס זאָל הייסן: דער צענטר איז דאָס אייגנטלעך־קינדישע, דאָס קינד רייסט זיך פון זיין צענטר צום אויסן, צום „אויבן"-שטייענדיקן דערוואַקסענעם, אַמאָל אָבער ווערט דער דראַנג פון זיין רייסן זיך פון צענטר אָפּגעשוואַכט דורך דעם קעגנגעזעצטן דראַנג פון רייסן זיך צום צענטער. דער נאָמען פון לעצטן פאַרשווערנדיקן דראַנג, דער נאָמען פון דעם רייסן זיך צום צענטער, צו זיך, איז פּערזענלעכקייטס־געפיל

דער קאַמף צווישן קינד און דערוואַקסענעם איז אַ קאַמף צווישן צוויי פּערזענלעכקייטן, צווישן צוויי קעגנזעצלעכע מענטשלעכע וועזנס. יעדע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט מאַכט דורך, קעגן דעם אייגענעם ווילן, אָנשטרייִנגונגען אויפצוהאַלטן די אייגענע עקזיסטענץ קעגן דעם פאַרניכטונגס־באַדראָונג פון דער צווייטער קעגנגעזעצטער פּערזענלעכקייט. און אין דעם באַשטייט טאַקע דער טראַגיזם, דער פאַרכּשופטער קרייז פון קינדס אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם: מוזנדיק אָדער וועלנדיק זיך אָפּזאָגן פון דער אייגענער פּערזענלעכקייט, שטרעבנדיק אָדער זייענדיק געצוווּנגען צו שטרעבן צו מוותּר זיין אויף דעם אייגענעם „איך" צוליב דעם נייעם „איך" פון דערוואַקסענעם, קען דאָס קינד נישט אויפהאַלטן זיין אייגענעם „איך", פון וועלכן ער וויל, פון וועלכן ער מוז זיך אָפּרייסן. דער אורטייל פון קינדס גורל איז, אַז דאָס קינד זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין אייגענעם מזבח, און דאָך קען ער נישט תּיכּף אָפּלאָזן די ווינקלען פון דעמדאָזיקן זיך רואיִנירנדיקן מזבח. רייסנדיק זיך פון מזבח צום פרעמדן, צום אויסנשטייענדיקן גאָט—„דערוואַקסענער" איז דער נאָמען פון דעמדאָזיקן גאָט—מיט איין האַנט, האַלט ער זיך אָבער, קלאַמערט זיך אָבער דאָס קינד פאָרט פאַר די ווינקלען פון אייגענעם מזבח.

דעם קינדס אַנטוויקלונג איז אַ כּסדרדיקער וואַקלען זיך, אַ כּסדרדיקער געפינען זיך צווישן צוויי מאַגנעטישע קרעפטן, אים ציט פאָרויס צום דערוואַקסענעם און אים ציט גלייכצייטיק צוריק—פון דערוואַקסענעם, צוריק צו זיך.

די ענדגילטיקע אומוואַנדלונג קומט פאָר צוליב דעם, וואָס די־צוציונגס־קראַפט צום דערוואַקסענעם איז שטאַרקער פון דער

צוציונגס־קראַפט צו זיך, וואָס די צאָל טריט פאָרויס, פון זיך צום דערוואַקסענעם איז גרעסער, ווי די צאָל טריט צוריק, פון דערוואַקסענעם צו זיך. נאָך צוויי טריט פון זיך צום דערוואַקסענעם גיט ער נאָר איין טריט פון דערוואַקסענעם צו זיך. און דאָס ענדגילטיקע אויסוואַקסן, די ענדגילטיקע אומוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם ווערט אָפּגעשלאָסן ערשט דאַן, ווען דער עודף פון די טריט פאָרויס אַנולירט איגגאַנצן די טריט צוריק, ווען דער עודף פון די טריט פאָרויס דריקט זיך אויס אין גאַנצע הונדערט פראָצענט.

דאָס פאָדערט אָבער אַ סך צייט, אַ גרויסן דויער.

אין דעם פרט איז געהעכט און פאַרשטענדלעך די מיינונג פון יאָדל, וועלכער פאַרגלייכט די קינדהייט צו דער קולטור פון דעם מענטשן בכלל.

לויט יאָדלס באַשטימונג איז קולטור דאָס געשטייגערטע שטרעבן פון מענטשן אין באַשטימטע אומשטענדן צו זיכערן זיין פערזענלעכקייט קעגן די פיינטלעכע כחות פון דער נאַטור.

די קינדהייט, די קינדלעכע אַנטוויקלונג איז אויך אַנאַלאָגיש מיט דערדאָזיקער באַשטימונג: געשטייגערטעס שטרעבן פון קינד, אין באַשטימטע אומשטענדן, צו זיכערן זיין פערזענלעכקייט קעגן די פיינטלעכע כחות פון דער אומגעבונג, פון אַלמעכטיקן דערוואַקסענעם אין דער ערשטער ריי.

אין ביידע באַשטימונגען איז דער אויסדרוק: „זיכערן זיין פערזענלעכקייט" נאָר אַ רעלאַטיווער, נאָר אַ פיגוראַלער אויסדרוק. די זיכערונג פון דער פערזענלעכקייט קומט באמת נישט צו שטאַנד נישט דאָ און נישט דאָרט, נישט ביי דער קולטור פון דער מענטשהייט און נישט ביי דער אומוואַנדלונג פון קינד, ווייל די מענטשהייט, ווען זי וויל זיכערן איר „פערזענלעכקייט", איר אייגנטלעכקייט קעגן די פיינטלעכע כחות פון דער נאַטור, ענדערט זי דע פאַקטאָ נישט די כחות פון דער נאַטור אַלס אַזעלכע, נאָר ענדערט דווקא זיך אַליין, די אייגענע פערזענלעכקייט, די מענטשלעכע קולטור הייסט באמת נישט דאָס קעגנשטעלן זיך דער נאַטור, נאָר, פאַרקערט, דאָס צופּאַסן זיך צו דער נאַטור. אויב דער אורמענטש האָט זיך געפונען אין קאַמפסצושטאַנד מיט דער פיינטלעכער נאַטור און

א נזער מאָדערנער מענטש, אַ דאַנק זיין דעראָבערטער קולטור, האָט שוין געשלאָסן אַ פרידנסאָפמאַך מיט דער זעלביקער נאַטור, הייסט עס דאָך כלל נישט, אַז אונזער מאָדערנעם מענטש איז געלונגען, אין אונטערשייד פון אורמענטשן, איינצוהיטן זיין אורמענטשלעכע אייגנ־אַרטיקייט, זיין אורמענטשלעכע פּערזענלעכקייט, נאָר דוקא פאַר־קערט, אַז ער האָט אומבאַמערקט פאַר זיך פאַרלאָרן זיין אורמענטשלעכע פּערזענלעכקייט. די נאַטור איז געוואָרן אויס פיינטלעך נישט דערפאַר, וואָס זי האָט זיך געענ־דערט, נאָר דוקא דערפאַר, וואָס דער מענטש האָט זיך געענדערט. וואָס דער מענטש האָט קאַפּיטולירט פאַר די כחות פון דער נאַטור און האָט זיך געגומען צופּאַסן צו דער נאַטור און איז פון איר איינ־געשלונגען געוואָרן אַזוי, אַז ער–דער מענטש–איז געוואָרן אַליין אַ שטיק נאַטור, אַ טייל פון דער נאַטור.

די קולטור האָט באמת נישט געזיגערט די אורמענטשלעכע פּערזענלעכקייט, נאָר האָט זי מבטל געמאַכט. וואָרום וואָס איז דען פאַרבליבן פון דעם אורמענטשלעכן, פון דעם אייגנטלעכן פון דער אורמענטשלעכער פּערזענלעכקייט ביי דעם מאָדערנעם קולטור-מענטשן?—

די קולטור איז, אַלזאָ, געווען נאָר אַ פּראָצעס פון בהדרגהדיקער קאַפּיטולאַציע קעגן דער נאַטור און אַזוי וועט זי אויך אויך ווייטער פאַרבלייבן. די קולטור, אַ דאַנק איר בהדרגהדיקייט, איז בלויז אַ זעלבסטאָפּנאַרעריי, בלויז אַ שלאָף-טרונק פאַר דער אָפּעראַציע פון אַמפּוטירן די אורמענטשלעכע פּערזענלעכקייט פון דעם מענטשן.

ער אורמענטש איז אין זיין באַציונג צו דער נאַטור געווען אַן אַבסאָלוטער „אונטן" צו אַן אַבסאָלוטן „אויבן". די קולטור האָט ביסלעכווייז מבטל געמאַכט די דיסטאַנץ צווישן „אונטן" און „אויבן" און האָט ביסלעכווייז, סיסטעמאַטיש דעם „אונטן"-שטייענדיקן צו דעם „אויבן" דערנענטערט. דערביי איז אָבער פון „אונטן", פון אייגנטלעך־מענטשלעכן „אונטן" פון דעם אורשפּרינגלעך-מענטשלעכן ביים מענטשן גאָרנישט, אָדער אַלנפאַלס זייער ווייניק, פאַרבליבן

פונקט דאָס זעלביקע קומט פאָר אויך מיט דעם קינד אין זיין אַנטוויקלונג, אין זיין אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם.

דאָס, וואָס די נאַטור איז געווען פאַר דעם אורמענטשן, איז די

אומגעבונג און דער דערוואַקסענער אין דער ערשטער ריי פאַר דעם קינד. נישט אומזיסט גילט דאָך לגבי דעם קינדס אַנטוויקלונג דער אמת פון ביאָגענעטישקייט, פון פולשטענדיקער אַנאַלאָגיע מיט דער קולטור־אַנטוויקלונג פון אורמענטשן. די אומגעבונג, דער דערוואַקסע־נער איז פאַר דעם קינדס פערזענלעכקייט פיינטלעך פון אָנהויב אָן. פיינטלעך ביז וואַנען ער האָט נאָך אין זיך זיין אורשפּרינגלעך־איי־גענעם „איך", פיינטלעך כל זמן די אומגעבונג איז „אויבן" לגבי אים, דעם „אונטן". ער ווערט אָבער ביסלעכווייז דערנענטערט צום „אויבן", ער ווערט אַליין אין „אויבן" פאַרוואַנדלט, ווערט דערביי אָפּגעריסן פון אייגענעם „אונטן", פ אַ ר ל י ר ט פּאַקטיש זיין פערזענ־לעכקייט און נ י ש ט ע ר ז י כ ע ר ז י.

און אויב דאָס קינד, ווי ביי דעם מענטשן לגבי דער קולטור, הערט דאָך איינגעהיט די אילוזיע, אַז ער „זיכערט" זיין פערזענלעכ־קייט, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס דער פּראָצעס פון פאַרלירן די אייגענע פערזענלעכקייט איז אַ בהדרגהדיקער, אַ לאַנגדויערנדיקער.

באמת איז אָבער די קינדהייט אַ ריי פון קאַפּיטולאַ־ציעס קעגן דעם דערוואַקסענעם, פּונקט ווי די קולטור איז אויך נאָר אַ סכום פון קאַפּיטולאַציעס קעגן דער נאַטור. די פערזענ־לעכקייט ווערט אַנולירט נישט מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז, און דע־ריבער טאַקע קומט אויס אין פאַרלויף פון דער קינדהייט, ווי פון דער מענטשלעכער קולטור־אַנטוויקלונג, צו האָבן צו טאָן מיט דער פערזענלעכקייט, מיט דער זיך אַלץ פאַרמינערנדיקער פערזענלעכקייט.

די בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג פון פערזענלעכקייטס־געפיל ביים קינד אין זיין קינדהייט איז, אַזוי אַרום, נאָר אַ בהדרגהדיקע אַנולי־רונג פון פערזענלעכקייטס־געפיל. ס'לאָזט זיך אַפילו ווייניקער מער געַנוי צו באַשטימען אין אַן אַנטשפּרעכנדיקער סכעמע די איינצעלע שטופן פון דערדאָזיקער אַנולירונג, די איינצעלע דעטאַלן פון דעמ־דאָזיקן פּראָצעס.

די אונטן געבראַכטע סכעמע איז געמאַכט לויט דעם מוסטער פון אַלפרעד אַדלערס סכעמע *) און לויט זיין הויפּטאייטיילן די

*) Dr. Alfred Adler: Ibid

קינדהייט אין איר באַציונג צו דערוואַקסנקייט, ווי „אונטן" אין באַ־
ציונג צו „אויבן".



ווי ס'איז צו זען פון דער סכעמע, זייגען קינד און דערוואַקסענער קודם כל צוויי באַזונדערע וועזנס, צוויי באַזונדערע פערזענלעכקייטן (אַין קרייז פון דער סכעמע פאַרנעמט „קינד" פונקט אַזאַ האַלבן קרייז ווי „דערוואַקסענער".) און צווייטנס: צווישן ביידע זעלבסטשטענדיקע פערזענלעכקייטן עקזיסטירט אַ פאַרהעלטניס פון פולשטענדיקער אַנטשפּרעכיקייט: אַלע פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן פון אויבן־שטייענדיקן דערוואַקסענעם (העכערער קרייז) זיינען פאַרטראָטן מיט פאַראַלעלע, נאָר נעגאַטיווע אייגנשאַפטן פון אונטן־שטייענדיקן קינד. (נידעריקערער קרייז): „זיג" (אין העכערן קרייז) אַנטשפּרעכט „מורא פאַר באַזיגטקייט" (אין נידעריקערן קרייז) א. אַ. וו. דער אונטערשייד צווישן קינד און דערוואַקסענעם באַשטייט, אויף אַזאַ אופן, נישט אין דעם, וואָס איינער פאַרמאָגט יאָ פערזענלעכקייטס־געפיל און דער אַנדערער פאַרמאָגט נישט קיין פערזענלעכקייטס־געפיל: סיי דאָס קינד און סיי דער דערוואַקסענער פאַרמאָגן ביידע פערזענלעכקייטס־געפיל, מער נישט: דער פערזענלעכקייטס־געפיל פון איינעם (פון דערוואַקסענעם) איז אַ פּאָזיטיווער און פון צווייטן (פון קינד) איז אַ נעגאַטיווער

און ס'איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס גראָד דער פריקינדערשער עלטער צייכנט עס זיך אויס מיט דער פילפאַך־פאַרשטאַרקטער, היפּערטראָפירטער אַנטוויקלונג פון פערזענלעכקייטס־געפיל. גראָד די קינדהייט, אין מאָמענט פון איר ערשטן קאַפּיטולירן פאַר דעם דערוואַקסענעם, גראָד אויפן שוועל פון דער אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם איז די צייט פון אויסערגעוויינלעכער עגאָצענטרישקייט, גראָד אין דעם פעריאָד איז די פערזענלעכקייטס-אידעע די פיקס־אידעע.

פון ערשטן קוק קען אויסקומען פאַרוואונדערנדיק דידאַקטיקע פאַרקערטע פּראָפּאָרציאָנעלקייט: ווי קומט עס, אַז גראָד אין דעם עלטער פון דער גרעסטער אַראָפּזעצונג פון פערזענלעכקייט זאָל אַזוי שטאַרק קומען צום אויסדרוק דער אַקטיוויזירטער פערזענלעכקייטס־געפיל?

די קינדהייט, וואָס איז די צייט פון קאַפּיטולאַציע, פון כסדרדיקער זעלבסטאַטראָפיע, פון כסדרדיקן ברענגען פאַר אַ קרבן דעם אייגענעם אורשפּרינגלעכן אינהאַלט פאַר דעם מלך פון דערוואַקסנקייט, איז אָבער דאָך גלייכצייטיק די צייט פון אַקטיוויזירטן „איך"

ס׳איז אָבער פאַרשטענדלעך און ביאָפּסיכאָלאָגיש באַרעכטיקט, ווען מען דרינגט אַריין אין דעם טיף פון דעם קינדערשן פּערזענלעכקייטס־געפיל און זיינע סיבות. ביידע קעגנזעצלעכע פאַקטן פון אַראָפּגעזעצטער פּערזענלעכקייט און אַקטיוויזירטן פּערזענלעכקייטס־געפיל ביים קינד דאַרפן אָבער פאַרבונדן ווערן נישט מיט דעם באַגרעניצנדיקן: „טראָץ״, נאָר מיט דעם אויסברייטערנדיקן: „ווייל״, נישט: „טראָץ דעם, וואָס די קינדהייט איז די צייט פון העכסטער פּערזענלעכקייטס־אַראָפּזעצונג, איז זי דאָך די צייט פון אַקטיוויזירטן פּערזענלעכקייטס־געפיל״, נאָר: ווייל די קינדהייט איז די צייט פון העכסטער פּערזענלעכקייטס־אַראָפּזעצונג, איז זי דעריבער טאַקע די צייט פון אַקטיוויזירטן פּערזענלעכקייטס־געפיל״.

ס׳איז אַ נייטיקער פּועל־יוצא פון זעלבסטדערהאַלטונג. ס׳איז פּונקט אַזאַ פּסיכאָלאָגישע נייטיקייט אין דעם פאַל פון אויפקלייבן פּערזענלעכקייטס־געפיל אויפן פּלאַץ פון אַראָפּגעזעצטער פּערזענלעכקייט, ווי ס׳איז אַ פיזיאָלאָגישע נייטיקייט אויפצוזאַמלען אַ סך בלוט, צו פאַרשטאַרקן און פאַרבעסערן די בלוט־צירקולאַציע אין אַ מאָמענט פון אַ בלוט־פאַרלוסט, אין אַ מאָמענט פון אַן אָפּעראַציע.

ס׳איז נייטיק אַן אילוזיע פון פולקרעפטיקייט, ווען מ׳ליידט פון קראַפטלאָזיקייט, און דער פאַרשטאַרקטער פּערזענלעכקייטס־געפיל ביים קינד, וואָס ליידט אַזוי פיל פון מינדערווערטיקייט איז עס די אילוזיע פון אַזאַ פולמעכטיקייט, כדי צו קאָמפּענסירן די פאַקטישע אָנמעכטיקייט.

מיר האָבן אין פאָריקן קאַפּיטל זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף די קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס אין קאַמף פון קינד מיט דעם דערוואַקסענעם. אַזעלכע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס זיינען אָבער נייטיק נישט בלויז אין קאַמף גופא, נאָר אויך אין דעם פּועל־יוצא פון קאַמף, אין דער קאַפּיטולאַציע פון קינד קעגן דעם דערוואַקסענעם, אין קינדס כסדרדיקע אומוואַנדלונגען אין דערוואַקסענעם. אַנדערש וואָלט די קאַפּיטולאַציע געווען צו ווייטיקדיק, אַנדערש וואָלט די אומוואַנדלונג געווען צו אַנגסטלעך.

און די גרעסטע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע צווישן אַלע אַנדערע, נאָך ריכטיקער: דער שליסל צו אַלע אַנדערע קאָמפּענסאַטאָ־

רישע פיקציעס בכלל איז עס טאַקע די פאַרשטאַרקטע פריקינדערשע עגאָצענטרישקייט, דער אַקטיוויזירטער פריקינדערשער פערזענלעכ־קייטס־געפיל.

די קינדהייט, האָבן מיר פיל מאָל אָנגעוויזן, איז אַ קייט פון יסורים. פון מאַרטירערטום, די קינדהייט איז אַ כסדרדיקער אָנ־שטויסן זיך אויף שטערונגען און מניעות, וועלכע באַגרענצן, אַנולירן דאָס קינדישע אין קינד,—דאַרף דאָך דאָס קינד, לכל הפחות, עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אים פאַרזיסן אַ ביסל די ביטערע פיל פון זיין מינדערווערטיקייט. און אַזאַ אילוזיע איז פאַר אים דער פאַר־שטאַרקטער פערזענלעכקייטס־געפיל.

אין פסיכאָלאָגישן זין זיינען, ווי אויבן געזאָגט, קעגנזאַצן שטענ־דיק בלויז פאַרשטעלטע אינדיטיטעטן, בלויז שנויי־צורה: ליבע איז די צווייטע זייט פון שנאה, סליחה—פון נקמה, איבערגעטריבענער רחמנות—פון גרויזאַמקייט, און אין דעם פאַל איז אויך דער אַקטיווי־זירטער פריקינדערשער פערזענלעכקייטס־געפיל בלויז די צווייטע זייט פון אַראָפּגעזעצטער פערזענלעכקייט.

דער ערשטער בולטער אויסדרוק פון קינדערשן פערזענלעכקייטס־געפיל איז זיין באַקאַנטער מאַכטטריב אין אַלע זיינע אומצייליקע אַנטפּלעקונגען. דער מאַכטטריב פון קינד איז אָבער שטענדיק אַבאַ־ווייז פון קינדס פאַקטישער מאַכטלאָזיקייט.

דער מאַכטטריב, ווי אַלע אַנדערע אויסערונגען פון אַקטיווי־זירטן קינדערשן פערזענלעכקייטס־געפיל האָט אָבער צוויי אויסטיי־טשונגען: אַ פּרינציפּיעלע און אַ מעטאָדאָלאָגישע. און ס'איז אַ ווונ־דערלעכע פאָרויסבאַשטימונג פון גורל דאָס, וואָס דיביידע אויסטיי־טשונגען פאַלן זיך צונויף, וואָס ס'קומט פאָר ביי זיי די פאַריי־ניקונג פון „אָנגענעמען מיט נוציקן". פּרינציפּיעל איז דער אַק־טיוויזירטער קינדערשער פערזענלעכקייטס־געפיל בכלל און דער מאַכט־טריב בפרט אַן אויסדרוק פון אַראָפּגעזעצטער פערזענלעכקייט, אַן אויסדרוק פון קאַפּיטולאַציע, מעטאָדאָלאָגיש איז ער אָבער אַן אומבאַדינגטער בריק צום דערוואַקסענעם, צו יענעם, קעגן וועמען דאָס קינד קאַפּיטולירט.

אָן דעם פערזענלעכקייטס־געפיל און מאַכטטריב, וועלכער איז כלומרשט געווענדעט קעגן דערוואַקסענעם, וואָלט אוממעגלעך געווען

די דערנענטערונג פון קינד צום דערוואַקסענעם, זיין אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם.

ווייל קודם כּל באַדייטעט דער פּערזענלעכקייטס־געפיל פון קינד:—
„איך וויל נישט זיין נידעריקער פון דערוואַקסענעם", און אויב „נישט נידעריקער" האָט בכּלל און קען אויך אין געגעבענעם פאַל האָבן צוויי אויסטייטשונגען: 1) נישט נידעריקער=גלייך און 2) נישט נידעריקער=העכער, איז דאָך דאָס אַלגעמיינע פאַר ביידע אויסטייטשונגען דאָס גלייך ווערן מיט דעם דערוואַקסענעם. וואָרום ווען אַפילו „נישט נידעריקער" זאָל באַדייטן „העכער", מוז מען דאָך פריער זיך אויסגלייכן מיט דעם יעניקן, פון וועלכן מ'וויל זיך שטעלן העכער; פאַר דעם, איידער מ'שטייגט איבער די נאָרמע, מוז מען דאָך פריער זיך פאַרגלייכן מיט דער נאָרמע, פאַר דעם איידער דער „אונטן" זאָל דערגרייכן צו ווערן העכער פון „אויבן", מוז ער דאָך פריער דערגרייכן דעם „אויבן" גופא.

אמת, אומבאַוווסטזיניק—אויף וויפיל מ'קען ריידן וועגן באַוווסטזיין אין פריקינדערשן עלטער—איז דאָס קינד שטענדיק אַן אָנהייבער פון העכער זיך שטעלן, פון איבערשטייגן די נאָרמע. דעם קינדס אַקטיוויזירטער פּערזענלעכקייטס־געפיל ווייס נישט פון נאָרמירטקייט, ער איז שטענדיק עקספּלאָדירנדיק, שטענדיק מאַקסימאַליסטיש און אַגרעסיוו.

די ווערטער פון פּרצס „קראַנקען יינגל" וועגן קלויסטער זיינען:

„וואָס נידעריקער אונזער שול איז פון זייער קלויסטער, אַלץ העכער דאַרף זי ווערן פון זייער קלויסטער!"—

און דידאָזיקע ווערטער זיינען סימבאָליש אין אַלגעמיין פאַר יעדן יינגל בכּלל, פאַר יעדן קינד, נישט נאָר קראַנקען, נאָר נאָרמאַלן און געזונטן, פאַר דעם קינדישן אין קינד, פאַר דעם פּערזענלעכקייטס־געפיל פון קינד בכּלל, וועלכער איז אין זין פון אַראָפּגעזעצטער פּערזענלעכקייט באמת אַ „קראַנקער יינגל".

זייער קלויסטער—דאָס איז די אַראָפּגעזעצטע פּערזענלעכקייט, די דערמאָנונג וועגן יענעמס העכערקייט לגבי דער אייגענער מינדערווערטיקייט, אונזער שול—דאָס איז דער אַקטיוויזירטער פּערזענלעכקייטס־געפיל. דער קאָמפּענסאַטאָרישער עגאָצענטריזם.

און ס'מוז זיין אַ דראַנג צו שטעלן העכער „אונזער שול" פון „זייער קלויסטער", אַ דראַנג, אַז דער פּערזענלעכקייטס־געפיל זאָל איבערשטייגן יענעם, וואָס זעצט אַראָפּ די פּערזענלעכקייט.

אָבער „אונזער שול" מוז דאָך סיי־ווי פריער גלייך ווערן מיט „זייער קלויסטער", איידער זי ווערט העכער פון לעצטן, דאָס קינד מוז זיך קודם כל פאַרגלייכן מיט דעם דערוואַקסענעם, ווען ער וויל אַפילו אים איבערשטייגן, שטעלן זיך העכער פון אים.

און דאָס אויסגלייכן זיך מיט דעם דערוואַקסענעם, דאָס כסדר־דיקע, בהדרגהדיקע אויסגלייכן זיך מיט אים איז עס טאַקע דער פּאַק־טישער פאַרדינסט פון אַקטיוויזירטן פּערזענלעכקייטס־געפיל!

די דיסטאַנץ פון פאַרגלייכן זיך מיט דעם דערוואַקסע־נעם באַקומט איר אויסדרוק אין אַ ריי פון אומצייליקע אויסערונ־גען, דער כאַראַקטעריסטישסטער און אַלגעמיינסטער פון זיי איז די קינדערשע נאָכמאַכונג (נאָכמאַכונגס־טריב.

ריכטיק זאָגט אַלפרעד אַדלער, אַז דאָס, וואָס די אויטאָרן רופן אָן נאָכמאַכונגס־טריב אָדער אידענטיפיצירונג איז שטענדיק דאָס אָפּ־גרייפן פון שאַבלאָן מיטן צוועק צו דערהויבן דעם אַראָפּגעזעצטן פּערזענלעכקייטס־געפיל, נאָכמאַכונג איז אָנגעווענדעט נאָר אויף דעם, וואָס קען געבן מאַכט. *)

קינדער האָבן ביי זייער נאָכמאַכונג דעם הויפּט־צוועק, אַלזאָ, דאָס באַקומען פון מאַכט, אַנדערש גערעדט: דאָס פאַרגלייכן זיך מיט דעם יעניקן, וואָס באַזיצט מאַכט.

און אַזוי ווי די מאַכטבאַזיצנדיקע זיינען פאַר דעם קינד כסדר די דערוואַקסענע, איז ממילא פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דעם קינדס נאָכמאַכונג איז בעיקר אַ נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם.

די גאַנצע קינדערשע אַנטוויקלונג, דאָס גאַנצע לעבן פון קינד באַשטייט נאָר פון אַ ריי אַזעלכע נאָכמאַכונגען.

דעם קינדס נאָכמאַכונג איז דערביי אָבער נישט גלייך צו אַלע אַנדערע נאָכמאַכונגען, די קינדערשע נאָכמאַכונג אַנטהאַלט אין זיך־

---

*) ז. 143 .Dr. Alfred Adler

עטוואָס אייגנאַרטיקעס. אין אַ נאָכמאַכונג בכלל דאַרף מען אויסטיילן פיר עלעמענטן: א) דעם אָביעקט פון דער נאָכמאַכונג (אָדער אָריגינאַל), דאָס, וואָס ס'ווערט נאָכגעמאַכט, ב) דעם פּראָצעס פון דער נאָכמאַכונג. דער פאַרלויף פון דעם נאָכמאַכונגס־אַקציע, די דינאַמיק פון דער נאָכמאַכונגס־אַקציע, ג) דעם סוביעקט פון דער נאָכמאַכונג (דעם וואָס מאַכט נאָך דעם אָביעקט) און ד) דעם רעזולטאַט פון דער נאָכמאַכונג (אָדער קאָפּיע), די סטאַטיק פון דער נאָכמאַכונג.

געוויינלעך הייסט אַ פולקאָמע, גוט דורכגעפירטע נאָכמאַכונג, ווען דער סוביעקט פאַרגלייכט זיך אינגאַנצן מיט דעם אָביעקט, ווען צווישן זיי ביידן קען געשטעלט ווערן אַ גלייכונגס־צייכן, ווען דער פּראָצעס פון דער נאָכמאַכונג אַנטהאַלט אין זיך בלויז אייניצעלע טיילן פון שפּעטערדיקן רעזולטאַט (גלייכצייטיק פון פריערדיקן אָריגינאַל), אָבער נישט קיין סתירות צום רעזולטאַט, נישט קיין אָנדייטונג וועגן אַזעלכעס, וואָס זאָל אין רעזולטאַט נישט זיין פאַרטראָטן.

די פולקאָמהייט פון אַ נאָכמאַכונג ווערט, אַלזאָ, באַשטימט דורך דער מאָס פון פאַרגלייכונגס־מדרגות: וואָס קלענער ס'איז די דיסטאַנץ צווישן נאָכגעמאַכטן און דאָס, וואָס ס'ווערט נאָכגעמאַכט, אַלץ בעסער איז די נאָכמאַכונג. די אידעאַלע נאָכמאַכונג איז אַלע מאָל די, ווו דער רעזולטאַט ווערט פולשטענדיק געדעקט מיטן אָריגינאַל, ווו די נאָכמאַכונג איז אַ גענויע קאָפּיע פון אָריגינאַל.

דאָס לעצטע טרעפט אָבער זייער זעלטן, באַזונדערס ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אַ נאָכמאַכונג פון צווישנמענטשלעכן לעבן, ווען דער אָביעקט און סוביעקט פון דער נאָכמאַכונג זענען מענטשן, אַפילו דערוואַקסענע. ע"פ רוב מוז זיין אַ געוויסע דיסטאַנץ, ווי קליין זי זאָל נישט זיין, צווישן דעם רעזולטאַט און דעם אורשפּרונג פון דער נאָכמאַכונג, ווייל ס'איז דאָס רוב פאַראַן אַ געוויסע דיסטאַנץ אויך צווישן סוביעקט און אָביעקט פון דער נאָכמאַכונג.

די קעגנזייטיקע פאַרהעלטניס צווישן אַלע פיר עלעמענטן פון דער נאָכמאַכונג איז אַזאַ: פּראָצעס: רעזולטאַט=אָביעקט: סוביעקט.

און די טרעגער פון דער נאָכמאַכונג קענען ביידע נישט גלייך זיין פולשטענדיק, ווייל זיי זיינען מענטשן און פאַרמאָגן אַ גאַנץ פאַר־

שיידע פסיכיק-איינשטעלונג. די סגולה פון דער מענטשלעכער פסיכיק באַשטייט דאָך טאַקי אין דעם, וואָס ביי אַ סך געמיינזאַמעס אין איר ביי פאַרשיידענע מענטשן איז אין איר אָבער נישט פאַראַן און קען נישט זיין קיין אידענטיפיקאַציע. אַנדערש וואָלט די מענטשלעכע געמיינשאַפט געווען נישט קיין סומע פון נישט גלייכע חבור-צאָלן, נאָר אַן איינפאַכער רעזולטאַט פון אַ כפל אויף איינע און די זעלביקע, אויף געמיינזאַמע כפלער.

די מענטשלעכע געמיינשאַפט און אַלע אירע אַקציעס וואָלטן געווען, ביי איין און דערזעלביקער פסיכיק-איינשטעלונג ביי אַלעמען, זייער גרוי און מאָנאָטאָן, און ס'וואָלט דורך דער מעכאַנישער וחוזר-תלילהדיקייט נישט מעגלעך געווען קיין פאָרשריט, קיין פאַרפולקאָמונג, קיין אַנטוויקלונג. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז דער סוביעקט פון דער אַקציע מוז אַריינטראָגן אין זיין אַקציע גופא, אין הסכם מיט די אייגנאַרטיקייטן פון זיין פסיכיק-בוי, אַנדערע ניואַנסן. ס'איז אַנדערש דער „ווי אַזוי" פון דער אַקציע, און ממילא איז אויך שוין אַנדערש דער „וואָס" פון דער אַקציע.

און ווי טריי אַ מענטש, אַפילו אַ דערוואַקסענער, זאָל נישט וועלן נאָכמאַכן דעם צווייטן מענטשן, וועט ער קיינמאָל נישט קענען פולשטענדיק גלייך ווערן צו יענעם מענטשן, ער וועט זיך צו אים מער אָדער ווייניקער דערנענטערן, ער וועט ווערן ענלעך צו אים, ער וועט אָבער קיינמאָל נישט קענען ווערן יענער אַליין.

און דעריבער טאַקע איז אַפילו אין דער נאָכמאַכונג פון דערוואַקסענע נישט פאַראַן קיין אידענטיפיקאַציע, קיין פולשטענדיקע פאַרגלייכונג, און דעריבער איז טאַקע אויך די נאָכמאַכונג פון דערוואַקסענע מער איבערדיכטונג, ווי קאָפּירונג.

און ווען ס'האַנדלט זיך וועגן פינקטלעכער נאָכמאַכונג ביי דערוואַקסענע, מיינט עס: פינקטלעך נאָר רעלאַטיוו, אָבער נישט אַבסאָלוט. פינקטלעכע נאָכמאַכונג דאַרף באַדייטן: ווייניקער אומפינקטלעכע, דאָס דערגרייכן פון דער מעגלעך-קלענסטער דיסטאַנץ, וואָס טיילט אָפּ דעם רעזולטאַט פון דעם אָריגינאַל. און אין דערדאָזיקער פאַרהעלטניס פון מעגלעך-קלענסטער דיסטאַנץ באַשטייט טאַקע דער וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן דער געוויינלעכער צווישנמענטש-

לעכער נאָכמאַכונג און דער קינדערשער נאָכמאַכונג. אויב די דערוואַקסענע קענען זייער נאָכמאַכונג דערפירן צו דער מדרגה פון דער אָנגעוויזענער פּינקטלעכקייט, קענען עס בשום אופן נישט, קענען עס אַ סך ווייניקער די קינדער. אויב דער רעזולטאַט פון דער נאָכמאַכונג ביי דערוואַקסענע קען זיך דערנענטערן פּנים אל פּנים מיט דעם אָריגינאַל, ווייל די טרעגער פון דער אַקציע זיינען ביידע דאָך גלייכווערטיקע, זיינען ביידע דערוואַקסענע, ווייל דער אָביעקט און דער סוביעקט פון דער נאָכמאַכונג פאַרמאָגן דאָך אין דעמדאָזיקן פאַל אַן ענלעכע (אויב אַפילו נישט קיין פולשטענדיק אידענטיפיצירטע) פּסיכיק־איינטיילונג, קען אָבער דער רעזולטאַט פון דער קינדערשער נאָכמאַכונג נישט דערנענטערן זיך פּנים אל פּנים צו דעם אָריגינאַל, ווייל אין דעם פאַל זיינען די טרעגער פון דער אַקציע, דער אָביעקט און סוביעקט פון דער נאָכמאַכונג, נישט קיין גלייכווערטיקע, אַפילו נישט קיין ענלעכע צווישן זיך.

ווען אַ דערוואַקסענער מאַכט נאָך אַ צווייטן, הייסט עס דאָך, אַז ער מאַכט נאָך נישט יענעם, אַלס אַזעלכן, אַלס אַן אייגנאַרטיקן וועזן, נאָר בלויז אַ געוויסער סיטואַציע, אין וועלכער יענער געפינט זיך איצט און אין וועלכער ער אַליין האָט זיך אַמאָל שוין אַליין געהאַט געפונען אָדער קען זיך שפּעטער געפינען. דער אונטערשייד צווישן אָביעקט און סוביעקט איז אין דעם פאַל, אַלזאָ, נישט קיין וועזנטלעכער, נישט קיין פּרינציפּיעלער, נאָר אַ כראָנאָלאָגישער. און יעדע נאָכמאַכונג פון איין דערוואַקסענעם דעם צווייטן קען, פון דעם שטאַנדפּונקט, באַטראַכט ווערן אַלס אַ זעלבסטנאָכמאַכונג, אַ נאָכמאַכונג זיך אַליין, אַלנפאַלס אַ נאָכמאַכונג אַן ענלעכן צו זיך.

ווען אַ קינד אָבער מאַכט נאָך אַ דערוואַקסענעם, מאַכט ער נאָך נישט אַן איינצעלער סיטואַציע, גאָר דוקא דעם טרעגער פון דער סיטואַציע, דעם פּרעמדאַרטיקן טרעגער פון דער סיטואַציע, ווייל די לעצטע איז דאָך דאָ נישט קיין כראָנאָלאָגישע זאַך, נאָר אַ וועזנטלעכע, אַן אָרגאַנישע אָנגעהעריקייט פון דערוואַקסענעם. אין אַזאַ סיטואַציע, וועלכער דאָס קינד קומט נאָכצומאַכן, האָט ער זיך נאָך קיינמאָל נישט געפונען און קען אַלס קינד אין איר זיך נישט געפינען. (ווען ער געפינט זיך שוין יאָ אין דערדאָזיקער סיטואַציע, איז ער

שוין ממילא קיין קינד נישט, נאָר אַ דערוואַקסענער, אַ דערוואַקסענער לגבי דער געגעבענער סיטואַציע.

און אַזוי ווי אַ קינד און דערוואַקסענער זיינען, ווי כ׳האָב פריער ברייטער דערוויזן, נישט קיין באַזונדערע טעזן, נאָר בפירושע אַנטיטעזן, נישט נאָר קיין מיקראָקאָסמוס און מאַקראָקאָסמאָס, נאָר גאַנץ באַזונדערע וועלטן; אַזוי ווי דער אָביעקט און סוביעקט פון דער נאָכמאַכונג זיינען נישט נאָר נישט אידענטיפיצירט, נאָר אַפילו נישט ענלעך צווישן זיך,—מוז שוין ממילא אויך דער רעזולטאַט פון דער פריקינדערשער נאָכמאַכונג זיך שטאַרק און באַדייטנדיק, אַ סך מער באַדייטנדיק, ווי ביי דער נאָכמאַכונג פון דערוואַקסענעם, אָפּטיילן פון דעם נאָכמאַכונגס־אָריגינאַל.

די קינדערשע נאָכמאַכונג איז דעריבער ווייניקער קאָפּיע, ווי זי איז ביי דערוואַקסענע. די קינדערשע נאָכמאַכונג איז אַלע מאָל אַן איבערדיכטונג, אין איר קומט צום אויסדרוק שטענדיק דאָס אייגנט־לעך־קינדערשע.

און אין דעם איז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון דער קינדער־שער נאָכמאַכונג: נישט געקוקט, וואָס די נאָכמאַכונג גופא, אַלס פאַקט, איז אַן אָנזאָג פון קאַפּיטולאַציע, פון אָפּזאָגן זיך פון אייגנטלעך־קינדערשן, איז זי אָבער גלייכצייטיק אַן אָנזאָג אויך פון נישט וועלן קאַפּיטולירן,, אַן אָנזאָג פון איינגעהאַלטענעם קינדיש־אורשפּרינג־לעכן אינהאַלט אין דעם קינד.

ס׳קומט דאָ צום אויסדרוק די אייגנאַרטיקע צוויאייניקייט, אויף וועלכער איך האָב זיך פריער אָפּגעשטעלט ברייטער: די אָראָפּזעצונג פון קינדערשער פערזענלעכקייט, צוזאַמען מיט דעם אַקטיוויזירטן פּער־זענלעכקייטס־געפיל.

און נאָך אַן אונטערשייד איז פאַראַן צווישן דער קינדערשער נאָכמאַכונג און דער נאָכמאַכונג ביי דערוואַקסענע, אַן אונטערשייד, וואָס דערקלערט נאָך מער די גרעסערע פּינקטלעכקייט, די גרעסערע קאָפּיע־אַרטיקייט פון דער נאָכמאַכונג ביי דערוואַקסענע לגבי דער נאָכמאַכונג ביי קינדער.

די דערוואַקסענע פאַרמאָגן דערפאַרונג און זיי נוצן אויס די־דאָזיקע דערפאַרונג אויך ביי זייער נאָכמאַכונג.

די דערפֿאַרונג גיט צו דער נאָכמאַכונג דעם כאַראַקטער פֿון אַ געוויסער זעלבסטנאָכמאַכונג און נישט פֿון בלויז נאָכמאַכן יענעם. עטוואָס ענלעכעס אויף דעם, וואָס דער סוביעקט קומט איצט נאָכצומאַכן דעם אָביעקט פֿון דער נאָכמאַכונג, האָט ער שוין אַליין אַמאָל געהאַט דורכגעמאַכט. און ווען ער קומט צו רעפּראָדוצירן אַ געוויסע אַקציע, וועלכע ער האָט איצט געטראָפֿן ביי אַן אַנדערן, ביי אַ מיט־דערוואַקסענעם, איז ער בכּח צו דערגאַנצן די בלויזן מיט דעם, וואָס ער האָט אַליין אַ ביסל פֿריער דורכגעמאַכט.

אויב דער רעפּראָדוצירטער רעזולטאַט דאַרף זיין וואָס מער (אויב נישט אַפֿילו איבערגאַנצן) גלייך צום אָריגינאַל פֿון דער נאָכמאַכונג, זיינען דאָ, ביים דערוואַקסענעם־נאָכמאַכער, פֿאַראַן עטלעכע הילפֿסמיטלען: אַ דירעקטער איינדרוק (פֿון איצט געשעענעם, פֿון דעם, וואָס ער קומט דירעקט נאָכצומאַכן) און אַן אומדירעקטער איינדרוק (פֿון דעם אַמאָל געשעענעם ביי אים אַליין). איז נישט גענוגנדיק דער דירעקטער איינדרוק, לאָזט דער לעצטער איבער מערערע בלויזן צווישן דער ביי־פֿאָרמירונג פֿון דער נאָכמאַכונג און איר אורפֿאָרמירונג, צווישן דעם אָריגינאַל און דעם רעזולטאַט, דאַן קומט דער אומדירעקטער איינדרוק צו דערפֿילן די בלויזן, צו דערגאַנצן דאָס פֿעלנדיקע און צו מאַכן די נאָנטקייט צווישן דער ביי־פֿאָרמירונג פֿאַר ווייניקער אומפּינקטלעך

ביים קינד איז אָבער קיין דערפֿאַרונג נישט פֿאַראַן. ווען ער קומט צו רעפּראָדוצירן אַ געשעעניס פֿון יענעם, קען ער עס נישט דערגאַנצן מיט זעלבסטפּראָדוצירונג. פֿאַר אים זיינען ווירקזאַם בלויז די דירעקטע איינדרוקן און קיין מיטהילף פֿון אומדירעקטע איינדרוקן האָט ער נישט. און דעריבער איז ביי אים טאַקע די נאָכמאַכונג אַ ווייניקער פּינקטלעכע, דעריבער זיינען טאַקע די בלויזן, וואָס טיילן אָפּ דעם רעזולטאַט פֿון אָריגינאַל, די ביי־פֿאָרמירונג פֿון דער אורפֿאָרמירונג באַדייטנדיק מערצאָליק און מער וועזנטלעך.

און נישט נאָר בנוגע דעם פֿאַקט פֿון אומדירעקטן מיטהילף־איינדרוק האָט די דערפֿאַרונג אַ ווירקונג, נאָר אַפֿילו בנוגע דעם דירעקטן איינדרוק גופֿא.

דער דירעקטער איינדרוק איז אויך מער אומפּולקאָם ביים דערוואַקסענעם נאָכמאַכער, ווי ביי דעם קינדער־נאָכמאַכער. די דערפֿאַ־

רונג, ווי באַקאַנט, פאַרשפּרייט זיך דאָך נישט בלויז אויף דעם פאַקטיש־אויפגענומענעם, נאָר זי שאַפט, אַזוי צו זאָגן, אַ פּאָטענציעל־פאַרשטאַרקטע אויפנאַמספעיקייט אַפילו פאַר דעם נאָך נישט אויפגענומענעם. די דערפאַרונג פאַרקירצט דעם מעכאַניזם פון אויפנעמען, זי פאַרשפּאָרט אָנשטרענגונגען און די נייטיקייט אויפצונעמען אַ נייעם איינדרוק מיט אַלע מעגלעכע נייע דעטאַלן.

אַ דערפאַרענער דאַרף, למשל, נישט זען די *גאַנצע* נייע בילד, ער דאַרף כּלל נישט האָבן קיין דעטאַליזירטן בילדלעכן איינדרוק פון אויפנאַם, ווען דער לעצטער איז אַפילו אַ נייער: אים איז גענוג צו זען נאָר געוויסע טיילן פון בילד, כּדי ער זאָל די איבעריקע טיילן אַליין דערגאַנצן. אַ דערפאַרענער דאַרף נישט האָבן קיין גאַנצן דעטאַליזירטן אַקוסטישן איינדרוק, אים איז גענוג צו באַקומען נאָר געוויסע קלאַנג־עלעמענטן פון אַן אַקוסטישן איינדרוק, ווען דער לעצטע איז אַפילו אַ נייער, כּדי ער זאָל קענען זיי איבעריקע עלעמענטן אַליין דערגאַנצן.

דעם דערוואַקסענעם איז גענוג אַן *אַלגעמיינער* איינדרוק—אַן אָפּטישער, אַן אַקוסטישער א. אַ. וו.—כּדי ער זאָל זיין בכּח אים אַליין צו דעטאַליזירן ביי זיין רעפּראָדוצירן אים.

און דידאָזיקע פאַרקירצטקייט, דידאָזיקע עקאָנאָמיע דערקלערט זיך ווידער אַמאָל מיט דעם פאַקט פון דערפאַרונג. אויב אַפילו דער איינדרוק איז אינגאַנצן ניי פאַר דעם דערוואַקסענעם, אויב די איינצעלע דעטאַלן פון דעם איינדרוק זיינען אַפילו קיינמאָל נאָך נישט אויפגענומען געוואָרן פון אים, ווי אַזוי זיי זיינען איצט, פאַרמאָגט ער אָבער, אַ דאַנק זיין דערפאַרונג, די פאַרגלייכונגס־פעיִקייט, די סינטעטישע קענטניש, ער קען פאַרגלייכן נייע איינדרוקן מיט אַלטע, אומבאַקאַנטע מיט באַקאַנטע, ער קען פאַרייניקן איינצעלע איינדרוקן צוזאַמען און שאַפן פון צעשפּליטערטע איינדרוקן אַ מאָניסטישעס גאַנצעס.

ביים דערפאַרונגסלאָזן קינד איז אָבער אַזאַ פאַרקירצטקייט אין דירעקטן אויפנעמען נישט מעגלעך. ער קען נישט פאַרגלייכן די אויפגענומענע איצט איינדרוקן מיט די אויפגענומענע פריער פּשוט דערפאַר, ווייל די צאָל פון די פריער אויפגענומענע איינדרוקן איז זייער קליין און איז אָפט אַפילו גלייך נול, ער קען נישט סינטעזירן איינצעלע, צעשפּליטערטע איינדרוקן, ווייל דער סינטעז מוז דאָך קומען אַלס רעזולטאַט פון אַנאַליז, פון איבונג, פון געניטקייט, ווידער אַמאָל

פֿון פֿאַרגלייכונגס־פֿעיקייט, אַנדערש־גערעדט: פֿון דערפֿאַרונג, וועלכע פֿעלט ביים קינד

און נאָך צוליב איין טעם איז די דירעקטע אויפֿנאַמע פֿון דער־פֿאַרענעם דערוואַקסענעם אַ מער גענויע, אַ מער פּינקטלעכע, ווי ביי דעם דערפֿאַרונגסלאָזן קינד. דער דערוואַקסענער קען זיך ביי דער דירעקטער אויפֿנאַמע באַהערשן, ער קען ביי זיך שאַפֿן דעם נייטיקן גלייכגעוויכט פֿאַר אַן אָביעקטיוון צושויער, ער קען ביי זיך שאַפֿן די נייטיקע באַאָבאַכטערשע סטאַטישקייט אַפֿילו ביי דעם אויפֿנעמען פֿון דינאַמישן געשען. דער דערוואַקסענער איז דיסציפּלינירט אין זיין באַאָבאַכטן, אין זיין דירעקטן אויפֿנעמען, ער ווייס ווי אַזוי און וואָס צו באַאָבאַכטן, ער קען זיך איזאָלירן פֿון אַלעם אַנדערן, וואָס שטערט זיין אוממיטלבאַרער אין געגעבענעם מאָמענט באַאָבאַכטונג. ער קען בכלל די אַרומיקע וועלט טיילן אויף אוממיטלבאַר און מיטלבאַר, ער ווילט זיך אויס אין אַ געוויסן מאָמענט אַ טייל, אַ קאָמפּלעקס אַפֿילו פֿון פֿאַקטן, וועלכע ער מאַכט פֿאַר אוממיטלבאַר און טיילט זיי אָפּ פֿון אַלע אַנדערע, וואָס זיינען פֿאַר אים נאָר מיטלבאַר.

דאָס קינד איז אָבער שטענדיק אומאויפֿהערלעך דינאַמיש, ער איז דינאַמיש נישט נאָר ביים דינאַמישן געשען, נישט נאָר ביים פּראָצעס פֿון „ווערדן”, נאָר אַפֿילו ביי דעם סטאַטישן רעזולטאַט פֿון געשען, ביי דער אויסגעפֿורימטקייט פֿון געשען גופֿא. דאָס קינד קען נישט טיילן די אומגעבונג אויף אוממיטלבאַר און מיטלבאַר, ווייל פֿאַר אים איז אַלץ, אָן אויסנאַם, נאָר אוממיטלבאַר, ער קען נישט האָבן דעם נייטיקן באַאָבאַכטערשן גלייכגעוויכט, אים פֿעלן אָפּהאַלטנדיקע צענטרען, ער קען זיך נישט קאָנצענטרירן אויף איין באַשטימטן באַאָבאַכטונגס־מאַטעריאַל, כדי ער זאָל זיין בכח דעם לעצטן אַרומצונעמען פֿון אַלע זייטן און האָבן פֿון אים אַ מעגלעך־פֿולסטן איינדרוק.

ס'איז, למשל, באַקאַנט, אַז קינד'ער זיינען שטענדיק צושטרייט ס'איז אין דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע אינטערעסאַנט אין דעם פּרט די באַקאַנטע שטרייט־פֿראַגע וועגן דער קעגנזייטיקער שייכות צווישן דערוואַקסענעמס אויפֿמערקזאַמקייט און קינדס צושטרייטקייט. ס'איז פֿאַראַן אַ מיינונג—און לויט אונזער איינזען אַ ריכטיקע מיינונג,—אַז קינדערשע צושטרייטקייט איז נישט מינוס אויפֿמערקזאַמקייט, נאָר דוקא פֿאַרקערט, פֿאַרשטאַרקטע, פֿאַרפֿילפֿאַכטע אויפֿמערקזאַמקייט. קינדערשע צושטרייטקייט איז אַזאַ איבערמאָסיקע, אַזאַ אינטענסיפֿיצירטע אויפֿ־

מערקזאַמקייט, וואָס דערלאָזט נישט אָפּצושטעלן און צו פיקסירן די לעצטע אויף איין באַשטימטן געגנשטאַנד, ווייל פיקסירטע אויפמערקזאַמקייט איז דאָך, אין תּוך אַריין, באַגרעניצטע אויפמערקזאַמקייט. פאַר דעם קינדס צושטרייטקייט, וועלכע איז, באמת, נאָר אינטענסיפיצירטע אויפמערקזאַמקייט, דאַרף מען זוכן אַ זכות, אַ באַרעכטיקונגס-זכות, אַלאַ דעם זכות פון רבי לוי-יצחק בערדיטשעווער אויף יענעם בעל-עגלה, וועלכער האָט געדאַווענט דוקא בשעת שמירן די רעדער:

—זע, גאָטעניו, ווען ער שמירט די רעדער אַפילו, דאַווענט ער אויך!

לויט דעמזעלביקן נוסח וואָלט אונזער זכות אויף דעם קינדס צושטרייטקייט געווען אַזאַ:

—זע, ווי גרויס די קינדערשע אויפמערקזאַמקייט איז, אַז ווען דאָס קינד איז צושטרייט אַפילו, איז ער אויך אויפמערקזאַם!

און דער „אַפילו" און דער „אויך" זיינען דאָ איבעריק, ווייל די צושטרייטקייט איז נישט נאָר „אויך-אויפמערקזאַמקייט", נאָר בעיקר אויפמערקזאַמקייט, אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, וואָס לאָזט זיך נישט איינקלאַמערן, אויפּאיינגען, קאָנסערווירט ווערן.

און די באַוועגלעכקייט פון דער קינדערשער אויפמערקזאַמקייט, דידאָזיקע קינדערשע צושטרייטקייט, וואָס איז פאַרטאָפּלטע אויפמערקזאַמקייט שטערט דער פּינקטלעכקייט פון דער דירעקטער קינדערשער אויפנאַמע, וועבט זי דורך מיט אַ בונטפאַרביקייט פון אַ סך איינדרוקן.

דאָס קינד קען דעריבער נישט האָבן פאַר זיין נאָכמאַכונג קיין געטרייעם אָריגינאַל פון „זה ראה וקדש", ווייל ביי זיין אויפנעמען גופא האָט ער געהאַט אַ סך „זה ראה וקדש'ן" ווייל פּינקטלעכקייט פון אָריגינאַל פאָדערט קאָנצענטרירטקייט, באַגרעניצטקייט פון וויסנלוסט, פאָדערט דאָס, וואָס איז פאַר דעם אומדיסציפּלינירטן און דורכאויס אימפּולסיוון קינד אוממעגלעך.

די באַוועגלעכקייט פון קינד, די צושטרייטקייט פון קינד ווירקט אָבער אויף דער אומפּינקטלעכקייט נישט נאָר פון איינדרוק, נישט נאָך אויף דער אומפּינקטלעכקייט פון אויפנעמען די אורפאָרמירונג, נאָר אויך—נישט אין אַ קלענערער מאָס—אויף דער אומפּינקטלעכקייט פון רעפּראָדוצירן דעם איינדרוק, אויף דער אומפּינקטלעכקייט פון רעקאָנסטרואירטער נייפאָרמירונג.

אין ערשטן פאַל איז דעם קינדס צושטרייטקייט און אומדיס-

ציפּלינירטקייט פּאַסיווער וויסנזוכט (מער זען, מער הערן, מער זאַמלען איינדרוקן) אין צווייטן פאַל איז זי אָבער שוין אַקטיווער וויסנזוכט (מער מאַכן זען, מער מאַכן הערן, מער פאָרשטעלן איינדרוקן). אין דעם עצם פּראָצעס פון רעפּראָדוצירן קען זיך דאָס קינד אויך נישט אָפּשטעלן, נישט קאָנצענטרירן אויף אַ באַשטימטן ווילן, ער קען נישט גיין בהדרגהדיק צו איין פאָרויס באַשטימטן צוועק, ווייל יעדע מינוט, מיט יעדן עלעמענט פון זיין רעקאָנסטרואירונגס־אַרבעט, שווימען פאַר אים אַרויס נייע ווילנס, נייע צוועקן.

דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן"—די אַקטיוויטעט וואַקסט אין פּראָצעס פון דער עצם רעקאָנסטרוקציע־אַרבעט, און די איניציאַטיוו פירט אים אַראָפּ פון דעם וועג פון פּינקטלעכן נאָכמאַכן יענעם און פירט אים נישט ווילנדיק אַרויף אויף גאָר אַ נייעם וועג פון אורמאַכן, פון זעלבסטמאַכן.

ער קומט נאָכצומאַכן אַ פרעמדער האַנדלונג פון אַ פרעמדן אָביעקט, נאָר בשעת מעשה וועבט ער די נאָכמאַכונג גופא דורך מיט אַזוי פיל אייגנס, אַז פון דער נאָכמאַכונג ווערט, באמת, אַ נייע, אַן אייגענע מאַכונג, וועלכע האָט אָפט אַפּי׳ו ווייניק אַלגעמיינעס מיט דעם פריערדיקן אָריגינאַל פון דער נאָכמאַכונג. דאָס קינד קען, אַ דאַנק זיין צו רירעוודיקער קאָמבינאַציאָנספעיקייט, אַ דאַנק זיין צושטרייטקייט, נעמען אָנשטאָט איין באַשטימטן אָריגינאַל פאַר זיין נאָכמאַכונג אַ סך אָריגינאַלן, ער מאַכט נאָך נישט איין באַשטימטן אָביעקט, נאָר אין איין און דערזעלביקער צייט מאַכט ער נאָך אַ גאַנצער ריי פון באַזונדערע אָביעקטן. דעם קינד נאָכמאַכונג איז נישט קיין קאָפּיע, נאָר אַן איבערדיכטונג. ער טראָגט אַריבער אייגנשאַפטן פון איין אָריגינאַל אויף דעם צווייטן, זיין נאָכמאַכונג איז אָפט דעריבער אַ מאָזאַיק פון אַ סך באַזונדערע אָביעקטן. זיין נאָכמאַכונג איז שטענדיק אַ געמיש פון מעכאַנישן מיט איניציאַטיוו, פון קאָפּיע מיט איבערדיכטונג, פון נאָכמאַכן יענעם מיט מאַכן פון דאָסניי, פון רעפּראָדוצירונג מיט אורפּראָדוצירונג, אַנדערש גערעדט: אַ געמיש פון קאַפּיטולאַציע קעגן דערוואַקסענעם מיט אַ זיג פון זיך איבער דעם דערוואַקסענעם, אַ געמיש פון פּערזענלעכקייטס־אַראָפּזעצונג מיט אַקטיוויזירטן פּערזענלעכקייטס־געפיל.

סכעמאַטיש וואָלט די קינדערשע נאָכמאַכונג, אין אונטערשייד

פון דער נאָכמאַכונג ביי דערוואַקסענע געקענט לויט אירע אייגנאַר־
טיקייטן פאָרגעשטעלט ווערן אַזוי:



אויב ביי דער נאָכמאַכונג פון דערוואַקסענעם שפּילט אַ ראָל דער זכרון, די מעגלעכקייט פאַר זכרון-רעפּראָדוצירונג פון פריער געשעענעם (ביי זיך, ווי ביי יענעם), ווייל די נאָכמאַכונג קומט דאָך דאָס רוב נישט פאַר אין זעלביקן מאָמענט פון איינדרוק־אויפנעמען, נאָר זי איז אַ צוריקקער צום געשעענעם פ ר י ע ר, שפּילט ביי דער קינדערשער נאָכמאַכונג אַ ראָל שוין נישט דער זכרון אין זיין גאַנצן, נאָר בלויז אין זיין אָנהויב, אין געשטאַלט פון דער אַזוי גערופענער ווידערערקענונג.

מ׳דאַרף אונטערשיידן צווישן פולשטענדיקער ערינערונג און פאַרערינערונג. די פולשטענדיקע ערינערונג קומט פון איבונג, פון לאַנג איבערגעחזרטער אַקציע, פון דערפאַרונג, וואָס קלענער דער סכום פון אָנגעזאַמלטע דערפאַרונגען איז, אַלץ שוואַכער מוז ממילא זיין די פולשטענדיקע ערינערונגס־פעיקייט. קאַרל בילער *) טיילט איין די אַנטוויקלונגס-פאַזן פון רעפּראָדוקציע ביי קינדער (שוין פון פריסטן עלטער) אויף פאָלגנדיקע דריי שטופן: 1) באַקאַנטהייטס־ אָדער פאַרשיידנהייטס־איינדרוק (פאַרשיידנהייט איז דאָך די פאַרקערטע זייט פון באַקאַנטהייט; כדי צו האָבן אַן אַנונג וועגן פאַרשיידנהייט, מוז מען פריער האָבן אַן אַנונג וועגן באַקאַנטהייט), 2) ערלעבנישן פון פאַרשידענעם ווידערערקענען און 3) פולשטענדיקע ערינערונג מיט לאָקאַל־באַציונגען

די ווידערערקענונג דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס ערב־שטופע פון פולשטענדיקער ערינערונג, אַלס ערינערונג מיט הפסקות. די ווידער־ערקענונג ווערט אַרויסגערופן דורך דויערנדיקע אָביעקטן (וויגונג, למשל) אָדער אָפט זיך איבערחזרנדיקע אָביעקטן (שפּילצייג, למשל) דורך אַ קייט פון ערלעבניסן, וואָס דידאָזיקע אָביעקטן רופן אַרויס.

דער דויער (אָפטע איבערחזרונג איז אויך דויער) פון דעם אָביעקט און די קייט פון ערלעבניסן פון דעמדאָזיקן אָביעקט מוזן צווישן זיך האָבן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג. ווען ס׳קומט אָבער צווישן זיי פאַר אַ הפסקה, ד. ה. ווען דער צוזאַמענבונד צווישן זיי פאַלט

*) זע: Karl Bühler: Die Geistige Entwicklung des Kindes, Jena, 1918.

אַוועק, דאַן פאַרשווינדט אויך ממילא די ווידערערקענונג. ווי לאַנג די הפסקה קען זיין, אַז די ווידערערקענונג זאָל נישט פאַרשווינדן איז נאָך אין דער קינדערפּסיכאָלאָגיע נישט גענוי פעסטגעשטעלט. און שטעלט נאָך מיט זיך פאָר אַ פראַגע פאַר ספּעציעלער פאָר־שונג.

לויט שטערן*).קומט אַ שטאַרקע ווידערערקענונג אָן אין צווייטן לעבנסיאָר. (אָריענטירונג אין וואוינונג, דערקענען די שפּילצייג א. אַ.)

פאַר דער ווידערערקענונג זיינען וויכטיק אַ פ ע ק ט־ב אַ ט אָ נ ט ע ע ר ל ע ב נ י ס ן : ווען אַ פּערזאָן פאַרשאַפט דעם קינד אַ גרויס פאַר־געניגן אָדער שמערץ, וועט די ווידערערקענונג אָנקומען גיכער און שטאַרקער.

דאָס גופא, וואָס דער נייטיקער פאַר רעפּראָדוקציע זכרון איז ביים קינד פאַרטראָטן בלויז אין דער פאָרשטופע פון ווידערערקענען, העלפט אויך באַדייטנדיק מיט דער אַנדערשקייט פון קינדערשער נאָכ־מאַכונג, גיט צו דער לעצטער אַ באַזונדער, אַן אייגנאַרטיקן כאַראַק־טער.

ס'איז אָבער, אויסער דעם פאַקט פון נישט פולשטענדיקער ערי־נערונג, פון ווידערערקענען אָנשטאָט ערינערונג ביי דער קינדערשער נאָכמאַכונג, באַזונדערס וויכטיק די ערשטע פאַזע פון זיין רעפּראָ־דוקציע, דער באַקאַנטהייטס־ אָדער פאַרשיידנהייטס־איינדרוק.

דאָס איז, אַנדערש געזעדט, די וויכטיקע און קאַרדינאַלע פראַ־גע וועגן דעם אופן פון אויפנעמען מצד דעם קינד די אַרומיקע וועלט, פון זיין ערשטן אַנטפּלעקן די אומבאַקאַנטע אומגעבונג.

די פראַגע האָט אַ באַזונדער באַדייט פאַר דער גענויערער באַ־שטימונג פון קינדס נאָכמאַכונג צוליב דעם שוין, וואָס נאָכמאַכונג, די ערשטע קינדערשע נאָכמאַכונג, באַזירט דאָך אויף אַ באַשטימטן אָביעקט, אויף אַ באַשטימטן קאָמפּלעקס פון איינדרוקן, וואָס דער קינ־דערשער נאָכמאַכער באַקוקט פון אָביעקט און דער אָביעקט צוזאַמען

---

*) זע: Cl. u. W. Stern: Erinerungen, Aussage und Läge der ersten Kindheit, Leipzig, 1919.

מיט די באַקומענע פון אים איינדרוקן זיינען דאָך אַ טייל פון דער אומבאַקאַנטער אומגעבונג.

כּדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע, מוז געמאַכט ווערן כאָטש אַ געלויפיקע עקסקורסיע אין דער אַזוי גערופענער רוים־פּסיכאָלאָגיע, ווייל די ערשטע אויפפאַסונג פון דער אומגעבונג האָט דאָך אומבאַדינגט אַ רוימלעכן כאַראַקטער.

די ערשטע אַנטדעקונג דורך דעם קינד פון דער אומגעבונג אין איר רוימלעכן זין איז זייער באַשווערט און זייער נישט פּולקאָם, צוליב דער מאַנגלהאַפטיקייט פון די חושים, מיט דער הילף פון וועלכע די רוימלעכע אומגעבונג קען און דאַרף אויפגעפאַסט ווערן. און גערעכט זענען די אָנהייגער פון דער מאַרבורגער רוים-פּסיכאָלאָגישער שול, ווען זיי באַהויפּטן, אַז די אונטערזוכונג פון די רוימלעכע אייגנשאַפטן פון אָפּטישע אָנשויאונגס־בילדער האָט אַ גרויסע און וויכטיקע באַדייטונג אין אויפבוי פון נאָרמאַלן זע־רוים. *)

די אומגעבונג איז פאַר דעם קינד פון פריסטן עלטער קודם כּל אַ זע־רוים, אַ הער־רוים, בקיצור: אַ רוים, וואָס דאַרף אויפגעפאַסט און אויפגענומען ווערן מיט דער הילף פון די חושים. און אַזוי ווי די דאָזיקע חושים זיינען אין דעם געגעבענעם עלטער דוקא נישט פולקאָם, דוקא פעלערהאַפט, איז שוין ממילא אויך די עצם אויפפאַסונג פון דער אומגעבונג נישט פולקאָם און פעלערהאַפט.

ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך די באַהויפּטונג פון וו. סטערן *), אַז ביים קינד איז פון אָנהויב דער זע־רוים נישט אַנטוויקלט ווי געהעריק: די אויגן ביים קינד פון גאָר פריסטן עלטער (זויגלינג-עלטער)

---

*) Die Analyse raumlichen Eigenschaften optischer Anschauungs-bilder im Dienste der Raumpsychologie, E. R. Iaenscha F. Reich „über denA ufbau der Wahrnehmungswelt.“ אין זאמלבוך:
Verl. Ambrosius Bartu, Leipzig, 1923

Über den Aufbau der Wahrnehmungswelt und ihre (*
Struktur in Iugendalter–eine untersuchung über Grundlagen und Ausgang-punkte unserer Weltbildes etc.

קענען זיך באַוועגן אומהאַרמאָניש, איין אויג רעכטס, דאָס אַנדערע לינקס. דאָס זעלביקע קומט פאָר אויך בנוגע דעם חוש־השמיעה און אַנדערע חושים.

ביישפּילן קען מען ברענגען זייער פיל. אַזוי, למשל, דער־קלערט זיך די נישט פּינקטלעכקייט אין צייכנען פון פאַרשול־קינדער מיט דער אומפאָלקאָמהייט פון די חושים, אָדער אַנדערש גערעדט: מיט דער אומפאָלקאָמהייט פון דער אומגעבונג-אויפפאַסונג. די סיבה פון דער אָנגעוויזענער אומפולקאָמהייט איז די דערפאַרונגסלאָזיקייט פון קינד. אַנאַלאָגיש איז די אויפפאַסונגספעיקייט פון די אומקולטו-רעלע מענטשן, פון די מענטשן אויף די נידעריקסטע קולטור־שטופן. קולטור פאַר די מענטשן איז דאָך ווי דערפאַרונג פאַר דעם קינד, ווי כ׳האָב שוין אויבן געזאָגט. קולטור איז די קאָלעקטיווע דערפאַ־רונג פון דעם קאָלעקטיוון קינד, פון דער מאַסע. אַזוי, למשל, גע־פינט דער רייזנדער לייכהאַרדט *), אַז די זינלעך־קאָנקרעטע איינ־דרוקן פרייגן זיך איין אין געדערעניש פון נאַטורמענטש גלייכזאַם און דאגוערעאָטיפּיש, זיי ווערן ווי אָפּגעפאָטאָגראַפירט אין זיינע געהירן, וועלכע זיינען נאָך נישט באַשעפטיקט מיט קיינע אַב־סטראַקטע געדאַנקען.

דעם קינד גיט זיך זייער שווער בכלל די אויפפאַסונג פון אַן אַלגעמיינער פאָרשטעלונג וועגן דער אומגעבונג.

אין דעם פּרט זיינען קינדער אַפילו הינטערשטעליק לגבי חיות. ס׳איז אינטערעסאַנט, למשל, די אָנווייזונג פון פּרייער **), אַז די רוים־דימיסיאָן (פאָרשטעלונג וועגן רוים) קומט ביי קינדער אַ סך שפּעטער, ווי ביי חיות (אַ הון אָריענטירט זיך אין רוים שוין ביי איר ערשטן פּיקן די קערנער). דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די כראָנאָלאָ־גישע דיסטאַנץ צווישן קינדהייט און דערוואַקסנקייט איז ביים קינד

---

*) Tagebuch einer Landreise in Ausrtalien, 1851.

**) ז. 35, Ibid

אַ סך גרעסער, ווי ביי חיות (אויף וואָס מיר האָבן זיך אויבן שוין לענגער אָפּגעשטעלט. *)

דעם קינדס רוים־דימיסיאָן ווערט געמינערט און ליידט שטאַרק פון פאַרשיידענע רוים-שטערונגען. (די פראַגע וועגן די רוים־שטערונגען, צווישן וועלכע ס'פאַרנעמט אַ וויכטיקן פלאַץ די אומפאָלקאָמהייט פון די פריקינדערשע חושים, ווערט ברייט באַהאַנדלט און עקספּערימענטירט דורך דער מאַרבורגער שול פאַר רוים-פּסיכאָלאָגיע, אויבן שוין ציטירט).

און אַז די רוים־שטערונגען זיינען באמת אַ וויכטיקע מניעה און שוועריקייט פאַר דער קינדערשער רוים־דימיסיאָן, זעט מען אויך פון דעם, וואָס איינע פון די אייגנשאַפטן פון דער קינדערשער פאַנטאַזיע איז דוקא דאָס דערווייטערן, דאָס צונישט מאַכן דידאָזיקע שטערונגען. די פאַנטאַזיע איז דאָך, ווי געזאָגט, אַ פּלאַץ פאַר קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס פון קינד אין זיין קאַמף קעגן יעדער מינדערווערטיקייט, קעגן יעדער אַראָפּזעצנדיקער ווירקלעכקייט, און אַזוי ווי אין דער ווירקלעכקייט טרעפט זיך די רוים-דימיסיאָן אָן אויף גרויסע שטערונגען, ווערן די לעצטע באַזייטיקט, קאָמפּענסירט. אין דעם קינדס מעשהלע פאַרנעמען נישט קיין אָרט די רוים־ און צייט־טיילונגען. די האַנדלונג, די באַוועגלעכע האַנדלונג אין דער קינדער־מעשהלע שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר רוים-גרענעצן (קפיצת-הדרך איז אַ כאַראַקטעריסטישער סימן פאַר דערדאָזיקער מעשהלע, גרענעצן צווישן „דאָ” און „דאָרט” זיינען נישט עקזיסטירבאַר א. אַ. וו.), ווי אייך פאַר צייט-גרענעצן (צונויפגעפלאָכטן „איצט” און „שפּעטער”, „היינט” און „מאָרגן”, „קינד” און „אַלט” א. אַ. וו.)

אַזוי ווי די באַקאַנטשאַפט מיט דער אומגעבונג ביים קינד בכלל, די אַזוי גערופענע דימיסיאָן, איז פאַר דעם קינד שטאַרק באַשווערט, הויבט ער אָן דורכצופירן דידאָזיקע באַקאַנטשאַפט, ווי אַלעס אַנדערעס אין זיין אַנטוויקלונג, לויט דער ליניע פון קלענערן ווידערשטאַנד, פון לייכטערן צום שווערערן.

---

*) זע דעם ערשטן קאַפּיטל.

אין תסכם מיט דעם קען אין דער אַנטוויקלונג פון דער קינ-דערשער אומגעבונגס־אויפפאַסונג פאַרצייכנט ווערן לויטן סדר צוויי הויפט־סטאַדיען: א) אויפפאַסונג פון דער אומגעבונג אַלס גאַנצעס, אַלגעמיינע אויפפאַסונג און ב) אויפפאַסונג פון דער אויפגעבונג אין אירע טיילן.

די צווייטע הויפט־סטאַדיע (אויפפאַסונג פון דער אומגעבונג לויט טיילן) האָט, צווישן אַלע אַנדערע אירע סוב־טיילונגען אַן אונטער־פאַזע פון א) אַנאַליז און ב) פון סינטעז.

פאַר דער ערשטער הויפט-סטאַדיע פון אַלגעמיינער אויפ־פאַסונג גילטן שאָפּענהויערסווערטער: „ווען איינער, וואָס איז איבער־ראַשט פון אַ שיינער אויסזיכט, וועלכע עפנט זיך פּלוצלינג פאַר זיי־נע אויגן, פאַרלירט אויף אַ רגע, אונטער דעם דרוק פון דער איבער-ראַשונג, זיין גלייכגילטיקן פאַרשטאַנד, דאַן בלייבט אים איבער פון דער גאַנצער אויסזיכט נישט מער, ווי די עמפּינדונג פון זייער פיל־אַרטיקער רעאַקציע, וועלכע איז אין איר צוזאַמענשטעל גלייך צו ענעם רוישטאָף, פון וועלכע ס׳ווערט געוויינלעך געשאַפן די אָנשוי־אונג פון פאַרשטאַנד.״

און אויב אָויך ביי אַ דערוואַקסענעם, וואָס איז אַ דאַנק זיין דערפאַרונג אַזוי ווייניק גענייגט צו איבערראַשונג, וואָס ביי אים קען אַן איבערראַשונג פאַר „אַ שיינער און ווייטער אויסזיכט״ זיין נאָר אַ צופאַל, אַ צייטווייליקע דערשיינונג איז אַזוי, הייגט ווי אַלגעמיין און אוממיטלבאַר דאַרף שוין זיין די בילד פון אומגעבונג ביי דעם דערפאַרונגסלאָזן קינד, פאַר וועלכן אַלץ אין ארומיקן איז בלויז איבערראַשונג, יעדע אויסזיכט בכלל איז ווייט (הגם נישט אַלע מאָל שיין)?! די רעאַקציע, וואָס די אומגעבונג ברייגגט ביים קינד, איז דעריבער שטענדיק און אומבאַדינגט אַן איינהייטלעכע, אַ גאַנצע, אַ נישטטיילבאַרע. אַזאַ פולשטענדיק איינהייטלעכע, נישטטיילבאַרע פאַר־שטעלונג איז אָבער ווירקזאַם ביים קינד בלויז אין מאָמענט פון זיין דערפאַרונגסלאָזיקייט, פון זיין אורשפּרינגלעכקייט. וואָס מער אָבער דאָס קינד ווערט דערפאַרן, וואָס מער ס׳ווערט ביי אים אויסגעראָטן דאָס אורשפּרינגלעך־קינדישע און ווערט פאַרביטן מיט דערוואַקסנקייט, וואָס מער דאָס קינד קאַפּיטולירט פאַר דעם דערוואַקסענעם, אַלץ מער צע־פאַלט זיך דידאָזיקע פולשטענדיקע איינהייטלעכקייט פון דער רעאַק־

ציע. דאָס קינד פֿאַרלירט אַלץ מער זיין ערשטע פֿאַרשטענדלעכע איבערראַשונגס־קראַפֿט פֿאַר נייע אויסזיכטן, ווייל די לעצטע ווערן שוין פֿאַר אים סיי אויס ניי, סיי אויס ווייט, און דאָס קינד גייט שויז אַריבער נאַטירלעכווייז צו טיילן דאָס אומגעבונג־בילד. און דער כראָנאָלאָגישער סדר איז דערביי אַזאַ: פֿריער אַנאַליז פֿון דער אומגעבונג, צוטיילונג פֿון דער אומגעבונג אויף חלקים, דאָס אויפֿנעמען די אומגעבונג אין אירע חלקים און ערשט שפּעטער קומט די ווידערפֿאַרייניקונג פֿון די חלקים אין אַ גאַנצן. פֿאַראַן, אַלזאָ, באַזונדערע אַרטן פֿון איינהייטלעכקייט ביי דער אומגעבונגס־אויפֿנעמונג: אַ פֿריערדיקע און אַ שפּעטערדיקע. די פֿריערדיקע, די פּריסטע איינהייטלעכקייט איז אַ פּראָדוקט פֿון אַבסאָלוטער דערפֿאַרונגסלאָזיקייט, פֿון איבערראַשונגס־קראַפֿט, וואָס ס׳איז אַנטהאַלטן אין די אויפֿגעגוייענע אויסזיכטן, די אַנדערע פֿאַרקערט, איז שוין אַ רעזולטאַט פֿון אויסגעפּאָרמירטער דערפֿאַרונג, פֿון געשאַפֿענער איבערראַשונגסלאָזיקייט.

און אַזוי ווערט טאַקי פֿאַרטיילט די אַנטוויקלונג פֿון דער קינדערשער באַאָבאַכטונגס־פֿעיקייט, פֿון דער קינדערשער פֿעיקייט אויפֿצונעמען די אַרומיקע וועלט.

כ׳ברייננ דאָ די מיינונג פֿון די מאַרבורגער:

„די טעלעאָלאָגישע באַדייטונג פֿון דעם ספּאָנטאַנער און ווילקירלעכער רוים־פֿאַרלאַגערונג באַשטייט אין דעם, וואָס כמעט אַלע פֿאַנטאַזיעאַרטיקע און דענק־באַאָבאַכטונגען פֿון דערווירקלעכקייט פֿאָדערן: א) די צערלייגונג (=אַנאַליז) פֿון די געגעבענע קאָמפּלעקסן און זייער אומאָרדנונג (ענדערונגען פֿון אָרדנונג), ב) דעם נאָכפֿאָלגנדיקן ווידעראויפֿבוי (=סינטעז). די ספּאָנטאַנע רוים־פֿאַרלאַגערונג ברייננט דאָס ערשטע (=דעם אַנאַליז) אין יעדן פֿאַל און דאָס צווייטע (=סינטעז) נאָר אין אָפּהייניקייט פֿון מעכאַנישער דערפֿאַרונג*)

פֿון דער געבראַכטער מיינונג איז פֿאַר אונז באַזונדערס וויכטיק, אַלזאָ, ערשטנס די עצם קלאַסיפֿיקאַציע פֿון דער קינדערשער באַאָבאַכטונגס־אַנטוויקלונג אין איר כראָנאָלאָגישן אַנטשטייאונגס־סדר: אַנאַ-

---

*) ז. Über dem Aufbau der Wahrnehmungswelt etc. 183

איז קודם לסינטעז. און, צווייטנס, די באַהויפּטונג, אַז די כראָנאָלאָ־ גיש־שפּעטערע טיילט זיך אָפּ פון דער פריערדיקער לויט דער מאָס פון דער איר פאַראורזאַכנדיקער דערפאַרונג.

ס׳קומט, אַלזאָ, אויס אַזוי:

ביי נול דערפאַרונג (אַזאַ צושטאַנד דאַרף, באמת, פאַרשטאַנען ווערן נאָר רעלאַטיוו, ווייל פאַקטיש טרעפט גאָר נישט אַזאַ צושטאַנד, ווי כ׳האָב שוין, אגב, געגויער דערוויזן אין קאַפּיטל איינס,) — איינ־ הייטלעכע, נישט טיילבאַרע פאָרשטעלונג וועגן דער אומגעבונג ביי אַ ביסל מער דערפאַרונג–אַנאַליז פון דער אומגעבונג, ביי נאָך מער דערפאַרונג, שוין ביי דער גרעסטער אויפזאַמלונג פון דערפאַרונג–סינטעז (צוריקבאַקומענע איינהייטלעכקייט פון רוים־ פאָרשטעלונג, פון רוים־דימיסיאָן).



אין דער ערשטער סטאַדיע פון קינדס אויפפאַסן די אומגעבונג (ביי גול דערפאַרונג) איז פאַר דעם קינד די גאַנצע וועלט אין יענער באַגרעניצטקייט און מיניאַטורישקייט, אין וועלכער זי אַנטפּלעקט זיך אים צום ערשטן מאָל איין אוממיטלבאַרעס גאַנצעס, אמת דערווייל נאָך אַן אומקלאָרעס אָבער דערפאַר אומבאַדינגט׳ס גאַנצעס. די אויפנאַמספעיקייט פון קינד אין דערדאָזיקער סטאַדיע וואָלט מען געקענט פאַרגלייכן מיט יענער באַגרעניצטער לאַנדשאַפט־אָנזיכט, וועלכע דערגייט צום אַרעסטאַנט דורך די ענגע פענסטערלעך פון זיין געפענגניס, זי איז נאָך מער ענלעך צו יענער באַגרעניצטער לאַנדשאַפט־אָנזיכט, וועלכע דערגייט צום אַרעסטאַנד דורך די ענגע פענסטערלעך פון אַ פליענדיקן אַרעסטאַנטן־צוג.

אַזעלכע אָנזיכטן שטעלן מיט זיך פאָר נישט דאָס לעבן, נאָר נישטיקע שטיקלעך פון לעבן, „שטיקלעך פון לעבן", ווי ס׳הייסט טאַקע אַ באַקאַנט רוסיש בילד פון אויבנדערמאָנטן אינהאַלט. די „שטיקלעך פון לעבן" פון די פרעמדע און פריער קיינמאָל נישט געזעענע לאַנדשאַפטן בייטן זיך שנעל און גיבן נישט די מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן זיך אויף זיי, דערלאָזן נישט צו דויערנדיקע אָבסערווירונג, און פון אַזעלכע „שטיקלעך לעבן" שטעלט זיך דעריבער אָפּ נישט מער, ווי אַן אַלגעמיינער איינדרוק, נאָר ווי אַ נעבלהאַפטער איינדרוק, וואָס קען נישט צעגלידערט ווערן. דאָס פאַרגליכן ווערן פון דער קינדערשער אויפנאַמעפעיקייט אין דער אָנגעוויזענער סטאַדיע מיט אַן אַרעסטאַנט אין געפענגניס־צוג איז נישט נאָר פון אַ ריטאָרישן כאַראַקטער, נאָר איז אויך באַרעכטיקט אַ דאַנק דער פולשטענדיקער אידענטישקייט צווישן זיי ביידן. דאָס קינד איז דאָך אין דער ערשטער סטאַדיע פון זיין אַנטוויקלונג באמת נישט אַנדערש, ווי אַן אַרעסטאַנט, וועלכער איז פאַרשפאַרט אין דער ענגער תפיסה פון אומוויסנהייט און אומבאַהאָלפנקייט, דאָס אַרומיקע לעבן איז פאַר אים לחלוטין ניי און פרעמד, אַלע דערשיינונגען און געגנשטאַנדן פון דעם לעבן זיינען פאַר אים אורשפּרינגלעכע אַנטדעקונגען. ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז אין דער ערשטער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע קען צווישן די אַלע אומצייליקע רייען פון אַנטדעקונגען פאַר דעם קינד נישט זיין ביי דעם לעצטן די פעיקייט צו קאָנצענטרירן זיך

אויף דעטאַלן קען נישט זיין די פאַרשטענדניש פאַר פעסטשטעלן די קעגנזייטיקע באַציונג פון איינצעלנע דערשיינונגען און געגנשטאַנדן, ד. ה. דורכצופירן אַפילו אַ קוואַנטיטאַטיווע און אַ פשיטא שוין נישט קיין קוואַנטיטאַטיווע פאַראַלעלן צווישן דער גאַנצער אים איבערראַשנדיקער בייהייט פון לעבן, אַנדערש גערעדט: אין דער סטאַדיע קען נאָך נישט זיין די פאַרשטענדניש פאַר דער **פאַרשיידנהייט** אין דער אַרומיקער וועלט.

דער באַגריף „פאַרשיידנהייט" איז אָבער אַן אומפאַרמיידלעכער פאָרבאַדינג פאַר דער נאָכמאַכונג, ווייל „פאַרשיידנהייט" איז דאָך די קעגנזייט פון „נישט־פאַרשיידנהייט", פון אידענטישעס, גלייכעס. און גלייכעס איז דאָך שוין זיכער דער נייטיקער צעמענט פון יעדער רעפּראָדוקציע, פון יעדער נאָכמאַכונג. דערדאָזיקער נייטיקער פאַר דער נאָכמאַכונג באַגריף פון „פאַרשיידנהייט" קומט ערשט אין דער צווייטער סטאַדיע, אין דער סטאַדיע פון אַנאַליז.

דערביי איז נייטיק צוצוגעבן, אַז דער באַגריף „דערוואַקסענער", אַלס קאָנקרעטע אויסטייטשונג פון „פאַרשיידנהייט", אַלס קאָנקרעטער פאַל פון דער קלאָר געוואָרענער מענגע פון פאַרשיידנהייטן, דער באַגריף „דערוואַקסענער", וואָס איז די ערשטע נייטיקייט פאַר קינדערשער נאָכמאַכונג (ווייל דער דערוואַקסענער איז דאָך דער שטענדיקער אָביעקט פון דער קינדערשער נאָכמאַכונג.) קומט אויך צום ערשטן מאָל מיט דער סטאַדיע פון אַנאַליז.

אָבער דידאָזיקע צווייטע סטאַדיע פון אַנאַליז גופא איז נישט קיין איינהייטלעכע, קיין עלעמענטאַרע, זי באַשטייט ווידער פון אַ ריי סוב־סטאַדיעס. כ'וועל דאָ אָנווייזן אויף די וויכטיקסטע פון זיי, אין זייער כראָנאָלאָגישן סדר:

א. **אויסטיילונג פון דעטאַלן**, אָבער **נאָך נישט** **אַלס באַשטאַנדטיילן** פון גאַנצן, נאָר **אַלס זעלבשטענדיקע גאַנצע**. דאָס הייסט: ס'פאַלט אַראָפּ דער אומקלאָרקייט־צודעק פון גאַנצן, מען קען זען די באַזונדערע טיילן פון גאַנצן, צווישן די לעצטע פעלט נאָך אָבער וועלכע ס'איז נישט **קעגנזייטיקע שייכות**. דאָס גאַנצע שטעלט מיט זיך פאָר אַן איינפאַכע זאַמלונג פון צווישן זיך נישט געבונדענע טיילן און דעריבער זיינען די

טיילן גופא ווידער אַמאָל זעלבסשטענדיקע, הגם קלענערע גאַנצע. דאָס איז אַ סוב־סטאַדיע פון איינפאַכסטן אַנאַליז, פון קוואַליטאַטיווער אויסרעכנונג: דאָס גאַנצע A באַשטייט פון „a" און „b", „c" און „d" א. א. וו. די ווייטערע סוב־סטאַדיע איז שוין אַ טראָט פאָרויס

ב) אויסטיילונג פון דעטאַלן, וועלכע זיינען צווישן זיך געבונדן דורך אַ באַשטימטער עלעמענטאַרסטער קעגנזייטיקייט. איינצעלע טיילן פון גאַנצן שטעלן מיט זיך פאָר שוין נישט קיין זעלבסשטענדיקע, קלענערע גאַנצע, נאָר באַשטאַנדטיילן פון גאַנצן. די קעגנזייטיקע פאַרבינדונג צווישן די דעטאַלן אין דעם גאַנצן באַשטייט אין דער אַסאָציאַטיווקייט, דערווייל נאָך פון איינפאַכסטן מין: אַסאָציאַציעס לויט שכנות'דיקייט. די טיילן פאַרבינדן זיך איינע מיט די אַנדערע גרופנווייז, אַנשטאָט פריערדיקער אויסרעכנונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ געוויינלעכע נאָמען־אָנרופונג פון די איינצעלע חבור־צאָלן, באַשטייט דידאַזיקע אויסרעכנונג פון אָנרופן נעמען פון טיילווייזע סומען [$A=(a+b)+(c+d)$ א.א.וו.] די טיילווייזע סומען ווערן נאָך, אמת, נישט אויפגעשטעלט פון חבור־צאָלן, וואָס האָבן אַ גלייכן ווערט (=אַסאָציאַציע פון ענלעכקייט), נאָר בלויז פון נאָנטליגנדיקע. די אויסטיילונג פון דעטאַלן איז אין דער סטאַדיע, אַלזאָ, אַ שטאַרק באַדינגטע. די דריטע פאָרסטאַדיע איז:

ג) אויסטיילונג פון דעטאַלן שוין אין זייער קוואַליטאַטיווער קעגנזייטיקייט. דאָ קומט פאָר די פאַרייניקונג פון איינצעלע טיילן מיט דער הילף שוין פון אינהאַלטס־אַסאָציאַציעס (ענלעכקייט און קאָנטראַסט.) דאָ ווירקט שוין די ערשטע פאַרשטענדניס פאַר קאוזאַל־שיכות צווישן איינצעלע דערשיינונגען און געגנשטאַנדן. די סומען ווערן שוין אויפגעשטעלט נישט נאָר פון נאָנטליגנדיקע, נאָר פון גלייכווערטיקע חבור־צאָלן.

די אַנטוויקלונג פון דער אומגעבונג־אויפפאַסונג ביים קינד, אין די ראַמען פון איר אַנאַליז־סטאַדיע, וואָלט זיך פאָרגעשטעלט אין פאָלגנדיקער סכעמע:



אין סוף (IV) פון דער אַנאַליז־סטאַדיע קומט שוין דער סינ־טעז, דער אָנהויב פון סינטעז. כ'האָב זיך בכוונה אָפּגעשטעלט לענגער אויף דער געגנוג קאָמפּליצירטער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון קינדס פעיקייט אויפצונעמען די אַרומיקע וועלט, ווייל דאָס גיט אונז אַ בפירושע דערווייזונג פון דער נישט פינקטלעכקייט פון דער קינדערשער נאָכמאַכונג פון איין זייט און פון דעם צומיש פון אויטאָ־קינדערשן, פון עגאָצענטרישן אין דער נאָכמאַכונג (אַן אויסערונג און אַ סיבה פון דער נישט פינקטלעכקייט) פון דער צווייטער זייט. פאַר דער פינקטלעכקייט פון אַ נאָכמאַכונג פאָדערט זיך, קודם כל, איין באַשטימטער פאָרבאַדינג: די פעיקייט, וואָס דער סו־ביעקט פון דער נאָכמאַכונג פאַרמאָגט זיך צוצוגלייכן צום אָביעקט פון דער נאָכמאַכונג. די פעיקייט קעגנצושטעלן, מיטן צוועק פון אי־דענטיפיקאַציע, דעם אָריגינאַל פון דער נאָכמאַכונג די נייפאָרמירונג,

די קאָפּיע, דעם רעזולטאַט פון דער נאָכמאַכונג. אַנדערש גערעדט: ס׳פאָדערט זיך אַ פולקאָמע פעיקייט אויפצונעמען די אומגעבונג.

אַזאַ פולקאָמע פעיקייט פעלט נאָך אָבער דעם קינד און דעריבער קען ער זיך נישט איזאָלירן פון זיך ביי זיין נאָכמאַכן אַ פרעמדן, און דעריבער פאַרבלייבט אין זיין נאָכמאַכונג שטענדיק אַן אומבאַדינגטע און נישט באַזיגבאַרע דיסטאַנץ צווישן דעם, וואָס ער קומט נאָכצומאַכן און צווישן דעם, וואָס ס׳באַקומט זיך אין זיין נאָכמאַכונג.

און נאָך אַלע באַשרענקונגען איז די פריקינדערשע נאָכמאַכונג דאָך די איבערצייגנדיקסטע אילוסטראַציע צו דער קינדערשער קאַפּיטולאַציע קעגן דעם דערוואַקסענעם, די העפטיקסטע ראיה פאַר דער קינדערשער אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם.

די קינדערשע נאָכמאַכונג איז, ווי כ׳האָב אויבן געזאָגט, ע״פ רוב אַ נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם, ווייל דער דערוואַקסענער איז דער אַקטועלסטער טייל פון דער אומגעבונג פאַר דעם קינד, ווייל מיט דעם דערוואַקסענעם האָט ער אָפטערס צו טאָן, ווייל אויף אים שטויסט ער זיך אוממיטלבאַר אָן.

דאָס קינד איבערצייגט זיך פון זיין זיך פאַרמערנדיקער דערפאַרונג אַלץ מער אין דעם איבערגעוויכט פון דערוואַקסענעם, און, ווענדיק באַזייטיקן זיין מינדערווערטיקייט לגבי דעם איבערוועגנדיקן דערוואַקסענעם, שאַפט ער ביי זיך אַ שטאַרקן דראַנג צום דערוואַקסענעם, אַ שטרעבונג צו ווערן אַ דערוואַקסענער.

—„אָ, ווען איך בין אַ טאַטע, אַ מאַמע! א. אַ. וו., אָ, ווען איך בין אַ גרויסער!—דאָס איז דער רוף מיט אויסערגעוויינלעכער אויפריכטיקייט, וואָס ציטערט אַזוי אָפט אין פריקינדערשן קול, וואָס מיר הערן אַמאָפסטן פון פריקינדן מויל.

דעמדאָזיקן אויסרוף האָבן מיר סיי בשעתן קינדערשן שפּילן, סיי בשעת אַנדערע אַרטן פון נאָכמאַכונג ביים קינד—און דער אויסרוף איז אַ באַווייז, אַז די קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס אין קאַמף מיט דער אייגענער מינדערווערטיקייט, דאָס אילוזאָרישע פאַרגלייכן זיך מיט דעם דערוואַקסענעם געניגן שוין נישט דעם קינד. שטעלן שוין נישט איין דעם קינדס דראַנג נאָך מערווערטיקייט און פאַרפול־

קאָמהייט. דערדאָזיקער אויסרוף זאָגט עדות וועגן דעם, אַז אין דעם גאַנצן פריקינדערשן „איך" נאָגט שוין דער ווערימעל פון קנאה, אַז ער קען זיך שוין נישט באַנוגנען מיט אילוזיעס, אַז ער דאַרשט נאָך אַ ווירקלעכער, נאָך ענדגילטיקער אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם. דער דערמאָנטער אויסרוף איז עס די ווייסע פאָן אין די הענט פון דעם ענדגילטיק־קאַפּיטולירנדיקן אין קאַמף מיטן שטאַרקערן שונא!—

די קינדערשע נאָכמאַכונג, דער קינדערשער דראַנג צום דערוואַקסענעם באַקומט זיין אויסדרוק אין אַ סך פאַלן, אַמבולטסטן אָבער זעען מיר עס אין דער **קינדערשפּיל**. די קינדערשפּיל **איז די קינדער־פאַנטאַזיע אין אַקציע**, די דראַמאַטיזאַציע פון דער קינדער־פאַנטאַזיע און זי אַנטהאַלט אין זיך אַלע עלעמענטן פון דער קינדער־פאַנטאַסטיק, נאָר נאָך אויף אַ מער בולטן, אַ מער אויסגעשפּראָכענעם אופן.

און דאָך איז די קינדער־שפּיל, לגבי דער קינדערשער פאַנטאַזיע, אַ טראָט פאָרויס צום דערוואַקסענעם, אַ סימן פון אַ העכער־דערגרייכטע מדרגה אין דער אומוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם. פאַנטאַזיע איז קינדער־שפּיל **אין זיך**, שפּיל איז קינדער־פאַנטאַזיע **פון זיך**, אין אויסערלעכער אַנטפּלעקונג.

ביידע, סיי די קינדער־פאַנטאַזיע, סיי די קינדער־שפּיל האָבן אַלס זייער יסוד די קאָמפּענסאַציע פון קינדערשער מינדערווערטיקייט, ביידע זיינען זיי אַן אויסדרוק פון דער שטרעבונג **צום** דערוואַקסענעם, אין דערזעלביקער צייט אָבער איז די קינדער־פאַנטאַזיע אַ קאָמפּענסאַציע פון אַ **גרעסערער** מינדערווערטיקייט און די קינדער־שפּיל איז, פאַרקערט, אַן אויסדרוק פון אַ שטאַרקערן שטרעבן—און נישט נאָר שטרעבן, נאָר אויך דערגרייכן—**צום** דערוואַקסענעם.

סיי אין דער פאַנטאַזיע און סיי אין דער קינדער־שפּיל פיגורירט דער דערוואַקסענער אַלס פיקס־אידעע, די פאַרהעלטניס צווישן קינד און דערוואַקסענעם טרעטן דאָרט אַרויס (אין דער קינדער־מעשה'לע מער, ווי אין דער קינדער־שפּיל) אין אַ שטאַרק היפּערבאָליזירטער מאָס: ס'איז, למשל, נישט קיין צופעליקייט די שפע פון ריזן (מכשפים, שדים א. אַ. זיינען דאָך אויך רירן, נאָר אונטער אַ שלייער פון קינדס פאַראַכטונג, וועלכע איז ביי קינדער אָפט אַ סינאָנים פון פאַרגעטערונג),

אַלס סימבאָל פאַר דעם פולוועדטיקן דערוואַקסענעם פון איין זייט און קאַרליקעס אַלס סימבאָל פון קינדס מינדערווערטיקייט פון דער צווייטער זייט, ווי ס'איז אויך נישט קיין צופעליקייט דער פאַקט, וואָס אין אַלע כמעט קינדער-שפּילן ווערן גענומען אויסערגעוויינלעכע שווערע סיטואַציעס, סיטואַציעס, וואָס שטרייכן אונטער די מאַכט פון קינד און דינען זיין הערשטריב: נאָכמאַכונג פון די הערשערישע באַרופן (אַ קינד קלויבט זיך אויס די ראָל פון אַ קיסר, פון אַ מיליטערישן פירער, פון אַ פורמאַן א. אַ. נאָר דערפאַר, וואָס די אַלע ראָלן—אָן אונטערשייד פון קיסר ביז פורמאַן, דאָס קינד ווייס נאָך נישט די קונסט פון „ראַנגען-טאַבעל"—גיבן אים די מעגלעכקייט גלייך צו ווערן צום אַלמעכטיקן דערוואַקסענעם, צו באַקומען די פעלנדיקע קראַפט פון דערוואַקסענעם.

ביידע אָנגעוויזענע דערשיינונגען: די קינדער-פאַנטאַזיע און די קינדער-שפּיל טיילן זיך אָפּ איינע פון דער אַנדערער מיט דער מדרגה פון אַקטיוויטעט אין אויסדרוק, דער יסוד זייערער, דער אויסדרוק גופא איז אָבער ביי זייביידן דער זעלביקער: די שטרעבונג צום דערוואַקסענעם, די נאָכמאַכונג פון דערוואַקסענעם.

אין דער קינדער-פאַנטאַזיע איז די נאָכמאַכונג אַ ווייניקער פּינקטלעכע, זי שטימט ווייניקער, אַלס נייבילדונג, מיט די קאָנקרעטע סיטואַציעס פון דערוואַקסענעם, וואָס האָבן דעם קינד אָנגערעגט צו זיין פאַנטאַזיע, האָבן פאַרוואָרפן אומבאַמערקט די זריעה-קערנדלעך אין דעם באָדן פון דער קינדערשער פאַנטאַזיע. אין דער קינדער-שפּיל איז די נאָכמאַכונג אַ מער פּינקטלעכע, ריכטיקער, אַ ווייניקער אומפּינקטלעכע, און איר שטימט די נאָכמאַכונג מער, אַלס נייבילדונג מיט דעם אָריגינאַל.

דאָס דערקלערט זיך אָבער נאָר דערמיט, וואָס די מאָס פון דערפאַרונג איז ביי דער קינדער-פאַנטאַזיע ווייניקער, ווי זי איז פאַראַן ביי דער קינדער-שפּיל, די באַאַבאַכטונגספעיקייט, די רוים-דימיסיאָן, די בילד פון דער אומגעבונג איז ביי דער קינדער-פאַנטאַזיע אַ ווייניקער פולקאָמע, ווי ביי דער קינדער-שפּיל דאָס קינד האָט ביי זיין שפּיל שוין אַ סך אַ גרעסערע אַנונג וועגן דעם אָריגינאַל פון זיין נאָכמאַכונג, ווי ביי זיין קינדער-פאַנטאַזיע. אויב ביי דער

פאַנטאַזיע האַלט דאָס קינד, ווען מיר זאָלן זיך באַנוצן מיט דער פריערדיקער קלאַסיפיקאַציע פון אומגעבונגס־פאָרשטעלונגען ביים קינד, זיך נאָך ביי דער איינהייטלעכקייטס-סטאַדיע אָדער נאָר ביי די ער־שטע סוב-סטאַדיעס פון אַנאַליז פון זיין באַאָבאַכטונגס-אַנטוויקלונג, האַלט ער, ביי דער קינדער־שפיל, שוין ביי די ווייטערע סטאַדיען, ביים סינטעז.

ביים שפילן פאַרמאָגט דאָס קינד שוין די פעיקייט זיך צו פאַר־גלייכן מיט דעם דערוואַקסענעם, ער פאַרמאָגט דעם באַגריף וועגן פאַרשיידנהייט און גלייכהייט צווישן איינצעלע טיילן פון דער אומ־געבונג.

און אַ דאַנק דערדאָזיקער דעראָבערטער פעיקייט איז די נאָכ־מאַכונג פון קינד ביי זיינע שפילן אַ סך אַ גרעסערע, אַ באַדייטנדיקע־רע און צוזאַמען מיט דעם איז די קאַפיטולאַציע פון קינד, פון זיין אייגנטלעך קינדערשן, קעגן דעם באַזיגנדיקן דערוואַקסענעם אַ סך אַ שטאַרקערע. די קינדער־שפיל איז, אַזוי אַרום, אַ הילכיקער אָנזאָג וועגן דער פאַרשווינדונג פון אייגנטלעך־קינדישן און זיין פאַרביטן ווערן מיט דעם נייעם אינהאַלט פון דערוואַקסענעם.

אַלע קינדער־שפילן, *) ווי באַקאַנט, דרייען זיך אַרום איין אַקס, דער נאָמען פון וועלכן ס'איז—„זיין מאַיעסטעט, דער דערוואַק־סענער".

אין אַלע קינדער־שפילן, אויב מ'זאָל אין זיי אויסשיילן דאָס נאָך פאַרבליבענע אייגנטלעך־קינדישע פון דער דאָמינירנדיקער שטרע־בונג צום דערוואַקסענעם, איז צו געפינען אַן אומבאַדינגטע נאָכמאַ־כונג דעם דערוואַקסענעם, אין זיינע פאַרשיידנאַרטיקסטע סיטואַציעס

---

*) פון דער רייכערער ליטעראַטור וועגן קינדער־שפילן ווייזן מיר דאָ אָן:

Carr: Der bleibende Wert des Spiels (Deutsch Gassner)

Colozza: Psychologie u. Pädagogik des Kinderspiels. (Deutsch Ufer) 1900.

Gross: Der Lebenswert des Spiels, 1910.

Hildenbrondt: Das Spielzeug im Leben des Kindes, 1904.

און צושטאַנדן, אין זיין גאַנצן לעבנסשטייגער.

יעדעס קינד מאַכט נאָך שטענדיק נישט אַ דערוואַקסענעם סתם (קיין אַבסטראַקציעס און קיין פאַראַלגעמיינערטעס איז נאָך פאַר דעם קינד נישט גילטיק), נאָר דעם דערוואַקסענעם, דעם באַשטימטן דערוואַקסענעם, וועלכער איז אים מער באַקאַנט, וועלכן ער קען מער און פינקטלעכער באַאָבאַכטן, וועלכער רעגט אַממערסטן זיין קינדערשע מינדערוועריטיקייט.

און דעריבער זעען מיר אין די קינדער-שפילן, לויט זייער כראָנאָלאָגישער אַנטוויקלונג, פריער אַ נאָכמאַכונג דער מאַמען, שפּעטער דעם טאַטן, נאָך שפּעטער דעם פעטער א. אַ. וו., ווייל די מאַמע איז נענטער דעם קינד פון טאַטן, דער טאַטע—פון פעטער א. אַ. וו.

מיר זעען אויך אין דער קינדער־שפּיל יעדעס מאָל די סאָציאַלע סביבה פון קינד, ווייל ער מאַכט דאָך נאָך ווידער אַמאָל נישט קיין דערוואַקסענעם סתם, נאָר אַ דערוואַקסענעם אַ קאָנקרעטן, ד. ה. אַ דערוואַקסענעם אין די ראַמען פון אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה.

אין דעם פּרט גילט אַפילו אַ כּלל: „ווילסטו קענען דעם קינד און די סביבה, פון וואַנען ער וואַקסט, זאָג מיר: אין וועלכע שפּילן ער שפּילט”: אַ בירגערלעך קינד שפּילט אין בירגערלעכע שפּילן, אַ פּראָלעטאַריש קינד אין פּראָלעטאַרישע, אַ קינד פון אַ קרעמער האָט צו טאָן מיט קרעמערישע שפּילן, אַ זון פון אַ ראַנטיע—מיט באַנקשפּילן, אַ קינד פון אַ פאַבריק־אַרבעטער—מיט דעם פאַבריק־קוימען א.וו.

נאָך מער: דאָס קינד מאַכט נאָך אין זיינע שפּילן אַפילו דירעקט די פאַכן פון זיינע נאָנסטע דערוואַקסענע: ביי אַ שניידער־קינד איז צו טרעפן שניידער־שפּילן (שפּילן אין שניידעריי), ביי אַ שוסטער-קינד—שוסטער-שפּילן, ביי אַ דאָקטאָרשן קינד—דאָקטאָר־שפּילן א. אַ. וו.

און כאַראַקטעריסטיש פאַר קינדער־שפּילן איז דאָס, וואָס ביי דער גאַנצער נישט פינקטלעכקייט פון דער נאָכמאַכונג, ווי כ׳האָב שוין אויבן דערוויזן, באַווייזט דאָס קינד דאָך, צווישן אַלע אַנדערע, אויך אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע איינצלהייטן פון דערוואַקסענעמס אייגנשאַפטן, וועלכע דער דערוואַקסענער אַליין ווייסט נישט אָפט וועגן זיך. גאַנץ אָפט ווערן די נאָכגעמאַכטע דערוואַקסענע איבער־

ראַשט (אַמאָל אָנגענעם און אַמאָל אָבער אויך אומאָנגענעם) פון דעם, וואָס זיי ווערן געוואָר ערשט פון די קינדער וועגן זיך, ווייל קינדער כאַפּן אויף מיט אַ באַזונדער חשק דאָס קאָמישע פון דער־וואַקסענעם—דערדאָזיקער חשק איז אַ—פּראָדוקט פון זייער נייגונג צו נקמה—און שפּיגלען עס אָפּ אין זייער נאָכמאַכונגס-שפּיל.

דאָס קינד איז אין זיין שפּיל אָפּט אַפילו „פּויפּסטלעכער פאַרן פּויפּסט", ער טרייבט איבער די אויפגעכאַפּטע אייגנשאַפטן פון נאָכגעמאַכטן דערוואַקסענעם און דערפירט זיי ביז מאַקסימאַלסטער אַקטיוויזירונג.

ווען אַ קינד, למשל, שפּילט אין אַ פורמאַן, שלאָגט ער אַ סך מער אומברחמנות׳דיק זיין פערדל (אַן אייגן חבר־קינד), ווי דער אמתער דערוואַקסענער—פורמאַן, אַ קינד—אַ מיליטער־פירער איז אַ סך שטרענגער צו זיינע „זעלנער", ווי דער אמתער מיליטער־פירער, אַ קינד אַ לערער איז צו זיינע „תלמידים" אַ סך מער שטרענג; ווי דער אמתער לערער א. אַ. וו. די איבערכאַפּונג פון דער מאָס פאַרשפּרייט זיך בעיקר אויף דער „איבערהויבונג פון מאַכט", און דאָס נעמט זיך ווידעראַמאָל פון קאָמפּענסאַטאָרישער פיקציע, פון שטאַרקן שטרעבן צו דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון אַלמעכטיקן דערוואַקסענעם.

די נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם קומט צום אויסדרוק נישט בלויז אין דער דערמאָנטער אויסערונג פון קינדס אַנטוויקלונג: אין דער קינדער־פאַנטאַזיע און אין די קינדערשפּילן. זי איז אויך דער הויפּט־אַקס, אַרום וועלכן ס׳באַוועגט זיך און ס׳קומט אין באַוועגונג די גאַנצע קינדער־אַנטוויקלונג אַן אויסנאַם. דער דערוואַקסענער איז דער ערשטער און שטאַרקסטער מוסטער פאַר דעם קינד אין אַלע פּרטים פון זיין צופּאַסונג צום לעבן. דעם דערוואַקסענעם געפינט מען שטענדיק אין קינדס וועלט, ווייל ער, דער דערוואַקסענער, איז עס די טרייב־קראַפט, די הויפּט פאַראורזאַכונג פון אַלע פריקינדערשע טאַטן און אַנטוויקלונגס־סטאַדיען.

דאָס געניערע באַהאַנדלען פון דידאָזיקע אַלע אַנדערע סטאַדיען אין דעם קינדס אַנטוויקלונג וואָלט פאַרנומען זייער אַ סך פּלאַץ. מיר ווילן זיך דעריבער באַנוגנען נאָר מיט אַלגעמיינע, מיט מעגלעך־קורצע אילוסטראַציעס.

מיר וועלן נעמען די דעראָבערונג פון הויפּט־געצייג פאַר דער באַהעפטונג פון קינד צום לעבן, די גרעסטע דערגרייכונג, וועלכע פירט דאָס קינד פאַקטיש אַריין אין דער געזעלשאַפט און מאַכט אים פאַר אַ גלייכבאַרעכטיקטן מיטגליד פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט, כ׳האָב בדעה די שפּראַך־אַנטוויקלונג פון קינד. *)

פאַר אונזער צוועק איז די ערשטע און וויכטיקסטע פראַגע פון דער שפּראַך־אַנטוויקלונג ביים קינד די פאָלגנדיקע: צי גייט די שפּראַך־אַנטוויקלונג שטענדיק פּאַראַלעל מיט דער אַלגעמיינער אַנט־וויקלונג אָדער נישט, ריכטיקער: צי זיינען די שפּראַכלעכע דעראָ־בערונגען שטענדיק אַ פּועל־יוצא פון אויפפאַסונגס־דעראָבערונגען, צי איז דער באַרייכערטער לעקסיקאָן טאַקע באמת אַ סימן פון אַ באַריי־כערטער דערפאַרונג?

נישט אַלע קינדער־שפּראַך־פאָרשער גיבן אויף דער פראַגע דעם זעלביקן ענטפער. בילער **), למשל, פאַרענטפערט די פראַגע מיט

---

*) פון דער מערערער ליטעראַטור וועגן דער פראַגע ווייז איך דאָ אָן אויף פאָלגנ־דיקעס:

A. Liebmann: Agrammatismus infantilis (Archiv f. Psychologie) 1901.

E. Villiger: Sprachentwicklung und Sprachstörungen beim Kind 1911.

Stumpf: Eigenartige Sprachliche Entwicklung eines Kindes (Zeitschrift f. pädag. Psychologie, 2, 1900.

Cl. u. W. Stern: Die Kindersprache, Leipzig, 1907.

W. Ament: Die Entwicklung von Sprechen und Denken beim Kinde, 1899.

E. Meumann: Die Entwicklung der ersten Wortbedeutungen beim Kinde, Leipzig, 1902.

E. Egger, Beobachtungen und Betrachtungen über der Intelligenz und der Sprache,

**) זע: ז. 104.

אַ „ניין", ער זאָגט בפירוש, אַז „ס'איז זייער מעגלעך, אַז די אַנט־וויקלונג פון אויפפאַסונג ביים קינד גייט נ י ש ט פּ אַ ר אַ ל ע ל מיט דער שפּראַך־אַנטוויקלונג, די שפּראַך קען אָפּשטיין פון דער אַלגעמיי־נער אַנטוויקלונג און פאַרקערט.

אין דער שפּראַך־אַנטוויקלונג האָבן די פאַרשיידענע ענטפערן אויף דער געשטעלטער פראַגע קיין וועזנטלעכן אונטערשייד צווישן זיך נישט, ווייל ווי דאָר ענטפער זאָל נישט לויטן, איז די נ אָ כ־מ אַ כ ו נ ג אַן אומבאַדינגט נייטיקער עלעמענט פון דער שפּראַך־אַנטוויקלונג.

אויב די שפּראַך איז שטענדיק, אָן אויסנאַם, נאָר אַן אַרטיקו־לירטער אויסדרוק פון אויפפאַסונג, איז זי דאָך שוין מיט דעם אַליין אַ נאָכמאַכונגס־רעזולטאַט, ווייל די אויפפאַסונג גופא, פון וועלכער זי דינט עס אַלס אַרטיקולירטער אויסדרוק, איז דאָך, ווי כ'האָב אויבן געגויער דערוויזן, אַ רעזולטאַט פון נאָכמאַכונג.

אויב אָבער די שפּראַך־אַנטוויקלונג זאָל נישט גיין פּאַראַלעל מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אויפפאַסונג פון דער אומגעבונג, איז דאָך דער נאָכמאַכונגס־עלעמענט אין איר, אין דער שפּראַך־אַנטוויקלונג, נאָך בולטער און איבער־צייגנדיקער.

די אָנהייבער פון אַנטיפּאַראַלעליזם צווישן דער שפּראַכלעכער און אַלגעמיינער אַנטוויקלונג זיינען דאָך הויפּטזאַכלעך פאַר דער עווענטואַליטעט פון פריערדיקער שפּראַכלעכער אַנטוויקלונג און ערשט פון שפּעטערדיקער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, פריער טערמינאַלאָגירונג פון באַגריפן און ערשט שפּעטער די באַגריפן גופא. *)

ביי אַזאַ עווענטואַליטעט איז דאָך שוין געוויס די נאָכמאַכונג אומפאַרמיידלעך, ווייל פון וואַנען נעמט זיך עס דער דעראָבערטער טערמין פון נאָך נישט דעראָבערטן באַגריף, אויב נישט פון נאָכמאַכן דעם דערוואַקסענעמס שפּראַך?-די טערמינאַלאָגירונג בכלל איז דאָך—

---

*) Buhler, ז. 123 דערווייזט, למשל, אַז דאָס וואָרט „איך" קומט פריער פון באַגריף „איך"

און קען נישט אַנדערש זיין — נאָר אַ פּראָדוקט פון נאָכמאַכונג, אומאָפּהענגיק פון דעם, ווי אַזוי מען זאָל נישט פאַרענטפערן די פראַגע וועגן קאָנקרעטער באַציונג צווישן אַלגעמיינער און שפּראַכלעכער אַנטוויקלונג.

דער צוזאַמענהאַנג צווישן באַגריפן און ווערטער, וועלכע באַצייכנען דידאַקטיקע באַגריפן איז דאָך אַ ריין צופעליקער, אַ ריין תנאי־זאַך. אויב היסטאָריש, גענעטיש האָט דאָס וואָרט מיט דעם אים באַצייכנדיקן טערמין יאָ אַ שייכות, איז אָבער דידאַקטיקע שייכות אינגאַנצן פאַרהילט פאַר אונז, פאַר די מאַסן־געברויכער איצט און באַזונדערס פאַרהילט פאַר דעם קינד. איז דאָך קלאָר, אַז דאָס באַנוצן זיך מיט די אַלגעמיינע, מיט דעם דערוואַקסענעמס נעמען פון געגנשטאַנדן און דערשיינונגען קען זיין נאָר אַ זאַך פון אויסשליסלעכער נאָכמאַכונג!

דאָס קינד רופט אָן „טיש“, „פאָטער“, „ליאַלקע“ א. אַז. וו. נאָר דערפאַר, ווייל די זעלביקע נעמען הערט ער פון די אַרומיקע. ער גיט זיך, אַלזאָ, פּשוט אונטער* דעם תנאי־צייכן, וועלכער איז איינגעשטעלט און ווערט געברויכט פון די דערוואַקסענע, ער מאַכט נאָך די דערוואַקסענע.

אמת, אין קינדס שפּראַך־אַנטוויקלונג איז פאַראַן אַ סטאַדיע (די פּריסטע סטאַדיע), ווען דאָס קינד האָט זיין אייגענע טערמינאָלאָגיע, ווען דאָס קינד צייכנט זיך אויס מיט זיין אייגענער ווערטער־בילדונג. און אין דערדאָזיקער אייגענער ווערטער־בילדונג איז, אַנאַלאָגיש מיט דער פּריסטער ווערטער־בילדונג פון אורמענטשן, שוין יאָ אַנטהאַלטן אַן ענלעכקייט מיט די באַגריפן, וועלכע די ווערטער קומען צו באַצייכנען. איז אָבער דידאָזיקע סטאַדיע אַ ווייניק דויערנדיקע. אין גאַנצן פּראָצעס פון דער שפּראַך־אַנטוויקלונג ביים קינד פאַרנעמט זיך אַן אומבאַדייטנדיקן, אַן עפּיזאָדישן פּלאַץ. די „אייגענע“ ווערטער פון קינד ווערן בטל אין גאַנצן, שפּעטער דעראָבערטן, לעקסיקאָן, וועלכער איז שוין בפירוש נאָר אַ נאָכמאַכונג פון דערוואַקסענעמס שפּראַך.

און נאָך אַ זאַך: די אייגענע ווערטער גופא זיינען ווידער אַמאָל נישט קיין סתירה צו דער באַהויפּטונג וועגן נאָכמאַכונג, נאָר אַ נייע

באַשטעטיקונג. מ׳דאַרף אין די „אייגענע״ ווערטער אויסטיילן צוויי גרופן: א) באמת אייגענע ווערטער-בילדונגען און ב) מיכלומרשט אייגענע ווערטער־בילדונגען. די באמת אייגענע ווערטער־בילדונגען זיינען דאָס רוב אַ נאָכמאַכונג דעם באַגריף לויט זיינע אייגנשאַפטן, מ׳רופט אָן דעם געגנשטאַנד מיט דעם נאָמען פון זיין אויסערונג, מיט דער נאָכמאַכונג פון זיין אויסערונג. אַזוי פאַרנעמען אין דערדאָזיקער גרופע פון אייגענע ווערטער אַ גרויסן אָרט די באַקאַנטע קלאַנגען־נאָכמאַכונגען: אַ הונט=האַו, האַו... אַ ווינט=ז ז ז... עסן=האַם, האַם... איבל=פּע... א. אַ. ו.) דידאָזיקע אייגענע ווערטער שטעלן מיט זיך אַזוי אַרום, פאָר, אַ נאָכמאַכונג דעם עצם געגנשטאַנד, וועלכן זיי קומען צו באַצייכנען, ס׳איז די זעלביקע נאָכמאַכונג, נאָר אין אַן אַנדער געשטאַלט. אָנשטאָט דעם, וואָס די געוויינלעכע נאָכמאַכונג איז אַ נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם, איז די דערמאָנטע נאָכמאַכונג (אין די אייגענע ווערטער) אַ נאָכמאַכונג דעם עצם באַצייכנטן וועזן.

דערפאַר אָבער זיינען שוין די מיכלומרשט „אייגענע״ ווערטער פון קינד זיכער אַ נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם, ווייל, (ווי ס׳ווייזן אָן די קינדער-שפּראַך-פאָרשער), אַזעלכע ווערטער זיינען נאָר אַ פאַרגרייזונג פון דערוואַקסענעמס שפּראַך. פונקט ווי ס׳איז נישט פאַראַן קיין פינקטלעכקייט אין אַנדערע אַרטן פון קינדס נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם (קינדערשפּילן, למשל), פונקט אַזוי איז אויך נישט פאַראַן קיין פולשטענדיקע פינקטלעכקייט אין קינדס נאָכמאַכן דעם דערוואַקסענעמס שפּראַך. פון דער אומפינקטלעכקייט איז אָבער לחלוטין נישט אָפּגעפרעגט. דער עצם פאַקט פון נאָכמאַכן דעם דערוואַקסענעם. מ׳דאַרף בכלל האָבן אין אַכט, אַז שפּראַך איז פאַר אַ מענטשן אין אַלגעמיין און פאַר קינדער בפרט נאָר אַ סכום פון מעכאַנישע איבונגען, פון מעכאַנישער געוווינהייט, און אין אַזעלכע מעכאַנישע פּראָצעסן איז די נאָכמאַכונג אומפאַרמיידלעך.

דעם קינדס שפּראַך איז פון אָנהייב אָן ביז איר פאַרפולקאָמטער מדרגה, פון די ערשטע שפּראַך־אָרגאַן־באַוועגונגען אין זויגלינג־עלטער ביז דעם גרינטלעכן דערלערנען די שפּראַך אין שול — בלויז אַ קייט פון נאָכמאַכונגען, פון נאָכמאַכונגען דעם דערוואַקסענעם.

דאָס ערשטע פאַרקרימען זיך פון פּנים ביים זויגלינג, למשל, ווען ער הערט אַן אויסגעשריי פון אַ דערוואַקסענעם באַדייט דאָך דאָס וועלן נאָכמאַכן דעם דערוואַקסענעם: קען די נאָכמאַכונג אין דעם פאַל נאָך נישט אַרויסקומען פולקאָם, ווייל דאָס קינד באַהערשט נאָך נישט ווי געהעריק זיינע שפּראַך-אָרגאַנען, באַגרעניצט זיך די נאָכמאַכונג דערווייל מיט מימישער און זשעסטיקולאַרישער ענלעכקייט, אָבער נאָך נישט מיט נאָכפאָלגנדיקער אַרטיקולאַציע. דאָס לערנען פון קינד אין שול דעקלאַמירן, מוסטערהאַפט לייענען-נאָך די ביישפּילן פון לערער—זיינען ווידעראַמאָל דערשיינונגען פון דער זעלביקער אַרט, ווי די נאָכמאַכונג פון זויגלינג: אַ נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם, אין דעם פאַל בלויז אַ מער פולקאָמע, אַ מער פּינקטלעכע נאָכמאַכונג.

די שפּראַך איז, אַלזאָ, אַן און פאַר זיך, שטענדיק אַ רעזולטאַט פון קינדס נאָכמאַכן דער דערוואַקסענעם.

זי איז אָבער שוין, אויסער דעם, וואָס זי איז אַליין אַ רעזולטאַט פון נאָכמאַכונג, פאַר דער פראַגע פון נאָכמאַכונג וויכטיק נאָך אין אַן אַנדער זין:

זי, אַלס שפּיגל פון קינדס אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, דינט אונז אַלס מדרגה-באַשטימער פון אַלע אַנדערע אַרטן קינדערשער נאָכמאַכונג. לויט דעם קינדס שפּראַך קענען מיר שטענדיק ערקונדיקן זיך, ווו האַלט דאָס קינד אין דער נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם, ווי ווייט ער איז נאָך פון דערוואַקסענעם, ווי ווייט ער איז שוין פון זיין אייגנטלעך-קינדישן, ווי גרויס איז זיין קאַפּיטולאַציע פאַר דעם דערוואַקסענעם.

נישט נאָר ספּעציאַליסטן-פּסיכאָלאָגן, נאָר אַפילו די געוויינלעכע אַרומרינגלער פון קינד זיינען שטענדיק בכח אויפן סמך פון קינדס שפּראַך צו באַשטימען מיט קלענערער אָדער גרעסערער גענויקייט די מדרגה פון אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, ד. ה. פון קינדס שוין דעראָבערטער דערפאַרונג און זיין צופּאַסונג צו דער אַרומיקער וועלט, פון קינדס דעראָבערטער צופּאַסונגס-פעיקייט, פון זיין פעיקייט נאָכצומאַכן דעם דערוואַקסענעם.

ס'איז אין דעם פּרט זייער באַרעכטיקט די אַרבעט פון קינדער-פּסיכאָלאָגן, וועלכע פאַרנעמען זיך פון צייט צו צייט מיט פעסט-

שטעלן דעם קינדס לעקסיקאָן *) ער איז וויכטיק פאַר דער פעסט־שטעלונג, ווי געזאָגט, פון קינדס אַלגעמיינער אַנטוויקלונג.

דאָס ערשטע באַנוצן זיך מצד דעם קינד מיטן וואָרט „ניין", למשל, קען דינען אַלס אָנזאָג פון דער אַנאַליטישער סטאַדיע אין קינדס אַנטוויקלונג, אַ באַווייז וועגן דער דעראָבערטער פעיקייט פון דער אַנאַליטישער סטאַדיע אין קינדס אַנטוויקלונג, אַ באַווייז וועגן דער דעראָבערטער פעיקייט פון קינד אויפצונעמען דעם באַגריף „פאַר־שיידנהייט" **).

נאָך מער דינען אַלס אַזעלכע באַווייזן די באַנוצונג מיט גראַ־מאַטיקאַלישע פאָרמען. ***) קען דאָס קינד שוין, ווי ס'דאַרף צו זיין, צונויפבינדן אַ זאַך, איז ער שוין בכח צו ענדערן ווערטער אין זייער צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע, איז עס אַ סימן, אַז ער האָט אַ גענוגנדי־קע אַנונג וועגן דער קעגנזייטיקער שייכות צווישן די איינצעלע טיילן פון דער אומגעבונג.

דער אָנהויב פון באַנוצן זיך מיט אַ „שם פרטי." אָנשטאָט אַ „שם כללי", „איך" אָנשטאָט דריטע פערזאָן א. אַ. וו. איז ווידער אַמאָל אַ שטאַרקער באַווייז, אַז די אַנאַליטישע סטאַדיע פון קינדס אַנטוויק־לונג איז שוין גאַנץ ווייט אַוועק.****)

מיר האָבן ביז איצט גערעדט וועגן עטלעכע געביטן פון דער קינדערשער אַנטוויקלונג, אין וועלכע ס'שפיגלט זיך אָפּ און וועלכע זיינען—נאָך מער—דער רעזולטאַט פון דעם קינדערשן שטרעבן צום דערוואַקסענעם, פון קינדס קאַפּיטולירן פאַר דעם דערוואַקסענעם, פון קינדס נאָכמאַכן דעם דערוואַקסענעם.

---

*) אין באַקאַנטן טאָגבוך פון שופין (Bubis Tagebuch) איז פאַראַן אַ ספּע־ציעלע ביילאַגע: אַ ווערטערבוך פון בוביס שפּראַך־דעראָבערונגען.

**) זע בילער זז. 127—126, ווי אויך אויבן וועגן דער פאַרטיילונג פון קינדס בוים—דימיטיאָן־אַנטוויקלונג.

***) זע: Agrammatismus infantilis

**) זע: Adolf Sellmann: Das Seelenleben unserer Kinder im Vorschulpflichtigen Alter Laugensabza, 1911.

די דערמאָנטע געביטן זיינען נישט קיין אויסנאַם, נישט קיין איינצעלע, נאָר זיי זיינען דוקא „איינקע פון אַ סך", זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער קינדערשער אַנטוויקלונג, אַלס אַזעלכער.

אילוסטרירן דידאַקטישע הנחה קען מען מיט אַ גרעסערער צאָל געביטן פון דער קינדערשער אַנטוויקלונג, מ'וואָלט, נאָך ריכטיקער, געדאַרפט אַנאַליזירן אַלע אומצייליקע געביטן פון קינדס אַנטוויקלונג, ווייל אין אַלע, אָן אויסנאַם, דאָמינירט, ווי געזאָגט, דער נאָכמאַכונגס-עלעמענט. דאָס וואָלט אָבער געפאָדערט אומגעהויער פיל צייט און פלאַץ. מ'דאַרף זיך באַגנוגנען מיט די איינצעלע געבראַכטע ביישפילן, כדי כּוֹן זיי צו לערנען וועגן כלל, פון די פרטים דאַרף מען לער-נען וועגן גאַנצן כלל.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן און גאַנץ געלויפיק נאָר נאָך אויף צוויי געביטן פון קינדס-אַנטוויקלונג, אויף דער אַנטוויקלונג פון כאַראַקטער און ווילן פון קינד.

די אַזוי גערופענע כאַראַקטעראָלאָגיע פון קינד איז שוין איצט אַ גאַנץ פאַרצווייגטער און געניי-וויסנשאַפטלעכער אָפּשניט אין דער קינדער-פּסיכאָלאָגיע, הגם דער אָפּשניט, ווי, אגב, די גאַנצע קינדער-פּסיכאָלאָגיע האָבן נאָך נישט קיין זייער גרויסע פאַרגאַנגנהייט הינ-טער זיך. *)

---

*) פון דער מערערער ליטעראַטור וועגן דער אַנטוויקלונג פון כאַראַקטער ביים קינד וועל איך דאָ אָנווייזן אויף פאָלגנדיקע ווערק:

1. Adler A.: Über den nervösen Charakter, Verl. Bergmann
2. Klages: Prinzipien der Charakterologie, Verl. Bart
3. Kretschmer: Körperbau und Charakter, Verl. Springer
4. Ribot: Psychologie der Gefühle, Verl. Bonde
5. H. Apfelbach: Der Aufbau des Charakters, Verl. Braumüller
6. Birnbaum: über psychopathologische Personlichkeiten
7. Weininger: Geschlecht und Charakter,
8. Ganghofer: Der Lebenslauf eines optimisten, III Bd.

ס׳איז אַ שטרייט־פראַגע לגבי דער כאַראַקטער־בילדונג, ווי, אגב, לגבי אַנדערע זייטן פון קינדס־אַנטוויקלונג, וועגן דעם, צי איז דער כאַראַקטער אַ פּראָדוקט פון פאַראַנלאַגונג, פון פּאַרטיקע דיספּאָזיציעס, פון ערבלעכקייט אָדער אַ פּראָדוקט פון דערציונג. כ׳האָב שוין אויבן געהאַט די געלעגנהייט זיך אָפּצושטעלן לענגער אויף דערדאָזיקער שטרייט־פראַגע און האָב זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז אומאָפּהייניגיק פון דעם באַזונדערן קוק אויף דעם אורבוי פון דעם קינדס נשמה, איז די דערציונג אין אַלע פאַלן אומפאַרמיידלעך. דער הויפּט־אונטערשייד צווישן די אָנהייגער פון אייגעבוירענעם אַלס יסוד אָדער געוואָרענעם אַלס יסוד האָט מער צו טאָן מיט דער פּלאַץ-באַשטימונג, מיט דער גראַדירונג פון דעם פּלאַץ, וואָס די דערציונג קען און דאַרף פאַרנעמען, דער אונטערשייד פאַרשפּרייט זיך אָבער כלל וכלל נישט אויף אינגאַנצן צו מחיב זיין אָדער אינגאַנצן אָפּצופרעגן די עצם נייטיקייט פון דערציונג, דעם עצם פּלאַץ פון דערציונג.

לויט די אָנהייגער פון פאַראַנלאַגונג איז דער פּלאַץ פון דערציונג אַ מער באַגרעניצטער, לויט די אָפּלייקענער פון פאַראַנלאַגונג איז דער פּלאַץ פון דערציונג אַן אומבאַגרעניצטער, לויט די ערשטע איז די דערציונג אַ צוגאָב צום פאַראַנענעם, אַ הוספה פון אַ יש צו אַ יש, לויט די צווייטע איז די דערציונג אַן אָנהויב, אַ שאַפונג פון „יש מאין". דער צד־השוה אָבער איז שטענדיק און אומפאַרמיידלעך דער זעלביקער: דערציונג איז נייטיק, אָן דערציונג איז קיין אַנטוויקלונג נישט מעגלעך.

און פונקט דאָס זעלביקע דאַרף געזאָגט ווערן אויך בנוגע דער כאַראַקטערבילדונג בכלל און ביים קינד בפרט.

מ׳קען זיין אָנהייגער פון פאַראַנלאַגטן כאַראַקטער, מ׳קען אויס־געפינען, אַז דער כאַראַקטער האָט זיינע געוויסע דיספּאָזיציעס, פון דעם איז אָבער כלל נישט געדרונגען, אַז דער כאַראַקטער זאָל זיך קענען ענדגילטיק אויסבילדן אָן דער מיטווירקונג פון דערציונג.

בירנבוים,*) למשל, געפינט, אַז די איינצעלע כאַראַקטער-אייגנ־שאַפטן, די איינצעלע קאָמפּאָנענטן פון דער פּערזענלעכקייט מוזן אומ-באַדינגט צוגעפּירט ווערן צו דיספּאָזיציעס פון באַשטימטע אַרטן געפילס־באַטעטיקונג. איז דאָך אָבער דערביי נייטיק צו נעמען אין אַכט, אַז די געפילס־באַטעטיקונג גופא, אין וועלכע ס'זאָלן זיין אַנט-האַלטן די כאַראַקטער-דיספּאָזיציעס, איז דאָך אַ זאַך. וועלכע קען אָן דערציונג נישט אויסקומען. און מיט דעם גופא, ווען מיר זאָלן אפילו קענען אָננעמען, אַז די כאַראַקטער־בילדונג ווערט געדעקט אייסשליסלעך מיט די דערמאָנטע דיספּאָזיציעס, ווערט דאָך דער כאַראַקטער, אומדירעקט, אמת, משועבד צו דערציונג. בירנבוים גייט אָבער נישט אַוועק אַזוי ווייט מיט זיין באַהויפּטונג וועגן די דיספּאָ־זיציעס אין דער געפילס-באַטעטיקונג, עס זאָל אויסשליסן יעדע אַנדע־רע ווירקונג אויף דער כאַראַקטער־בילדונג. די געפילס־באַטעטיקונג דאַרף לויט אים פאַרשטאַנען ווערן אַלס הויפּט-קוואַל, אָבער כלל נישט אַלס איינציקער קוואַל. און דער איבעריקער קוואַל, פון וואַנען די כאַראַקטער־בילדונג שעפּט איר יניקה, איז אָן־ספק די דערציונג אין ברייטן זין פון וואָרט, די דירעקטע דערציונג.

און ווו ס'האַנדלט זיך וועגן דערציונג, איז דאָך שוין נאָכ־מאַכונג אומפאַרמיידלעך, ווייל נאָכמאַכונג איז דאָך דער הויפּט־פאַק־טאָר פון יעדער דערציונג אַלס אַזעלכער.

ס'איז זייער איבערצייגנדיק אין דעם פּרט דער דורך אַלעמען אָנערקענטער פאַקט פון ענלעכקייט, אויב שוין נישט אידענטיפיצירט־קייט, צווישן דעם כאַראַקטער פון די דערצויגענע און דעם כאַראַק־טער פון די דערציער. ס'איז אַ סך אמת פאַראַן אין אַפאָריזמאַרטיקן כלל: „וויז מיר די כאַראַקטער-אויסערונגען פון דערצויגלינג, וועל איך דיר ווייזן דעם כאַראַקטער פון דערציער!"

וועגן די ענלעכקייט צווישן כאַראַקטער פון די קינדער מיט דעם כאַראַקטער פון זייערע עלטערן איז דאָך שוין אָפּגערעדט. „ברא כרעא דאבוהי"- דערדאָזיקער תלמודישער כלל באַשטימט אַן אומאָפּ־

---

*) Birnbaum : üden psychopathologische Peusonlichkeiten

רעגראכן פאַקט אויך לגבי דער כאַראַקטער-ענלעכקייט פון קינד און עלטערן.

ווערט מען אפשר דעמדאָזיקן פאַקט פרווון אָפּשוואַכן דורך דער פאַראייַנפאַכטער טעאָריע פון פאַרערבונג: דעם קינדס כאַראַקטער איז ענלעך צו דעם כאַראַקטער פון די עלטערן, ווייל די קינדער באַקומען זייער כאַראַקטער בירושה פון די עלטערן. אַזאַ טענה קען אָבער לייכט באַשטריטן ווערן דורך דעם אויבן געזאָגטן: אַפילו ביי פאַרערבלעכקייט קען דאָך דער כאַראַקטער פון קינד און פון זיינע עלטערן נישט זיין גלייך אין זייער גאַנצן היקף, די פאַרערבלעכקייט קען דאָך נאָר שאַפן אַ באָדן פאַר ענלעכקייט אָבער נישט די ענלעכקייט גופא. זי קען נאָר ענדלעך פאַרענלעכן איינצעלנע זייטן פון כאַראַקטער, ווי ער ווייזט אויס אין זיין אויסגעפאָרמירטקייט, אין זיין פאַרענדיקטקייט.

אָבער אויב דער פאַקט פון כאַראַקטער-ענלעכקייט צווישן קינדער און עלטערן קען נאָך דערוועקן אַ געוויסן חשש, ווערט דאָך דער פאַקט שוין אינגאַנצן איבערצייגנדיק, ווען ער גייט אַרויס פון די ענגערע פאַמיליע-ראַמען און דערגייט ביז דעם ז׳ערציער בכלל.

ס׳איז פאַראַן אַן ענלעכקייט פון די כאַראַקטערן נישט נאָר צווישן קינד און עלטערן, נאָר אויך צווישן קינד און סתם-דערציער. דער דערציער ווירקט אויף דעם קינד, ער סוגעסטירט אים ווילקירלעך און נאָך מער אומווילקירלעך. דער דערציער גיט איבער דעם קינד נישט נאָר דאָס, וואָס ער וויל אים איבערגעבן באַוווסטזיניק, נאָר אויך דאָס, וואָס ער האָט כלל נישט בדעה אים איבערצוגעבן, וואָס ווערט אים איבערגעגעבן אויסער דעם אָנטייל פון זיין באַוווסטזיין, ער גיט דעם קינד זיך אַליין איבער מיט זיין גאַנצער אינערלעכער אָרגאַניזאַציע און מיט זיין כאַראַקטער אין דער ערשטער ריי. דער דערציער פאַרזייט אין קינדס נשמה נישט נאָר יענע קערנדלעך, וואָס ער האָט צו דעם צוועק צוגעגרייט בכוונה, נאָר אויך צופעליקע קערנדלעך פון זיך, ווען ער ווייס אַפילו נישט וועגן דעם. און די צופעליקע קערנדלעך, וועלכע פאַלן אומבאַמערקט, אומבאַוווסטזיניק פון אונטער דעם דערציערס האַנט געפינען אַפילו אָפט אַ בעסערן באָדן, פאַר די בכוונה פאַרזייטע. די קערנדלעך פון דער-

ציערס „לקט שכחה ופאה‟ גייען אָפּט אַ סך גיכער אויף אין קינדס נשמה, ווי די קערנדלעך פון ספּעציעל-באַשטימטן פון דערציער „מעשר‟.

מ׳דאַרף זאָגן דייטלעך: דער דערציער גיט איבער דעם קינד זיין כאַראַקטער. לויט די קינדער קען מען שטענדיק משפּטן וועגן כאַראַקטער פון דערציער, ווייל דאָס קינד דאַכט נאָך דעם דערציער, מאַכט אים נאָך אין אַלעס און מאַכט אים נאָך אויך בנוגע זיין כאַראַקטער.

אויב מיר געפינען נישט, de facto, אַלע מאָל אין קינד דעם כאַראַקטער פון דערציער, אויב מיר געפינען אָפּט אַפילו דעם קעגנזאַץ צום דערציערס כאַראַקטער, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס דאָס קינד האָט אַ סך דערציער, און זיין כאַראַקטער-בילדונג קומט פאָר אונטער דער ווירקונג פון נאָכמאַכונג נישט איינעם, נאָר אַ סך טרעגער פון פאַרשיידענע כאַראַקטערן. דעם קינדס כאַראַקטער איז אין אַזאַ פאַל אַ מאָזאַיק פון פאַרשיידענע נאָכגעמאַכטע כאַראַקטערן, אַ נאָכמאַכונג איז אָבער דאָ אומבאַדינגט פאַראַן. און וואָלטן מיר געווען באַוואָפנט מיט אַ גענויע פּסיכאָלאָגישע וואָג, וואָלטן מיר געקענט אָפּטיילן אין קינדס כאַראַקטער-בילדונג גאַנץ באַשטימטע „ווירקונגס-ספערן‟, אַזוי צו זאָגן, פון פאַרשיידענע דערציער זיינע: די כאַראַקטער-אייגנשאַפט a איז גענומען פון דערציער A, די כאַראַקטער-אייגנשאַפט b–פון דערציער B א. אַ. וו. און די פּינקטלעכע פּסיכאָלאָגישע וואָג וואָלט זיכער אויסגעפונען נאָך דאָס, אַז די גרעסטע ווירקונג אויף דער כאַראַקטער-בילדונג פון קינד האָט דוקא דער כאַראַקטער פון יענעם דערציער, וועלכער איז נעענטער צום קינד, וועלכער איז די מערסטע צייט מיט אים, וועלכער איז פּשוט, אַ כראָנאָלאָגיש פּאַסיקערער אָביעקט פאַר זיין נאָכמאַכונג.

פון דעם שטאַנדפּונקט קען, אגב, דערקלערט ווערן–אין קעגנזאַץ צו דער דערמאָנטער פאַרערבונגס-טעאָריע–דער פאַקט, וואָס דעם קינדס כאַראַקטער איז אַממערסטן ענלעך צום כאַראַקטער פון די עלטערן, יענער פאַקט, מיט וועלכן ס׳באַשעפטיקט זיך אַזוי פיל, למשל, די פּסיכאָאַנאַליזע מיט אַלפרעד אַדלערן בראש. דעם קינדס כאַראַקטער איז אַממערסטן ענלעך צום כאַראַקטער פון די עלטערן פּשוט

דערפֿאַר, וואָס די עלטערן זיינען דאָך די אַממערסטן נאָנטע דערציער פון קינד. די עלטערן שטייען אין צענטר פון דער אומגעבונג פֿאַרן קינד, זיי זיינען עס די ערשטע פֿאָרשטייער פון דערוואַקסענעם, די ערשטע טרעגער פון דער דערוואַקסנקייט בכלל, וועלכע די קינדער ווילן און מוזן זיך איינאייגנען.

ס׳איז דאָך אַזוי נאַטירלעך, וואָס דוקא די עלטערן זיינען עס דער אויסגאַנגס־פונקט פֿאַר דער גאַנצער קינדערשער נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם, וואָס אַלע אַנדערע דערוואַקסענע, ביי אַ שפּעטערער באַקאַנטשאַפֿט, ווערן איינפֿאַך דער „ערזאַץ פון די עלטערן״—זיינען דאָך די עלטערן די יעניקע, וועלכע געפֿינען זיך די מערסטע צייט מיט זייערע קינדער, די יעניקע, צו וועלכע די קינדער זיינען אַממערסטן נאָנט.

און פונקט ווי אין אַגריקולטור איז ריכטיק דער כלל, אַז יענע ערד־טיילן ווערן באַפרוכפּערט מער און בעסער, וועלכע ווערן געטראָטן אָפֿטער פון זייערס פיס, פונקט אַזוי דאַרף זיין ריכטיק דער כלל פֿאַר דערציונג, אַז דאָס קינד געניסט אַממערסטן אין זיין נאָכמאַכונג פון יענע, וועלכע געפֿינען זיך צו אים אַמנאָנטסטן, וועלכע באַפרוכפּערן אים מיט זייער בכּונהדיקע „מעשר״־קערנדלעך און נאָך מער מיט שלא־בכּונהדיקע „לקט, שכחה און פאה״־קערנדלעך.

וואָס נענטער דער דערציער איז צום קינד—נענטער אַפילו אין צייט און אין אָרט, ווייל פון דעם גופא נעמט זיך שוין די נאָנטקייט אין גייסט—אַלץ גרעסער איז די מאָס פון זיין שלא־בכּונהדיקן ווירקן, פון זיין אומווילקירלעכן איבערגעבן זיין אייגענעם „איך״ דעם דערצויגלינג. אַ דערציער אויף אַ צייט ווייס שטענדיק וואָס ער וויל די קינדער געבן און ער גיט טאַקע ווייניק אַרויס פון די קאָנקרעטע ראַמען פון דעמדאָזיקן „וואָס״, אַ דערציער—אַ פּערמאַנענטער אָבער ווייס זעלטענער וואָס ער וויל געבן די קינדער, ער גיט אָבער די קינדער נישט נאָר קיין קאָנקרעטן און באַגרעניצטן „וואָס״, נאָר אַלץ, ער גיט די קינדער איבער זיך אַליין מיט זיין כאַראַקטער אין דער ערשטער ריי.

דער כאַראַקטער, דער אַרט פון כאַראַקטער איז דאָך שטענדיק איינער פון די הויפּט־זיילן, אויף וועלכע ס׳האַלט זיך יעדע

דערציונגס־אָנשויאונג, ס׳איז נישט צופעליק, וואָס כמעט אין אַלע ציל־פאָרמולירונגען פאַר דערציונג, אומאָפּהייִנגיק פון דעם, ווען און פון וועמען זיי זענען געמאַכט געוואָרן, פאַרנעמט דער כאַראַקטער אַן עיקר־פּלאַץ. און ווייל טאַקע דער כאַראַקטער איז דער חוט־השדרה פון מענטשן, מוז זיך יעדער אידעאַל פון דערציען צוקונפטס־מענטשן האָבן צו טאָן מיט באַשטימען גענוי דעם געווונשטן כאַראַקטער.

אָבער פון דעם גופא, וואָס דער כאַראַקטער איז אַ זאַך פון דערציונגס־אָנשויאונגען, פון דערציונגס-אידעאַלן איז דאָך לייכט צו דרינגען דעם פאַקט פון בפירושער נאָכמאַכונג, וועלכער ס׳איז אַנטהאַלטן אין דער כאַראַקטער־בילדונג פון קינד. ווי די דערציונגס־אָנשויאונג דיקטירט, אַזאַ—און נישט קיין אַנדער—כאַראַקטער ווערט ביי די קינדער געפלעגט און אַנטוויקלט; ווי די דערציונגס־אָנשויאונג דיקטירט, אַזאַ-און נישט קיין אַנדערער—כאַראַקטער ווערט געשטעלט פאַר די קינדער אַלס אָביעקט פון זייער נאָכמאַכונג.

די ספּאַרטאַקאַנער האָבן געהאַט ביכולת צו בילדן אַ „ספּאַרטאַקישן“ כאַראַקטער ביי זייערע קינדער, ווייל זיי זיינען אַליין געווען ספּאַרטאַקאַנער, ווייל זיי האָבן פאָרגעשטעלט פאַר זייערע קינדער אַ ספּאַרטאַקישן, און נישט קיין אַנדערן, נאָכמאַכונגס־אָביעקט.

אין די באַקאַנטע פאַרמאַכטע „אינסטיטוטן פאַר ווילגעבאָרע“ איז געפלעגט געוואָרן אַ וויי̇כלעך היסטערישער כאַראַקטער, ווייל אַזאַ—און נישט קיין אַנדערן—כאַראַקטער האָבן די דערציער פאָרגעשטעלט פאַר זייערע דערצויגלינגען אַלס נאָכמאַכונגס־אָביעקט.

ספּעציעל אונזער אַלטע חדר-דערציונג האָט געפלעגט אַ הכנעה־כאַראַקטער, אַ בויגעוודיקן כאַראַקטער, ווייל אַזוי האָט געהייסן די אַלטע יידישע געזעלשאַפטלעכע און טעאָלאָגישע אידעאָלאָגיע און ווייל די חדר־דערציער האָבן אַזאַ נאָכמאַכונגס אָביעקט מיט זיך אַליין, מיט זייער אייגענעם כאַראַקטער פאָרגעשטעלט פאַר די קינדער.

ס׳מוז, אַלזאָ, קלאָר ווערן, אַז דער כאַראַקטער, פּונקט ווי אַלע אַנדערע געביטן פון קינדס אַנטוויקלונג, ווערט געבילדעט הויפּטזעכלעך, אויב נישט אויסשליסלעך, ווידער אַמאָל אויפן סמך פון נאָכ-

מאַכונג די דערוואַקסענע, אויפן סמך פון קאַפּיטולאַציע פאַר די דערוואַקסענע.

דאָס זעלביקע, וואָס איז געזאָגט וועגן דער כאַראַקטער־בילדונג, דאַרף זיך אויך פאַרשפּרייטן אויף דער ווילן־אַנטוויקלונג, אויף וויפל דער ווילן קען בכלל באַטראַכט ווערן סעפּאַראַט פון כאַראַקטער.

ווילן־האַלטן פילע־באַזירט אויך אויף דיספּאָזיציעס און, ווידער אַמאָל, אויף דיספּאָזיציעס פון דער געפילס־באַטעטיקונג. אַזוי, למשל, געפינט באַומאַן *) אַז די אַנטוויקלונג פון ווילן איז אָפּהייניגיק פון די געפיל־פּאָרויסזעצונגען. „דער ווילן איז בילדבאַר, ד. ה. ער איז פון אָנהויב אָן ריין פאָרמאַל אָנגעלאַנגט אַ פאַרשטאַרקונג ווייל אַלע אָרגאַנישע און פסיכישע גרונטלאַגן פון ווילן, ווי אויך אַלע פאַראַנענע געפיל־דיספּאָזיציעס זיינען פעיק אויף אַזאַ פאַרשטאַרקונג. די ווילן־בילדונג מוז זיך דעריבער אין דער ערשטער ריי ווענדן צו די פאַראַנענע דיספּאָזיציעס, ווייל אַלע פאָרשטעלונגען, וועלכע מוזן מיטווירקן ביים טעטיקן ווילן, קענען זיך אַנטוויקלען נאָר פון די געפיל־דיספּאָזיציעס אַרויס".

אָבער, ווידער אַמאָל, די געפילס־באַטעטיקונג גופא, פון וועלכע דער ווילן זאָל שעפּן זיינע דיספּאָזיציעס, איז דאָך אויך אַ רעזולטאַט פון דערציונג. און אויסער דעם איז דאָך די דיספּאָנירונג אין דער געפילס־באַטעטיקונג נישט אַלץ, נאָר בלויז איינער פון מערערע פאַקטאָרן. אויסער דער געפילס־באַטעטיקונג ווירקן דאָך אויף דער ווילן־אַנטוויקלונג אויך אַנדערע, צווישן וועלכע אַ באַדייטנדיקן־אויסשוין נישט דעם אויסשליסלעכן—אָרט מוז פאַרנעמען די נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם, די נאָכמאַכונג דעם ווילן פון דערוואַקסענעם.

און מיימאַן זאָגט טאַקע בפירוש:

„דער ערשטער תנאי פאַר דער ווילן־בילדונג איז די איבונג" דאָס זאָל הייסן: כדי צו באַקומען אַ שטאַרקן ווילן, מוזן די קינדער זיך איבן אין שטאַרקן ווילן.

---

*) Baumann: Willensbildung, Berlin, 1911.

און וואָס איז דען איבן זיך אין ווילן, אויב נישט נאָכמאַכן אַ שטאַרקן ווילן? זיינען דאָך אַלע אַנדערע קינדערשע איבונגען שטענדיק אַ נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם, און די איבונג אין ווילן איז אויך נאָר אַ נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם.

אין דער פּעדאַגאָגישער פּסיכאָלאָגיע ווערט די פראַגע וועגן ווילן־אַנטוויקלונג ברייט באַהאַנדלט. מ׳ווייזט אָן, אַז מען מוז פאַר דער ווילן־אַנטוויקלונג שאַפן אומבאַדינגט גינסטיקע באַדינגונגען, אַז מ׳טאָר נישט שטערן דער ראַציאָנעלער ווילן־אַנטוויקלונג פון קינד מיט די עלעמענטן פון באַדראָונג און מורא, וועלכע האָבן פאַרנומען אַזאַ חשובן פּלאַץ אין דער אַלטער דערציונג און וועלכע האָבן פּאַקטיש אָפּגעשוואַכט, האָבן רואינירט דעם ווילן פון קינד. ווייל מען שטאַרקן דעם קינדס ווילן, דאַן מוז מען, אין דער ערשטער ריי, פאַרגרעסערן ביז מאַקסימום זיין זעלבסטבאַטעטיקונג, אַ שטאַרקער ווילן קען זיך איינאיינציק באַקומען פון זעלבסטאָריענטירונג, פון אייגענעם צופּאַסן און פאַרגלייכן דעם „איך וויל” צו דעם „איך קען”. אַנדערש גערעדט: ס׳דאַרף, לטובת דער ראַציאָנעלער אַנטוויקלונג פון קינדערשן ווילן, געשאַפן ווערן אַזאַ באָדן, וועלכער זאָל מיט זיך פאָרשטעלן די גרעסטע מעגלעכקייטן פאַר אומבאַגרעניצטער נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם.

וואָרום אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס נעגאַטיווע אין דער אַלטער באַדראָונגס־דערציונג? מ׳האָט זיך באַמיט דעם קינד שטענדיק אָנצובינדן אַ פרעמדן ווילן, מ׳האָט געזען, אַז דעם דערציערס ווילן זאָל ווערן דעם קינדס ווילן אויף אַ דירעקטן, אויף אַן אומ־מיטלבאַרסטן וועג.

דער חסרון איז געווען נישט אין דעם עצם ווילן פון דערציער — דער דערציער דאַרף טאַקע איבערגעבן זיין ווילן דעם קינד, ווייל זיין ווילן, דער ווילן פון אַ דערוואַקסענעם, פון אַ צוגעפּאַסטן צום לעבן, איז דאָך דער ווילן פון לעבן — נאָר אין דעם ווי אַזוי ער האָט דעמדאָזיקן ווילן איבערגעגעבן. ער האָט דעם קינד נישט געלאָזן זיך אָריענטירן אין דער צוועקמעסיקייט פון זיין, דעם דערציערס, ווילן, ער האָט אים זיין ווילן נישט איבערגעגעבן בהדרגהדיק, נאָר האָט עס מיט גוואַלד, מיט צו בולטן ווילקיר אים אַריינגעשלאָגן.

און אַזאַ ווילן־איבערגעבונג האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט דערפירן צו „פאַרדריינגונג", דאָס קינד האָט זיך געלערנט צו הכנעה, צו פּאַ־סיווּיטעט, אַנדערש גערעדט: דוקא צו ווילנלאָזיקייט.

אין וואָס האָט דער אַלטער דערציער געשטערט דעם קינד, אויף וואָס האָט ער אָנגעווענדעט זיין שטרענגע האַנט? דוקא אויף דער פרייער נאָכמאַכונג מצד דעם קינד דעם דערוואַקסענעם. אין נאָכמאַכונג, אין פרייער נאָכמאַכונג, איז פאַראַן זעלבסט־באַטעטיקונג (די גאַנצע זעלבסטבאַטעטיקונג איז בעצם נאָר נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם, וואָס ס'איז אָבער דאָ ווילכטיק: די זעלבסטעטיקונג פון קינד איז פרייע נאָכמאַכונג.), די אַלטע דערציונג האָט אָנגעווענדעט איר האַפּט דוקא אויף דעם, אַז דאָס קינד זאָל נישט קענען אַליין דערגיין צום ווילן, אַז ער זאָל ביי זיך נישט שאַפן די אילוזיע, אַז זיין ווילן איז נישט דער איבערגענומענער ווילן פון דערוואַקסענעם, נאָר זיין ווילן, זיין אייגענער ווילן.

האָבן דעריבער טאַקע די אַלטע דערציער געהאַט די בעסטע כוונות און האָבן דורכגעמאַכט די ערגסטע מעשים. זיינען זיי טאַקע דעריבער געקומען צו אַנטוויקלען שטאַרקן ווילן, און האָבן אָבער במעשה אַנטוויקלט שטאַרקע ווילנלאָזיקייט.

די נייע דערציונג פאַרריכט די פעלערן פון דער אַלטער דערציונג. זי שאַפט מעגלעכקייטן פאַר איבונג פון ווילן, מעגלעכקייטן פאַר דער פרייער נאָכמאַכונג פון דערוואַקסענעמס ווילן.

אָבער איין זאַך איז קלאָר:

די ווילן־אַנטוויקלונג ביים קינד מוז זיך, אַזוי גוט, ווי אַלע אַנדערע פּסיכישע געביטן, בויען הויפּטזעכלעך—אויב נישט אויסשליס־לעך—אויף דער נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם, אויף דער קאַפּיטולאַציע פון קינד פאַר דעם דערוואַקסענעם.

דעם קינדס „איך וויל", ווי דעם קינדס „איך פיל", ווי בכלל אַלע אַנדערע באַשטימונגען מצד דעם קינד אין פּראָצעס פון זיין וואַקסן, די אַלע באַשטימונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיט זיין אינערלעכער פּסיכישער אָרגאַניזאַציע, נעמען זיך בעצם נישט פון דער אינערלעכער אָרגאַניזאַציע גופא, נאָר זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אַהין פון אויסן, פון דער אים אַרומרינגלדיקער וועלט פון די דערוואַקסענע. דער שוואַרצ־באָדן פון דעם קינדס פּסיכיק אַנטהאַלט נישט אין זיך גופא די זוי־

מען פון די ווייטערדיקע פאַרשיידנאַרטיקע פּאָרמירונגען, די זוימען, וועלכע קענען לויט זייער אורשפּרינגלעכער און אייגענער טבע, אָן ווירקונגען מן הצד, זיך פונאַנדערוואַקסן און אַרויסלאָזן קנאָספּן און געבליטן. די זוימען גופא ווערן אין דעם באָדן פון קינדס פּסיכיק פאַרזייט פון אַנדערע, די זוימען ווערן אַהין פאַרוואָרפן פון די יעניקע, וועלכע שטייען פון אויסן, צו וועלכע דאָס קינד מוז זיך פאַרגלייכן, אין וועלכע ער מוז זיך פאַרוואַנדלען, זיי ווערן פאַר־יואָרפן פון די דערוואַקסענע.

ס'איז דערביי כלל נישט וויכטיק דער אונטערשייד פון דעם, ווי אַזוי די זוימען ווערן פאַרזייט, אין וואָס פאַר אַ פאָרם, אַ די־רעקטער אָדער אומדירעקטער, דער היינטיקער דערוואַקסענער ווירקט ביסלעכווייז אויף דער אויספאָרמירונג פון מאָרגנדיקן דערוואַקסענעם, אויפן קינד.

ס'איז נישט וויכטיק, צי די ווירקונג מצד די דערוואַקסענע אויף דער דערוואַקסנקייט פון קינד (אויף דער אומוואַנדלונג פון קינד אין דערוואַקסענעם) איז אַ ווילקירלעכע, אַ בכוונהדיקע, אַ ראַציאָנעל־פאָרויסבאַשטימטע, ווי ס'איז סוף כל סוף אונזער רעגלאַמענטירטע און מעטאָדאָלאָגירטע דערציונג, אָדער אַן אומווילקירלעכע, אַ ממילא־דיקע, אַן אומבאַמערקבאַר און אומבאַוווסטזיניק אויסגעדריקטע, ווי ס'איז די יירקונג פון גאַס און היים, די דערציערישע ווירקונג, אַזוי צו זאָגן, פון „אויסער דערציונג", ס'איז נישט וויכטיק, צי די זוימען, וועלכע ווערן פאַרוואָרפן אין דעם שוואַרצבאָדן פון קינדס פּסיכיק קומען פון דעם ספּעציעל־באַשטימטן זריעה־שופל אין די הענט פון פּראָפעסיאָנעלן דערציער–זייער אָדער זיי זיינען געגליכן צו די ספּאָרן וועלכע ווערן צושפּרייט און פאַרזייט דורך זייטיקע ווינטן–וויכטיק איז דאָס, וואָס די זוימען פון פאָלגנדיקער דערוואַקסנקייט, פון אומ־וואַנדלונג אין דערוואַקסענעם קומען פון אויסן, און נישט פון אויסן סתם, נאָר בפירוש פון יענעם דערוואַקסענעם, אין וועלכן דאָס קינד מוז אומגעוואַנדלט ווערן.

ווען ס'זאָל מעגלעך זיין זיך פאָרצושטעלן, אַז דאָס קינד זאָל זיך געפינען אין אַ סביבה, וועלכע זאָל אינגאַנצן און אידעאַל אויס־געפּאָמפּעט ווערן פון יעדער סוגעסטיע־לופט, אַז דאָס קינד זאָל קענען

פאַרבלייבן מיט זיין אייגענעם אורשפּרינגלעכן אינהאַלט, אַז ער זאָל באמת זיין פריי פון דערוואַקסענעמס צוואַנג, ווי אין דירעקטער, אַזוי אויך אומדירעקטער פאָרם, דאַן וואָלט דעם קינדס גאַנצע פּסיכישע איינשטעלונג זיכער געהאַט אַ לחלוטין אַ נ ד ע ר פ אָ ר ם, דאַן וואָלט דאָס קינד קיינמאָל קיין ד ע ר וו אַ ק ס ע נ ע ר נ י ש ט ג ע וו אָ ר ן.

דאָס קינד געפינט זיך דאָך אָבער אין פּראָצעס פון זיין אַנט־וויקלונג נ י ש ט אויסער אָרט און צייט, ער איז באַהאָפטן אָרגאַניש צו דער סביבה, אין וועלכער ער וואַקסט, און ער איז דעריבער נאָר אַ רעזולטאַט פון דערדאָזיקער סביבה און פון איר הערשער: דעם דער־וואַקסענעם.

דאָס קינד אין זיין דערוואַקסנקייט איז בלויז אַ ש נ י ט ע ר פון דעם, וואָס דער דערוואַקסענער, דער ז י י ע ר, האָט אין אים בכוונה אָדער שלא בכוונה, אַריינגעלייגט. דער שניטער פאַרגעסט אָפט, אונ־טער דער השפּעה פון דעם אים פאַרכאַפּנדיקער אַרבעט,—צי איז עס אַן אַרבעט פון באַגייסטערטער באַפרידיקונג אָדער אַ וויי־געשריי פון אַנטוישונג—אַלץ איינס—אַז ער איז בלויז אַן אויסנוצער פון פרעמדע אָנהויבן, אַ פאַרענדיקער פון פרעמדע התחלות, דער שניטער מיינט אָפט, אין זיין קורצזיכטיקייט, אַז דאָס גאַנצע געשניטענע איז נאָר מיט אים, דעם שניטער, פאַרבונדן. און דעמזעלביקן טעות באַגייט אויך דער מענטש, דער היינטיקער דערוואַקסענער—דאָס נעכטיקע קינד, אין באַציונג צום „איך", צו דעם, וואָס ס'הייסט „אינדיווידואַ־ליטעט".

באמת איז קיין אינדיווידואַליטעט אין אַבסאָלוטן זין פון וואָרט נישט פאַראַן און נישט מעגלעך, באמת איז אינדיווידואַליטעט נאָר אַן אויסערלעכער צווייג און נישט קיין אינערלעכער, פון זיך און נאָר פון זיך קומענדיקער וואָרצל.

אויב די ערשטע זוימען פאַר שפּעטערדיקע פּסיכישע געבליטן ווערן פאַרזייט פון אַ פרעמדער האַנט, דאַן מוז שוין די אינדיווידואַ־ליטעט פון די געבליטן זיין נאָר אַ טיילווייזע, נאָר אַ פאַרהעלטניס־מעסיקע. די אינדיווידואַליטעט פון אַ מענטשלעכער פּסיכיק מוז באַ־שטיין נאָר אין דעם, ווי אַזוי די פון פרעמד פאַרזייטע זוימען ווערן שפּעטער, נאָך זייער פאַרטיק און צוואַקסן ווערן, פון יעדן איינצעלן

א י ב ע ר ג ע מ אָ ל ט. און יעדער אינדיווידועלער פּסיכישער וועזן איז טאַקע נאָר אַ באַזונדערע מיל מיט באַזונדערע שטיינער אויף צומאָלן פון פרעמדער האַנט פאַרזייטע זוימען.

ביי וועמען די זוימען ווערן דינער צומאָלט און ביי וועמען גרעבער, ביי וועמען ס'איז ש ווערער אויסצוגעפינען די ענלעכקייט מיטן אָריגינאַל, די אורסימנים פון זייער געגעזיס און ביי וועמען ס'איז לייכטער. אָבער אַלע, אָן אונטערשייד, מענטשלעכע וועזנס האָבן צווישן זיך געמיינזאַמעס אין זייער שורש, אין זייערע אורזוימען, וועלכע וואַקסן פון דער סביבה, פ ו ן ד ע ר ו ו אַ ק ס ע נ ע ם.

וואָרום ווען ס'וואָלט מעגלעך געווען אַ מענטשלעכע אינדיווי־דואַליטעט אין אַבסאָלוטן זין פון וואָרט, אויב שוין נישט אין אַן אַלגעמיינעם מאַסשטאַב, איז, לכל הפּחות, ביי געציילטע, ביי אויס-דערווײלטע, פאַרוואָס זשע געפינען מיר אויס אפילו ביי גאונים זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט? פאַרוואָס פילט מען ביי געטען, למשל, דאָס כאַראַקטעריסטיש-דייטשע, ביי טאָלסטאָיען-דאָס כאַראַקטעריסטיש־רוסישע א. אַ. וו.? אלא וואָס דען? קיינער איז נישט פריי פון זיין סביבה, פון די קאָמפּלעקסן השפּעות, וואָס די אַרומיקע דערוואַק־סענע איבן אויף אים אויס אין פּראָצעס פון זיין ערב־דערוואַקסנקייט, אין דעם פּעריאָד פון זיין אומגעוואַנדלט ווערן אין אַ דערוואַקסענעם.

און אויב ביי אויסדערווײלטע, ביי געציילטע מענטשלעכע פּער־זענלעכקייטן איז עס אַזוי, איז ביי דעם כּלל מענטשן זייער שטענדיקע און אומבאַדינגטע אָפּהענגיקייט פון דער סביבה, פון די דערוואַקסענע אַרום זיי, געוויס אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך.

דער אויספיר איז אַזאַ:

אַלע מענטשן בכּלל, אין זייער אויסקריסטאַליזירטער, ענדגיל־טיקער פּערזענלעכקייט, בילדן אויס אַ סומע פון יענע חבור־צאָלן, פון וועלכע יעדע איז אַ ווירקונג פון דערוואַקסענע. דער אונטערשייד באַשטייט בלויז אין דעם אופן, ווי אַ ז ו י די סומע ווערט אויפגע־שטעלט, ווי אַ ז ו י די אונטערשטע שורה ווערט אונטערגעצויגן. די איינצעלע חבור־צאָלן לאָזן זיך פאַרשיידנאַרטיק קאָמבינירן, די סומע איז אָבער אַלע מאָל איינע און דיזעלביקע און איר נאָמען איז: די ו י ר ק ו נ ג פ ו ן ד י ד ע ר ו ו אַ ק ס ע נ ע.

ווען ס׳וואָלט געווען מעגלעך ביי אַ מענטשן צו מאַכן אַן אַנאַטאָ־מישן שניט אין זיין נשמה, וואָלט ער, דער שניט, געקענט געטריי אָנ־ווייזן אויף יעדער באַזונדערער פסיכישער נייגונג און אייגנאַרט, פון וועלכן דערוואַקסענעם קאָנקרעט זי איז צו אים געקומען, וועלכער דערוואַקסענער האָט עס די ערשטע זוימען פון די פסיכישע נייגונגען אין זיין פסיכיק פאַרזייט.

אויף יעדן מענטשן, אויף יעדן קינד אין זיין אומוואַנדלונג אין אַ דערוואַקסענעם ווערט אויסגעאייבט די ווירקונג נישט פון דערוואַק־סענע סתם, נאָר פון די דערוואַקסענע, פון באַשטימטע, רוימלעך און צייטלעך באַשטימטע, דערוואַקסענע. קינדער ווערן אויסגעבילדעט אין מיטגלידער פון אַ קאָנקרעטער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער סביבה. שוין ביי גאָר קליינע קינדער, נאָכדעם ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פראָצעס פון זייער אומוואַנדלונג אין דערוואַקסענעם, קען מען זייער לייכט אויסגעפינען די סמנים פון דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער סביבה, פון וועלכע זיי וואַקסן. און אויב ס׳איז מעגלעך אין דער באַקאַנטער לעגענדע וועגן „פרינץ און בעטלער״ אָדער פון שלמה המלכס משפט וועגן די צוויי מאַמעס, אַז צוויי קינדער זאָלן צווישן זיך זיין אַזוי ענלעך, אַז זיי זאָלן קענען פאַרטוישט ווערן, איז עס מעגלעך נאָר דאַן, ווען די קינדער זיינען נאָך גאָר קליין, ווען זיי זיינען נאָך נישט אונטערגעוואָרפן די פעריפערישע ווירקונגען פון דער סביבה. שפּעטער אָבער, ווען די פעריפערישע ווירקונגען פון דער סביבה לאָזן זיך פילן—און דערדאָזיקער מאָמענט, ווי כ׳האָב שוין אויבן אָנגעוויזן, קומט תיכף נאָך דעם געבוירן ווערן פון קינד, קענען שוין די קינדער נישט פאַרטוישט ווערן, ווייל אין יעדן פון זיי זעט מען שוין זייער אייגענע מאַמען. זייער באַזונדערע פרינ־צישע אָדער בעטלערישע סביבה, פון וועלכער זיי וואַקסן.

אויב ס׳איז שוין יאָ באַשערט, אַז קינדער זאָלן פאַרטוישט ווערן, איז עס איינאיינציק מיט זייער אייגענער סביבה, מיט די דערוואַקסענע פון זייער אייגענער סביבה.

קינדער זיינען, אין אַ קלענערער, אין אַ גרעסערער מאָס—פראָ־טאָטיפּן פון זייער דור, פון זייער אָרט, פון די דערוואַקסענע אַרום זיי.

און דאָס איז שוין דער אומפאַרמיידלעכער באַפעל פון לעבן:

קינדער מוזן אין דערוואַקסענע אומגעוואַנדלט ווערן, קינדער מוזן באַהערשט ווערן פון די דערוואַקסענע, קינדער מוזן קאַפּיטולירן פאַר די דערוואַקסענע

און ווי גרויס און פּיינלעך ס'זאָלן נישט זיין די אָנשטריינגונגען פון קינד אויפצוהאַלטן זיין אייגנטלעך־קינדישס, ווי שטאַרק ס'זאָלן נישט זיין די באַמיונגען קעגנצושטעלן זיך דער אָפּענסיווע פון דערוואַקסענעם אויף די לעצטע רעשטלעך פון אורשפּרינגלעך־קינדישן אין קינד, דער סוף איז און מוז זיין איינער:

קאַפּיטולאַציע קעגן דערוואַקסענעם! —

פינפטער קאַפּיטל:

צוריק צום קינד.

ראשי־פרקים:

1. דריי פּעריאָדן אין מענטשלעכן לעבן. דער צווייזייטיקער לייטער פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג: דאָס צונויפפאַלן פון אָנהויב און סוף. ז. 222
2. פּסיכאָ־פיזישע אידענטיטעטן ביים קינד און אַלטן מאַן: עגאָצענטרישקייט און אייגנזין, כבוד־געפיל, אַראָפּגעזעצטער פּערזענלעכקייטס־געפיל און מינדערווערטיקייט, אוטיליטאַריסטישע ליבע, געשטייגערטע פאַנטאַזיע, באַוועגלעכע אַסאָציאַציעס. ז. 234
3. וואָס קומט אונז צו לערנען צו בענקשאַפט נאָך דער קינדהייט? אויספירן. ז. 532

פון אונזערע פריערדיקע פרוּוון צו אַנאַליזירן דעם קינדס אַנטוויקלונג האָבן מיר געזען, אַז ווי אַ דאַמאָקל־שווערד הענגט איבערן קאָפּ פון קינד דער אומבאַזייטבאַרער באַפעל פון דער לעבנס־צוועקמעסיקייט און לעבנס־נויטווענדיקייט: ווער אַ דערוואַקסענער!

מיט דערנער און שטרויכל־שטיינער איז פאַרזייט דער אַנטוויקלונגס־וועג פון קינד, מיט פיין און אָנשטרענגונג איז איבערפולט דעם קינדס דערציונג. די ריכטונג פון דעם וועג, וואָס דאָס קינד מוז דורכמאַכן, איז אָבער שטענדיק איינע און די זעלביקע, אַ פאָראויס באַשטימטע פאַר אַלע צייטן און אַלע דורות, דאָס איז די ריכטונג, וואָס פירט פון קינד צום דערוואַקסענעם.

דער פּעריאָד פון קינדס וואַקסן איז אַ פּעריאָד פון פאַרביטערטן געראַנגל צווישן צוויי נישט גלייכע קעגנער, דער שוואַכערער קעגנער, דאָס קינד, נוצט אויס אין זיין פאַרטיידיקונגס־קאַמף אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע מיטלען. די אַלע מיטלען העלפן אָבער

נישט, ווייל דער שטאַרקערער, דער דערוואַקסענער, מוז זיגן, מוז באַהערשן זיין שוואַכערן קעגנער, מוז סוף כל סוף איינקלאַמערן דעם זיך ראַנגלענדיקן קינד אין זיינע אייזן־פעסטע אָרעמס, מוז אים אין אַ פּראָטאָקאָל צו זיך פאַרוואַנדלען, מוז פון קינד אַ צו זיך גלייכן דערוואַקסענעם מאַכן. און ווען ס'איז שוין אָפּגעווישט יעדער שפּור פון קינדערישער בונטאַרישקייט קעגן דערוואַקסענעם, ווען ס'איז שוין ענדגילטיק צובראָכן יעדע ווידערשטאַנדספעיקייט פון באַזיגטן, ווען ס'איז שוין אויסגעריסן מיטן וואָרצל יעדער רעשטל פון אורשפּרינג־לעך־קינדישן אין קינד, ווען דאָס נעכטיקע קינד דערגרייכט שוין דעם הויכן שטאַנד" פון אַ דערוואַקסענעם, דאַן ערשט איז די קינדהייט פאַרענדיקט, דאַן ערשט איז דער לענגערער פּראָצעס פון קינדס אַנטוויקלונג אָפּגעשלאָסן.

מיט דער אומוואַנדלונג פון קינד אין אַ דערוואַקסענעם ווערט, אַלזאָ, אָפּגעשלאָסן איין פּעריאָד פון מענטשלעכן לעבן, דער פּעריאָד פון דער מענטשלעכער קינדהייט.

דערדאָזיקער פּעריאָד פון מענטשלעכן לעבן איז אָבער נישט דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן.

דאָס מענטשלעכע לעבן אַלס גאַנצע באַשטייט פון דריי באַזונ־דערע פּעריאָדן, פון וועלכע די קינדהייט איז בלויז דער ערשטער.

און כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס צוויי פון די דאָזיקע דריי פּעריאָדן, דער אָנהויב און דער סוף, האָבן אַ קעגנגעזעצטע ריכטונג, דאָ, ווו אין דעם ערשטן קומען פליסן, קומען אין דעם צווייטן מי־נוסן און, פאַרקערט, דאָרט, ווו דער ערשטער האָט אַ טענדענץ אַרויף, האָט דער צווייטער אַ טענדענץ אַראָפּ. צווישןביידע קעגנגעזעצטע פּעריאָדן פון מענטשלעכן לעבן ליגט דער פּעריאָד פון נייטראַליזם, צווישן ביידע אַקטיווע (פּאָזיטיוו אַקטיוו אָדער נעגאַטיוו אַקטיוו—אַלץ איינס) פּעריאָדן ליגט דער פּעריאָד פון פּאַסיוון גלייכגעוויכט.

דער ערשטער פּעריאָד פון מענטשלעכן לעבן איז שוין אָנגע־רופן געוואָרן מיט זיין נאָמען: קינדהייט. נאָך דעם פּעריאָד פון פאַרענדיקטער, פון אָפּגעשלאָסענער קינדהייט קומט דער פּעריאָד פון „ימי־גבורה", פון איינהאַלטן די דערגרייכטע דערוואַקסנקייט אין איר אומגעווּעקסלטער סטאַטישקייט. און ערשט שפּעטער הייבט זיך אָן

דער פעריאָד פון אַלט ווערן, דער פעריאָד פון כסדרדיקן אָפּלאָזן פון דער פריער אויפגעהאַלטענער דערוואַקסנקייטס-קראַפט.

אויב פאַר דעם קינדהייטס-פעריאָד איז כאַראַקטעריסטיש דער אַרויפשטייגנדיקער שטראָם, איז פאַר דעם אַלטקייט-פעריאָד, פאַרקערט, שוין כאַראַקטעריסטיש דער אַראָפּשטייגנדיקער שטראָם. אויב דער קינדהייטס-פעריאָד—אין פאַל, ווען מיר זאָלן נעמען דעם צווייטן, נייטראַלן פעריאָד פאַר אַ פאַרגלייכונגס-פונקט אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, פאַר אַ צוגאַנג אָדער שטרעבונגס-פונקט לגבי איין פעריאָד, דעם. ערשטן און פאַר אַן אויסגאַנגס-פונקט לגבי דעם אַנדערן פעריאָד, דעם דריטן,—קאָן באַצייכנט ווערן אַלס „באַרג אַרויף", דאַרף שוין ממילא דער אַלטקייט-פעריאָד באַצייכנט ווערן אַלס „באַרג אַראָפּ".

די קינדהייט גייט צום דערוואַקסענעם, די אַלטקייט גייט פון דערוואַקסענעם.

אין דעם פרט קען די גאַנצע מענטשלעכע אַנטוויקלונג, מיט אַלע אירע באַזונדערע פעריאָדן, גראַפיש פאָרגעשטעלט ווערן אין געשטאַלט פון אַ צווייענדיקן לייטער מיט אַ קליין שטיי-פלאַץ אין דער שפּיץ. די קינדהייט, ד. ה. דער פעריאָד ווען דאָס קינד ווערט ביס-



לעבֿווייז פֿאַרוואַנדלט, ביסלעכווייז דערהויבן צום דערוואַקסענעם איז עס די ערשטע זייט פֿון דעם לייטער. יעדע טרעפּ אויף דערדאָזיקער זייט לייטער איז אַ דערנענטערונג צום אויבערשטן שטיי־פּלאַץ, אַ שטייגערונג פֿון פֿיזישער און פּסיכישער קראַפֿט. די טרעפּ פֿון דעם זייט לייטער ציען זיך ביז זיי דערגרייכן דעם מיטלפּונקט פֿון גאַנצן לייטער, ביז דער מענטש, דאָס נעכטיקע קינד אין היינטיקער דערוואַקסענער, דערגרייכט דעם פּלאַץ, ווו די דערהויבונג שטעלט זיך אָפּ אויף אַ צייט, ווו דער אומרו פֿון וואַקסן ווערט אָפּגעשטעלט, ווו דאָס מענטשלעכע וועזן שפּייזט זיך, ווי יענער זוימען אין מוטער־לייב, פֿון זיינע אייגענע, פֿון פֿריער צוגעגרייטע זאַפֿטן.

דער שפּעטער אָנקומענדיקער פּעריאָד פֿון אַלט ווערן איז שוין די צווייטע זייט פֿון דעם לייטער. אויף זיינע טרעפּ און שטאַפּלען לאָזט זיך דער מענטש ביסלעכווייז אַראָפּ צוריק פֿון די דערגרייכטע הויכן, דער מענטש הויבט אָן ביסלעכווייז זיך צו דערנידעריקן צו יענעם אויסגאַנגס־פּונקט, פֿון וועלכן ער האָט אין אָנהויב פֿון זיין אַנטוויקלונג זיך אָנגעהויבן צו דערהויבן.

און עס קומט טאַקע אַ מאָמענט, ווען דער אָנהויב מיטן סוף פֿון מענטשלעכן וועזן, דער ערשטער אויסגאַנגס־פּונקט פֿון דער פֿריסטער קינדהייט מיטן לעצטן צוגאַנגס־פּונקט פֿון דער שפּעטסטער אַלטקייט זיינען פֿולשטענדיק אידענטיזירט.

אין דעם זין איז דאָס מענטשלעכע לעבן טאַקע געגליכן צו אַן אַרום־וועלטיקער רייזע: דער מענטש קומט צוריק אין זיין אַלטקייט צום זעלביקן פּונקט, פֿון וועלכן ער איז אַרויס אין זיין קינדהייט. אין פֿאַרשיידנשפּראַכיקן פֿאָלקלאָר געפֿינען מיר שאַרפֿזיניקע באַצייכנונגען פֿון דעמדאָזיקן מערקווירדיקן מאָמענט אין מענטשלעכן לעבן, ווען דער אָנהויב און דער סוף פֿאַלן זיך צונויף, ווען דער ערשטער אויסגאַנגס־פּונקט און דער לעצטער צוגאַנגס־פּונקט ווערן פֿולשטענדיק געמיינזאַם געדעקט. („ער, דער אַלטער, איז צוריק אַריינגעפֿאַלן אין קינדהייט"—אין יידיש, „סטאַרי יאַק מאַלי" אין אוקראַיניש א. אַ. וו.)

און מ׳קען אויפֿשטעלן אַזאַ פֿאָרמול פֿאַר דעם אומקרייז פֿון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג: פֿון אָנהויב גייט דידאָזיקע אַנטוויק־

לונג פון קינד צום דערוואַקסענעם, צום סוף אָבער גייט די זעלביקע אַנטוויקלונג פון דערוואַקסענעם צום קינד.

כ׳קען זיך דאָ נישט אָפּגעבן גענוי מיטן אַנאַליז פון אַלט ווערן, מיט מאַכן אַפילו געלויפיקע עקסקורסיעס אין די פּסיכישע איבער־בראָכן (פּסיכיש און פיזיש זיינען דאָ אויך, ווי אין גאַנצן מענטש־לעכן לעבן בכלל, אַ צווישן זיך געבונדענער סיאַם־צווילינג), וואָס די אַלטקייט טראָגט איבער. ס׳איז אָבער גענוג בלויז אָנצווייזן אויף דעם אומצווייפלדיקן ווענדפּונקט אין דעם אַלטקייט־פּעריאָד פון מענטש־לעכן לעבן, אויף יענעם ווענדפּונקט, וועלכער קען אַמבעסטן פאָר־מולירט ווערן מיט די ווערטער:

צוריק צום קינד!

אין דעמדאָזיקן מערקווירדיקן פאַקט איז פאַראַן אַן אומגעהויערער טראַגיזם. דער טראַגיזם אין דער צווייטער זייט לייטער איז נישט קלע־נער פון זעלביקן טראַגיזם אין דער ערשטער זייט לייטער, דער טראַגיזם פון צוריק צום קינד, מיט וועלכן ס׳צייכנט זיך אויס אַלטקייטס־פּעריאָד פון מענטשלעכן לעבן איז נישט שוואַכער און נישט מינ־דערווערטיקער פון טראַגיזם, וועלכער איז אַנטהאַלטן אין „פון קינד צום דערוואַקסענעם״, מיט וועלכן ס׳צייכנט זיך אויס דער קינדהייטס פּעריאָד פון מענטשלעכן לעבן.

פאַראַן אַזעלכע אומגליקלעכע קאַמפן, ווו דער זיגער איז מקנא דעם באַזיגטן, ווען דער זיגער פאָרט אַריין אין זיין טריאומף־טויער נישט נאָר אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון „וויוואַט״, נאָר אויך פון מיטלייד־אויסגעשרייען: „ווי צו דעם זיגער״. פאַראַן אַזעלכע זיגן, ווען דעם זיגערס קאָפּ, באַקרוינט מיט אַ לאָרבער־קראַנץ בויגט זיך אַראָפּ, קעגן זיין אייגענעם באַוווסטזיין אפשר, פאַר דעם באַזיגטן. צו אַזעלכע קאַמפן געהערט אויך דער קאַמף, וואָס צווישן קינד און דערוואַקסענעם, אַזאַ זיג, ביי וועלכן דער זיגער האָט אַן אַראָפּפאַל פאַרן באַזיגטן, אַ פּערספּעקטיוו זיך אַליין צו פאַרגלייכן מיטן באַ־זיגטן, איז אויך דער זיג פון דערוואַקסענעם איבערן קינד.

ווי יענע באַזיגטע קעניגן מיט די אָפּגעהאַקטע גראָבע פינגער אויף די הענט ביי דעם ביבלישן זיגער־טיראַן, קען דער אַלט געוואָ־רענער מענטש זאָגן וועגן זיך:

פריער האָבן מיר אַליין אָפּגעהאַקט בײַ די קינדער לעבעדיקע גלידער פון זייער אורשפּרינגלעך־קינדישן און האָבן זיי אין דערוואַקסענע פאַרוואַנדלט, איצט שטייען מיר אַליין מיט אָפּגעהאַקטע גלידער פון אונזער דערוואַקסנקייט און ווערן גלייך צו די פריער פון אונז באַזיגטע קינדער.

וואָרום ס׳איז אַ צווייפאַכער באַפעל פון לעבן:

„ווער אַ דערוואַקסענער!״—קלינגט דער באַפעל אין די אויערן פון קינד, „צוריק צום קינד!״ לויטעט דער באַפעל אין די אויערן פון אַלטן.

ביידע, סיי דאָס קינד, וואָס דאַרף ווערן אַ דערוואַקסענער, סיי דער אַלטער, וואָס דאַרף ווערן צוריק אַ קינד, ליידן פון איין און דערזעלביקער פּסיכיש־פיזישער מינדערווערטיקייט.

די מינדערווערטיקייט ביים קינד נעמט זיך דערפון, וואָס ער איז נאָך *נישט* קיין דערוואַקסענער, די מינדערווערטיקייט פון אַלטן נעמט זיך פון דעם, וואָס ער איז *שוין געווען אַ דערוואַקסענער*.

דאָס קינד ליידט פון מאַכטלאָזיקייט, ווייל ער גלויבט נאָך, אַז ס׳איז בכלל פאַראַן מאַכט, דער אַלטער ליידט פון מאַכטלאָזיקייט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ס׳איז קיין מאַכט נישט פאַראַן, וואָס ער האָט—לכל הפּחות, מאַכט פאַרלאָרן.

ווי רעדט זיך עס אין אַ געוויסן ליד אין פּראָזע: צוויי מענטשן האָבן געוואָלט אַרויפקלעטערן אויף אַ באַרג איינעם איז עס געלונגען און ער האָט דעם שפּיץ פון באַרג דערגרייכט, דעם אַנדערן איז עס נישט געלונגען און ער איז אונטן פאַרבליבן, גאַרנדיק זיך צו דערהויבן צום ווייטן באַרג־שפּיץ, זיינען זיי אָבער, ביידע פאַרבליבן אויסער דעם באַרג און ביידן האָט דער באַרג געפעלט: דעם אונטן שטייענדיקן, ווייל ער איז פיזיש געווען אָפּגעריסן פון זיין ציל, דעם אויבנשטייענדיקן—ווייל ער איז אינערלעך געווען אָפּגעריסן פון זיין ציל, ווייל *אַ דערגרייכטער* ציל איז דאָך אויך טייטש אָפּגעריסן פון ציל.

און ווער ווייס וועמענס ווייטיק איז פיינלעכער: פון דעם וועמען דער באַרג פעלט, ווייל ער האָט אים נאָך *נישט* דערגרייכט

אָדער פון דעם, ווען דער באַרג פעלט טאַקע צוליב דעם, וואָס ער האָט אים שוין דערגרייכט. דער וואָס שטייט פון אונטן האָט טאַקע נישט דעם באַרג, ער קוקט דאָך אָבער אַרויף און וויל נאָך, און גלייבט נאָך צו געפינען אַ געניזונג פאַר זיין מינדערווערטיקייטס־געפיל, ווען ער וועט אויבן זיין, דער אָבער, וואָס שטייט שוין אויבן, מוז שוין קוקן אַראָפּ און וויל שוין נישט, און גלייבט שוין נישט צו געפינען אַ געניזונג פאַר זיין מינדערווערטיקייטס־געפיל.

דאָס קינד איז דאָס דער, וואָס שטייט נאָך אונטערן באַרג, און אויב ער ליידט פון מינדערווערטיקייטס-געפיל, גלייבט ער נאָך לכל הפּחות, צו דערגרייכן, צו דעראָבערן פולווערטיקייט, דער אַלטער אָבער איז דאָס דער, וואָס איז געשטאַנען שוין אויפן שפּיץ־באַרג און האָט קיין פילווערטיקייט דאָך נישט געפונען אָדער—אַמווייניקסטן—געפונען און פאַרלאָרן.

דעם מינדערווערטיקייטס־געפיל האָבן זיי אָבער ביידע, דאָס אורשפּרינגלעכע קינד און דער אין קינד פאַרוואַנדלטער אַלטער. ס׳זיינען בלויז פאַרשיידן די אַנטפּלעקונגס־פאָרמען, וועלכע דער מינ־דערווערטיקייטס־געפיל נעמט אָן ביי יעדן פון זיי.

און די פאַרשיידנאַרטיקייט נעמט זיך טאַקע פון דער באַזונ־דערקייט פון גענעזיס, וואָס דער מינדערווערטיקייטס־געפיל האָט ביי יעדן פון זיי: ביי דעם אורשפּרינגלעכן קינד איז דער מינדערווער־טיקייטס־געפיל אויך אַן אורשפּרינגלעכער, אַ לכתּחילהדיקער, ביי דעם געוואָרענעם קינד, ביים אַלטן, איז דער זעלביקער מינדערווערטי־קייטס־געפיל אויך א געוואָרענער, אַ בדיעבדיקער.

לאָמיר נעמען, אַלס אילוסטראַציע, געוויסע אַנטפּלעקונגס־פאָר־מען פון דעם מינדערווערטיקייטס־געפיל ביים אַלטן אין זייער פאַר־גלייך מיט ענלעכע אַנטפּלעקונגען ביים קינד.

דאָס וועלן כּבוד איז, בדרך כּלל, איינער פון די סימנים, מיט וועלכע ס׳צייכנט זיך אויס די פּסיכיק־איינשטעלונג פון אַלטן מאַן. דערדאָזיקער כּבוד־געפיל נעמט זיך, אָן ספק, פון שטאַרק געשטייגערטער עגאָצענטרישקייט, פון דעם, וואָס דער אַלטער מאַן איז נוטה שטאַרק איבערצושאַצן זיין זעלבסטבאַדייטונג. ביי געוויסע אַלטע לייט דער־גייט אַפילו דער כּבוד־געפיל צו אַזאַ היפּערטראָפירטער פאָרם, אַז

ער ווערט נעמט אָן דעם כֿאַראַקטער פון אַן אמתן אידעע־פיקס. אַן אַלטער מאַן קען דינען דאָס רוב אַלס מוסטער פון פעדאַנטעריע: ער וועט אייך נישט איבערלאָזן די מינדעסטע זאַך, וואָס אַנטהאַלט לויט זיין איינזען (און דערדאָזיקער איינזען איז ביים אַלטן אַ שטאַרק סוביעקטיווער.) אַ קליינע ברוכצאָל פון באַליידיקונג, פון אָנגריף אויף זיין פערזענלעכקייטס־ווירדע.

אין דעם פרט קען ווידער אָנגעווענדעט ווערן דער באַקאַנטער כּלל, לויט וועלכן פסיכאָלאָגישע קעגנזאַצן זיינען שטענדיק פסיכאָלאָגישע אידענטיטעטן. ס'איז כֿאַראַקטעריסטיש, וואָס ביי דעם אַלטן מאַן גייען האַנט ביי האַנט אַזעלכע פון ערשטן בליק קעגנזעצלעכע כֿאַראַקטער־אייגנשאַפטן, ווי פעדאַנטעריע פון איין זייט און ווייכהאַרציקייט, גוטמוטיקייט פון דער אַנדער זייט. איין און דערזעלביקער אַלטער מאַן קען אין געוויסע מאָמענטן זיין אַ „מענטש אָן אַ גאַל", קען באַצויבערן מיט זיין צוגעלאָזנקייט און גרייטקייט צו פאַרגעבן און איז אַנדערע מאָמענטן ווערט ער גאַליק, פעדאַנטיש און קאַפּריציז אַזוי, אַז ס'איז שווער זיך צו געפינען אין זיינע ד' אמות.

אַן אַלטער מאַן En Masse געהערט צו יענער קאַטעגאָריע פון דער כֿאַראַקטערן-קלאַסיפיקאַציע אין „פרקי אבות", אויף וועלכער ס'ווערט געזאָגט: „נוח לכּעס ונוח לרצות"—„לייכט צו ווערן אין כּעס און לייכט זיך איבערצובעטן".

באמת נעמען זיך דידאָזיקע ביידע קעגנזאַצן פון איין און דעם זעלביקן קוואַל, ביידע זיינען זיי בלויז פאַרשיידנפאָרמיקע רעזולטאַטן פון איין און דעמזעלביקן פסיכאָלאָגישן פאַקטאָר:

דער אַלטער מאַן האָט פאַרלאָרן זיין פריערדיקע פעסטקייט, די פריערדיקע פאַרגלייכגעוויכטיקונג פון זיין פסיכיק, ער האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן „באַרג אַראָפּ" פון דעם לייטער פון דעראָבערטער דערוואַקסנקייט.

ביי אַן אַלטן—זאָגט מען מיט רעכט-פעלן, פונקט ווי ביי אַ קינד, די אָפּהאַלטנדיקע צענטרען, יענע צענטרען, וואָס רעגולירן, וואָס האַלטן די מענטשלעכע אייגנשאַפטן און נייגונגען אין פעסטגעשטעלטע ראַמען. אַזאַ רעגולירונגס-פעיקייט פון אָפּהאַלטנדיקע צענטרען איז מעגלעך נאָר ביי אַ צושטאַנד פון זיכערקייט, פון איבערצייגונג אין אייגענער קראַפט.

און דוקא דידאָזיקע זיכערקייט און איבערצייגטקייט אין איי גענער קראַפט פעלן ביים אַלטן מאַן, פונקט ווי זיי פעלן ביים קינד.

און ווייל דער אַלטער מאַן פילט די זיך אַלץ שטאַרקנדיקע צוריקטרעטונג און פאַרמינערונג פון זיין פסיכיש־פיזישער קראַפט, ווייל ער נעמט אויף מיט אַ באַזונדער שאַרפער עמפינדלעכקייט דעם זיך דערנענטערנדיקן טויט און מינדערווערטיקייט, ווערט ביי אים ממילא אַלס עלעמענטאַרמיטל פון זעלבסטפאַרטיידיקונג דאָס קרענק־לעכע אָפּהיטן פון זיין כבוד, דאָס שטיין אויף דער וואַך פון זיין ווירדע און פערזענלעכקייטס־געפיל.

ס'איז דער אַלגעמיינער געזעץ פון זעלבסטפאַרטיידיקונג. אַ שטאַרקערע בלוט־צירקולאַציע מוז פאַרקומען דוקא דאָרטן, וווּ ס'איז פאַראַן אַ סכנה פון בלוט־אָרימקייט, און ווערט דער פערזענלעכקייטס־געפיל פון אַלטן מאַן באַדראָט פון בלוט־אָרימקייט אין זין פון פיזיש־פסיכישער אָפּשוואַכונג, מוז קומען צו הילף אַ פאַרשטאַרקטע בלוט־צירקולאַציע אין זין פון פעדאַנטעריע, פון געשטייגערטער שטרעבונג צו כבוד.

דער אַלטער מאַן איז אַ „געוועזענער מענטש", ער האָט געהאַט און פאַרלאָרן זיין פריער דעראָבערטע פילווערטיקייט, און דעריבער קלאַמערט ער זיך מיט עקשנות פאַר יעדן רעשטל פון דער פריער־דיקער פילווערטיקייט, דעריבער זעט ער צו פאַרפילן די בלויזן פון זיין איצטיקער מינדערווערטיקייט מיט אילוזיעס וועגן אַ פאַרזע־צונג פון זיין פריערדיקער לאַגע, זיין איצטיקן ווידערשטאַנד קומט ער צו קאָמפּענסירן אויפן חשבון פון פריערדיקן הויכשטאַנד.

און די אינטואיציע פון אַוועקגייענדיקן זאָגט דעם אַלטן מאַן אונטער, אַז מען מוז פון אַ „נויט אַ טוגנד מאַכן", מען מוז אַלס גע־ווער אין קאַמף מיט דער מינדערווערטיקייט לאָזן אין גאַנג דעם פאַקט פון דער מינדערווערטיקייט גופא.

און דעריבער באַנוצט טאַקע דער אַלטער מאַן, אין זיין פאַר־טיידיקן זיין זעלבסטבאַדייט, זיין פריערדיקן לעבן, זיין פריערדי־קע פאַרדינסטן.

„חזקה" און אָנווייזונגען אויף דער רומפולער פאַרגאַנגנהייט

זיינען די באַליבסטע מעדאַלן אויף דער איינגעפאַלענער ברוסט פון אַוועקגייענדיקער אַלטקייט.

„חזקה״ און „רומפולע פאַרגאַנגנהייט״ זיינען, אמת, שטענדיק — אין לעבן פון פרט, ווי אין לעבן פון כלל — סימני־דלות פון „רומלאָזער געגנוואַרט״. ווען עמיצער שטיצט זיך כסדר נאָר אויף דעם „נעכטן״, איז פון דעם ממילא געדרונגען, אַז ס׳איז אויסגעלאָזן זיין „היינט״ און נאָך מער זיין „מאָרגן״.

דאָס איז אָבער ריכטיק בלויז אָ ב י ע ק ט י וו. ס ו ב י ע ק ט י וו אָבער מוז דער „רומפולער נעכטן״ ווערן דער ערשטער לויט זיין חשיבות הילפס־מיטל אין די הענט פון זעלבסטדערהאַלטונג ביי דעם יעניקן, וועמענס „היינט״ און „מאָרגן״ געפינען זיך שוין אין מצב פון „באַרג אַראָפּ״.

און פון דעם שטאַנדפונקט גענומען, איז דער כבוד־געפיל פון אַלטן מאַן אַ פולשטענדיק באַרעכטיקטע דערשיינונג. כ׳האָב אויבן אָנגעוויזן, אַז ס׳איז כלל נישט פאַראַן קיין סתירה צווישן ביידע אייגנשאַפטן פון אַלטנס כאַראַקטער, צווישן זיין פּעדאַנטעריע און גוטמוטיקייט, צווישן זיין „נוח לכעס״ און „נוח לרצות״.

די קעגנזייטיקע שייכות צווישן די ביידע אייגנשאַפטן פאַרמאָגט אָבער נאָך מער פון בלויזער סתירהלאָזיקייט: די אייגנשאַפטן זיינען ביידע שטאַרק אָפּהייניגיק איינע פון דער אַנדערער, צווישן זיי איז פאַראַן אַן אָרגאַנישער פּסיכאָלאָגישער צוזאַמענבונד.

די גוטמוטיקייט פון דעם אַלטן מאַן — ווי יעדע היפּערטראָפירטע גוטמוטיקייט בכלל — נעמט זיך טאַקע פון זיין שוואַכקייט, פון זיין אומפעיקייט צו פירן דעם קאַמף כסדר, אָן אויפהער, ביז אַן ענדגילטיקן און זיכערן זיג. און נישט פעיק צו דערפירן דעם קאַמף ביז אַ זיכערן זיג איז דער אַלטער מאַן טאַקע צוליב דעם, וואָס דער באָדן, אויף וועלכן ער שטייט איז נישט קיין גענוג פעסטער. ער מוז זיך באַגרענעצן בלויז מיט פ אַ ר ש ט ע ל ן זיין מינדערווערטיקייט, ווייל אָפּלייקענען, ווייל אויסרייסן די מינדערווערטיקייט מיטן וואָרצל איז ער שוין נישט בכח. פונקט ווי ס׳פאַרכאַפּט אים, דעם פ י ז י ש ־אָפּגעשוואַכטן אַלטן מאַן אָטעם ביי זיין לאַנגן גיין, פונקט אַזוי פאַרפעלט אים, דעם פ ס י כ י ש ־אָפּגעשוואַכטן אַלטן מאַן, מעגלעכקייט

צו פירן אַ לאַנגן קאַמף פאַר פילוּוערטיקייט. און פונקט ווי ביי אַ לאַנגן גיין מוז ער זיך אַלע ווײַלע אָפּשטעלן, אַלע ווײַלע אָפּרוען, פונקט אַזוי מוז ער אַלע ווײַלע זיין כּעס שטילן, זיין פּעדאַנטעריע מילדערן. אָבער טאַקע צוליב דעם, וואָס ער איז נישט ביכולת מיט איין מאָל דעם קאַמף אויסצושפּילן, טאַקע צוליב דעם, וואָס ער קען נישט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגרייפן די כּסדרדיקע אַטענטאַטן אויף דעם, וואָס ס'איז און מוז פאַרנעמען אַן אָרט, די כּסדרדיקע אַטענטאַטן אויף זיין פאַרשווינדיקער פילוּוערטיקט, מוז ער אָן אויפהער אָנקומען צו אָפּטער פאַרטיידיקונג.

דאָרט, ווו מ'קען זיך נישט באַפרייען פון דער סכּנה מיט אַמאָל, מוז מען עס טאָן ביסלעכווייז, דאָרטן, וו ס'פאַרפעלט דינאַמיט אויף אויפצורייסן דעם שטערנדיקן באַרג, מוז מען זיך באַמיען מיט שוואַכן פּולווער אָפּצורייסן שטיקלעך פון דעם באַרג, צו קרישלען דעם באַרג. און די פּעדאַנטעריע פון אַלטן מאַן איז עס טאַקע דאָס שוואַכע פּולווער פון אומבאַהאָלפענעם, מיט וועלכע ער קרישלט אָפּ נישטיקע זעמדלעך פון מינדערווערטיקייטס־באַרג.

דעם באַרג וועט ער נישט אויפרייסן, פון באַרג וועט ער זיך נישט באַפרייען, אָבער אַן אילוזיע פון אַזאַ באַפרייונג שאַפט ער זיך יאָ.

און אַזוי אַרום איז דער „נוח לכעס" גופא ביי דעם אַלטן מאַן אַ רעזולטאַט פון זיין „נוח לרצות".

די מאָראַל, די געזעצגעבונג נעמט דעם אַלטן אונטער איר שוץ, זי רעכנט זיך מיט די אייגנשאַפטן פון אַלטן מאַן און אין דער ערשטער ריי מיט זיין נאַטירלעכער שטרעבונג צו כּבוד. זי רינגלט אים אַרום מיט אַ צוים פון שטעכיקע דראָט, כּדי דעם פאַקט פון מינדערווערטיקייטס־סכּנה כאָטש אילוזאָריש צו פאַרקלענערן.

אין יעדער געשריבענער און נישט געשריבענער געזעצגעבונג (די אָנגענומענע מאָראַל איז דאָך אויך אַ געזעצגעבונג, ווען זי איז אַפילו נישט קיין געשריבענע) געפינט איר פאַרשיידענע אָנזאָגן וועגן כּבוד פאַר דעם אַלטן מאַן (אַלאַ דעם אַלט-תּנכישן: „לפני שיבה תקום" — פאַר אַן אַלטן מאַן זאָלסטו זיך שטעלן").

אַנדערע וועלן קענען דעם פאַקט גופא, וואָס די געזעצגעבונג

באַציט זיך אַזוי זאָרגפעלטיק צו דעם כבוד פון אַלטן מאַן, דער־קלערן מיט דעם, וואָס זי, די געזעצגעבונג אַליין איז אַ שאַפונג פון אַלטע, אַ זאָרג פון אַלטע פאַר זיך אַליין. (דאָס יונגע איז דאָך, באמת, לויט זיין גאַנצן וועזן קעגן יעדער געזעצגעבונג, און באַקעמפט דאָך מיט אַנטשלאָסנהייט יעדע איינגעשטעלטע נאָרמירונג און יעדע רעגלאַ־מענטאַציע!)

דאָס איז אָבער אַ פראַגע פאַר זיך. פאַר אונז איז אָבער אין דעם פאַל פון דעם אָנגעוויזענעם פאַקט וועגן דער זאָרגפעלטיקער באַ־ציונג מצד דער געזעצגעבונג לטובת דעם כבוד פון אַלטן וויכטיק דאָס, וואָס דורכדעם ווערט ווידער אַמאָל אונטערגעשטראָכן **די מינדער־ווערטיקייט פון אַלטן מאַן**.

די געזעצגעבונג מיט איר זאָרג פאַר דעם אַלטנס פילווערטיקייט פיקסירט, אַזוי צו זאָגן, דוקא דעם אַלטנס מינדערווערטיקייט. זאָרגן קען מען נאָר פאַר אַ שוואַכן.

ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן „כבוד״, דאַן איז דאָס צווייטע וואָרט, וואָס בעט זיך נאָכדעם דאָס וואָרט „אָנדענק״: „כבוד זיין אָנדענק״.

יעדער רוף צו כבוד איז אַן אָנזאָג וועגן נאָענטן קלאַנג פון גרעבער־לאָפּעטע אויפן בית־הקברות. יעדער רוף צו כבוד איז אַ צייכן פון אַוועקגיין, פון פאַרשווינדן, פון פאַקטישער מינדערווערטיקייט.

און דער כבוד־געפיל פון אַלטן מאַן, אַלס אויסדרוק פון עגאָ־צענטרישקייט, פון אייגנזין, פון בולט־געוואָרענער מינדערווערטיקייט איז גלייכצייטיק אַן אויסדרוק פון צוריקקער צום קינד מצד דעם אַלטן.

דאָס קינד האָט דאָך אויך צו פאַרצייכנען ביי זיך אַ שטרעבונג צו כבוד, אַלס אויסדרוק פון דער זעלביקער עגאָצענטרישקייט, פון דעמזעלביקן אייגנזין און מינדערווערטיקייטס־געפיל. דער כבוד־געפיל פאַרנעמט אויך ביים קינד, ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן *), אַ פּלאַץ צווישן זיינע איבעריקע קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס.

---

*) זע אויבן אין קאַפּיטל III די סכעמע פון די קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס ביים קינד.

און הגם דער עצם־פֿאַקט פֿון כּבֿוד־געפֿיל איז אַ געמיינזאַמער סיי פֿאַר דעם קינד, סיי פֿאַר דעם אַלטן מאַן, איז אָבער דער אונטערשייד צווישן זיין קאָנקרעטער אַנטפּלעקונג ביי זיי ביידע אַ גרויסער, אין קוואַנטיטאַטיוון, ווי אין קוואַליטאַטיוון זין.

קוואַנטיטאַטיוו איז דעם קינדס שטרעבונג צו כּבֿוד. אַ סך קלענער, ווי ביי דעם אַלטן מאַן. דאָס קינד איז נישט בלויז אַ שטרעבער צו כּבֿוד, נאָר אויך אַ דערגרייכער פֿון כּבֿוד. ער האַלט אָפּ זיגן און דעראָבערט זיך אַליין אָנערקענונג דורך זיין אוממיטלבאַרער טאַט. דאָס, וואָס ס'איז פֿאַר דעם קינד געווען אוממעגלעך נעכטן, ווערט פֿאַר אים מעגלעך היינט—און ער דאַרף נישט אַזוי אָפּט און אינטענסיוו אָנקומען צו געקינסטלטן כּבֿוד, ווי דער אַלטער.

קוואַליטאַטיוו איז דעם קינדס שטרעבונג אַ זאַך פֿון רייסן זיך צום זיג, צו דעראָבערונג. דאָס קינד בויט נישט נאָר אויף דעם „היינט"—און דער „נעכטן" שפּילט שוין ביי אים גאָר קיין ראָל נישט—נאָר אויף דעם „מאָרגן". אויף זיין קריגספֿאָן איז די אויפֿשריפֿט: „פֿאָרויס" און נישט „צוריק" ווי ביי דעם אַלטן מאַן. דער כּבֿוד-געפֿיל ביים קינד איז בלויז אַ פֿאָריבערגייענדיקער הילפֿס-מיטל אין זיין רייסן זיך פֿאָרויס, בלויז אַן אויפֿמונטערונג פֿאַר ווייטערע זיגן, ביים קינד איז דער כּבֿוד-געפֿיל נאָר אַן אָנהויב, אין דער צייט ווען ביים אַלטן איז דערזעלביקער כּבֿוד-געפֿיל אַ סוף-פּסוק, אַן אונטערגעפֿירטער סך-הכּל.

ווי גרויס אָבער ס'זאָל נישט זיין דער אונטערשייד בנוגע דעם אינערלעכן וועזן פֿון כּבֿוד-געפֿיל ביים קינד און ביים אַלטן, איז אָבער וויכטיק דאָס, וואָס סיי דער עצם פֿאַקט פֿון דעם כּבֿוד־געפֿיל, סיי דער פּסיכאָלאָגישער אונטערבאָדן פֿון דעם פֿאַקט: די מינדערווערטיקייט זיינען דיזעלביקע סיי ביים קינד און סיי ביים דערוואַקסענעם. און דאָס איז אַן איבעריקער באַווייז וועגן דער געמיינזאַמקייט פֿון פּסיכישער איינשטעלונג ביים קינד און דערוואַקסענעם. אַ באַשטעטיקונג צו דעם, אַז דער אַלטער מאַן איז בעצם אַ צוריקגעוואָרענעס קינד.

דער כּבֿוד-געפֿיל פֿון אַלטן מאַן איז, אַזוי אַרום, אַן אויסדרוק פֿון לעבנס־באַפֿעל:

צוריק צום קינד!

אַ צוריקקער צום קינד איז אויך דער דאָמינירנדיקער פּלאַן, וואָס די פאַנטאַזיע פאַרנעמט אין דער פּסיכיק־איינשטעלונג פון דעם אַלטן מאַן.

מיר האָבן שוין אויבן געזען, אַז די שטאַרקייט פון דער פאַנטאַזיע־אַנטוויקלונג געפינט זיך אין אַ גלייך־פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרהעלטניס צו דער שטאַרקייט פון מינדערווערטיקייטס געפיל, אַז די פאַנטאַזיע איז בעצם איינע פון די קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס אין קאַמף מיט דער מינדערווערטיקייט.

און ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס ביי דעם אַלטן מאַן, ביי וועלכן די מינדערווערטיקייט לאָזט זיך פילן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, מוז די פאַנטאַזיע שפּילן אַ גרויסע ראָל אין די הענט פון דער נאַטירלעכער זעלבסטדערהאַלטונג.

און באמת נוצט טאַקע דער אַלטער מאַן זייער שטאַרק אויס דעמדאָזיקן מיטל פון זעלבסדערהאַלטונג, באמת איז די פאַנטאַזיע אין איר היפּערטראָפּירטער מאָס פאַרטראָטן ביי דעם אַלטן מאַן.

יעדער מענטש איז נוטה אין זיינע עלטערע יאָרן אָנצוקומען צו דער הילף פון פאַנטאַזיע, וועלכע קען איינע און אַליין אויסגלייכן די זיגזאַגן, פאַרגלעטן די שאַרפקייטן פון אומאַנגענעמלעכקייט פאַר דעם צעראָפּגעזעצטן פערזענלעכקייטס־געפיל, קען אויספילן בלויז פון דער אומבאַרחמנותדיקער ווירקלעכקייט מיט אירע פיזיש־פּסיכישע אָנגריפן אויף דער מענטשלעכער אַלטקייט.

מ'זאָגט, אַז אַן אַלטער מאַן איז נוטה צו פאַנטאַזיע צוליב אַ ריין פּסיכאָ־פיזישער סיבה: דער אָפּגעשוואַכטער זכרון, די פאַרווישטע גרענעצן צווישן ווירקלעכן און אומווירקלעכן, די פאַרלאָרענע פאַרבינדונג צווישן „וועלן" און „איז", די אָפּגעטעמפּטע פאַרטיילונגס־ליניעס אין דער נערוון־סיסטעם פאַר קאָנסטאַטירן עפּעס און שטרעבן צו עפּעס – שאַפן דעם גינסטיקן באָדן פאַר דער באַוועגלעכקייט פון דער אַלטקייטס־פאַנטאַזיע. ס'איז אָבער פאַר דערדאָזיקער פאַנטאַזיע פאַראַן אויך אַ פּסיכאָ־ביאָלאָגישע סיבה: די נייטיקייט צו קאָמפּענסירן די אַראָפּזעצונג פון פערזענלעכקייטס־געפיל, די נייטיקייט צו פאַרזיסן די ביטערקייט פון ווירקלעכן „באַרג אַראָפּ" מיט דער אילוזיע פון פאַנטאַסטישן „באַרג אַרויף".

אַלע פאָלקסלעגענדן וועגן יענער וועלט, וועגן גן־עדן און שכר

פאַר אַמאָל אָפּגעטאָנענע מעשים טובים האָבן צו פאַרדאַנקען זייער שאַפונג אומבאַדינגט די יעניקע, וועלכע זיינען טאַקע די טרעגער פון אָפּגעטאָנענע מעשים טובים, וועלכע מוזן די אָפּגעטאָנענע מעשים טובים שטעלן אין צענטר דערפאַר, וואָס די מעגלעכקייטן אויף נייע, אויף היינטיקע און מאָרגנדיקע מעשים טובים זיינען ביי זיי שוין אינגאַנצן אָדער כמעט אויסגעשלאָסן.

און פונקט ווי דער תנכישער שאול המלך מוז זיך ערב זיין מפּלה, פילנדיק די אומפאַרמיידלעכקייט פון זיין מפּלה, אַרויסרופן שאָטנס פון אַמאָל, שאָטנס פון שוין נישט עקזיסטירנדיקן שמואל הנביא, אַזוי מוז אויך דער אַלטער מאַן, פילנדיק אויף זיך דעם הויך פון אומפאַרמיידלעכער פאַרשווינדונג און אוממעכטיקייט זיך ווענדן נאָך דער הילף פון יענע ווייטע, נאָר אַ ביסל כאָטש אויפמונטערנדיקע שאָטנס, וועלכע קומען פון דער היפּערטראָפירטער פאַנטאַזיע.

אין פּרט פון געשטייגערטער פאַנטאַזיע, פאַר וועלכער ס׳עקזיס־טירן נישט די אָפּצוימונגען פון „מעגלעך" און „אוממעגלעך", פאַר וועל־כע דער „דאָ" און „דאָרט", דער „איצט" און „פריער" וועבן זיך אויף אין איין קנויל, איז דער אַלטער מאַן פולשטענדיק גלייך צום קינד, אין דעם פּרט איז דער אַלטער מאַן אַליין אַ קינד און די איינהייטלעכקייט צווישן זיי ביידן, צווישן דעם לכתחילהדיקן קינד און דעם געוואָרענעם קינד, איז פשוט אַ רירנדיקע.

און ס׳איז נישט צופעליק, וואָס דער געמיינזאַמער אינטערעס, די גלייכאַרטיקע נייטיקייט צום פאַנטאַסטישן במקום ווירקלעכקייט שאַפט אַזאַ שטאַרקע פריינטשאַפטס־צונויפבינדונג צווישן קינד און אַלטן מאַן.

דאָס קינד האָט אומגעהויער ליב זיין זיידן און באָבע, דאָס קינד בינדט זיך שטאַרק צו צו אַלטע לייט בכלל, ער הערט מיט שפּאַנענדיקן אינטערעס אוי סזייערע מעשיות און מעשהלעך, ער שעפּט פון דעם אויפמונטערנדיקן און אָפּפרישנדיקן פאַנטאַזיע קוואַל, ווייל דערדאָזיקער קוואַל איז אַ געמיינזאַמער פאַר זיי ביידן.

מען מיינט, אַז אַ קינד האָט ליב אַן אַלטן נאָר צוליב אוטילי־טאַריסטישע צוועקן, צוליב דעם, וואָס ער קען זיך באַנוצן מיט דער רייכער דערפאַרונג פון אַלטן. ס׳איז אַ טעות. מער ווי ס׳איז אין דער

ליבע פון קינד צום אַלטן פאַראַן באַוווסטזיניקעס זוכן פון תכלית׳ איז אין איר פאַראַן אומבאַוווסטזיניקעס, אינטואיטיווען זוכן פון אַן „אח לצרה״, פון דעם, וואָס פאַרייניקט זיי ביידן לויט דער ליניע פון „צער און צאָרן״, לויט דער ליניע פון מינדערווערטיקייט און דער איר קאָמפּענסירנדיקער פאַנטאַסטישקייט.

פאַר דעם קינד איז אין אַלטן אַ סך וויכטיקער און נאָנטער דאָס אומווירקלעכע אין אים, ווי דאָס ווירקלעכע, נישט דאָס, וואָס יענער האָט אַמאָל געזען און געהערט, נאָר וואָס ער וויל איצט זען און הערן.

אַ קינד האָט מער ליב זיין זיידן פון זיין פאָטער, מער ליב זיין באָבען פון זיין מוטער, ווייל אין דער געשטאַלט פון פאָטער און מוטער זעט ער דירעקטע קעגנער, אַזעלכע וואָס שטייען בפירוש העכער פון אים און שטרייכן אונטער זיין מינדערווערטיקייט מיט דעם פאַקטישן איבערגעוויכט איבער אים פון זייערע גרעסערע מעגלעכקייטן. אין דעם זיידן און באָבען זעט ער אָבער גלייכע צו זיך, אַזעלכע וואָס שטייען אויף איין הויך מיט אים אין באַצוג צו אומבאַהאָלפנקייט און מאַכטלאָזיקייט.

און דער פאַקט, אַז זיי, די אַלטע לייט, זיינען נישט סתם גלייך צו אים, נאָר זיינען דווקא געוואָרן גלייך צו אים, דער פאַקט, וואָס דידאָזיקע מאַכטלאָזע האָבן דאָך אַליין אַמאָל באַזיצט מאַכט און זיינען עס איצט ערשט געוואָרן „נחות דרגא׳ס״ גיט אפשר אויך צו נישט ווייניק צוציונגס־קראַפט די אַלטע אין די אויגן פון קינד.

די אַלטע זיינען גלייך צום קינד אויך מיט דעם כאַראַקטער פון זייער ליבע.

פונקט ווי ביים קינד, איז אויך ביי די אַלטע די ליבע אַן אוטיליטאַריסטישע, אַן אויסדרוק פון זוכן נוצן. דער אַלטער, ווי דאָס קינד, נייטיקט זיך אין שטיצע, נייטיקט זיך אין זיכערקייט, און דער יעניקער, וואָס גיט זיי דידאָזיקע שטיצע און זיכערקייט איז באַשאָנקען פון זיי מיט דער אַזוי גערופענער ליבע. מ׳זאָגט, אַז פלאַטאָנישע ליבע, ליבע לשמה, איז פאַראַן נאָר ביי אַלטע לייט. ס׳איז אָבער אַ טעות. אויב די אַלטע לייט זיינען עס די איינציקע, וועמען מ׳קען צושרייבן די פלאַטאָנישע ליבע, דאַן איז די לעצטע בכלל אַ צוגע־

טראַכטע זאַך, דאַן איז זי בכלל נישט פאַראַן.

דער אַלטער פאַרמאָגט אמת נישט איינע פון יענע אייגנשאַפטן, וועלכע רויבן געוויינלעך אָפּ ביי דער ליבע איר פלאַטאָנישקייט, דער אַלטער פאַרמאָגט נישט קיין ליידנשאַפט. דערפאַר אָבער פאַרמאָגט ער אַ צווייטע אייגנשאַפט, וואָס רויבט אָפּ ביי דער ליבע, נישט אין קיין קלענערער מאָס, איר פלאַטאָנישקייט און דאָס איז—דאָס בפירושע זוכן פון נוצן, פון תכלית, פון קאַלטן, אויסגערעכנטן תכלית אין דער ליבע.

פאַרוואָס האָט אַן אַלטער מאַן ליב זיינע קינדער? אויב ער איז פרום, וועט ער אייך נישט איינמאָל דערמאָנען, אַז זיינע קינדער וועלן נאָך אים „קדיש" זאָגן, זיי וועלן אים פאַרלייכטערן זיין יענ־זייטיקן לעבן. אויב ער איז נישט פרום—און דאָס רוב אַלטע לייט, ווידער אַמאָל ווי קינדער, זיינען פרום!—וועט ער דעמזעלביקן געדאַנק פאָרמולירן אַנדערש, דער מאָטיוו פון דער ליבע וועט אָבער פאַר־בלייבן שטענדיק אַ תכלית־מאָטיוו.

די קינדער זיינען עס די יעניקע, פון וועלכע ער קען פאָדערן אַכטונג צו זיך, דאַנקבאַרקייט פאַר זיין נעכטן, די קינדער זיינען עס די יעניקע, ביי וועמען ער קען געפינען שוץ און זיכע־ונג אין זיין אומבאַהאָלפנקייט.

דער שוואַכער האָט שטענדיק ליב צו האָבן אַרום זיך אַזעלכע, פון וועמען ס'קומט אים אַ חוב אין וועמענס אָנוועזנהייט ער פילט זיך אַ ביסל שטאַרקער, אילוזאָריש שטאַרקער, די קינדער זיינען פאַר דעם אַלטן מאַן די יעניקע, וועלכע טראָגן אויף זיך פאַר אים שטענדיק אַן אומאויסצאָל־באַרן חוב. ווער וועט עס קענען דעם אַלטן פאָטער פאַרבייטן זיין פאַרדינסט, וואָס ער האָט זיינע קינדער אויסגעהאָדעוועט און פאַר מענטשן געמאַכט, וואָס קען זיך נאָך אַזוי פאַרגלייכן מיט דער פאַ־טעטישער אויסגעשריי־פּרעטענזיע:

„בנים גדלתי ורוממתי"—איך האָב קינדער אויפגעהאָדעוועט און דערוואַקסן!?

דער אַלטער האָט בטבע ליב זיינע קינדער פונקט אַזוי ווי דאָס קינד זיין שפּיל־צייג. אין ביידנס ליבע איז פאַראַן דער זעלביקער מאָטיוו: די מאָס פון אָנגענעמלעכקייט, פון נוץ, וואָס די ליבע־אָביעקטן פאַרשאַפן די ליבהאָבנדיקע.

אידענטיש זיינען דער אַלטער מאַן מיטן קינד אויך לויט דעם כאַראַקטער פון זייערע אַסאָציאַציעס: ביי דעם אַלטן מאַן, ווי ביי דעם קינד, ווירקן די אַזוי גערופענע באַוועגלעכע אַסאָציאַציעס. אויף די סיבות פון דער אַסאָציאַציעס־סאַוועגלעכקייט ביים קינד האָב איך שוין אויבן זיך אויספירלעכער אָפּגעשטעלט. ביי דעם אַלטן מאַן אָבער איז צו טרעפן די זעלביקע דערשיינונג, נאָר צוליב גאַר אַנדערע סיבות.

דאָס קינד קען זיך נישט קאָנצענטרירן אויף איין באַשטימטן אָביעקט דערפאַר, וואָס אַלעס אַרום איז פאַר אים נאָך ניי.

דער אַלטער מאַן, פאַרקערט, קען זיך נישט קאָנצענטרירן אויף איין באַשטימטן אָביעקט דערפאַר, וואָס אַלעס אַרום איז פאַר אים שוין נישט ניי. דאָס קינד קען זיך נישט קאָנצענטרירן דערפאַר, וואָס ער דאַרף זיך נאָך צום לעבן מיט זיינע אומצייליקע אָביעקטן באַהעפטן, ווייל ער גלויבט נאָך צו געפינען און צו אַנטדעקן קוואַלן פון לוסט פאַר זיך, דער אַלטער מאַן קען זיך, פאַרקערט, נישט קאָנצענטרירן דערפאַר, וואָס ער דאַרף שוין נישט באַהעפטן זיך צום לעבן, ווייל ער האָט שוין אין משך פון זיין אָפּגעלעבטן לעבן פאַרלאָרן די עצם אמונה אין דער מעגלעכקייט צו געפינען לוסט־קוואַלן פאַר זיך. פאַר דעם קינד איז דאָס גאַנצע לעבן נאָך אַ באַצויבערנדיקע סימפאָניע און יעדער איינצעלער אָביעקט פון דער אומגעבונג איז פאַר אים אַ נייער אַקאָרד, אַ נייער שיר. און ס'איז פאַרשטענדלעך, וואָס ער זוכט צווישן דידאָזיקע אַלע אומצייליקע איינצעלע שירים דעם שטאַרקסטן, דעם גרעסטן, דעם „שיר השירים”. און פון דעם נעמט זיך זיין באַוועגלעכקייט, זיין ערפינדערישע רייִרעוודיקייט.

פאַר דעם אַלטן מאַן אָבער איז דאָס גאַנצע לעבן שוין אַן אָפּגעזונגענע ליד. יעדער איינצעלער אָביעקט אין דער אומגעבונג איז פאַר אים שוין אַ סך מאָל געהערטע און צומאָל שוין צוגעגעסענע ליד. זיין איבערוואַרפן זיך פון איין געגנשטאַנד צום צווייטן נעמט זיך גיכער פון אַנטוישונג אין די, פון וועלכע ער וואַרפט זיך אָפּ, ווי פון גלויבן אין די, צו וועלכע ער וואַרפט זיך צו.

אָבער ווי פאַרשיידן ס'זאָלן נישט זיין די סיבות פון דער דערשיינונג, ווי קעגנזעצלעך ס'זאָלן נישט זיין די באַוועג־קרעפטן, וועל־

כע ברייניגען די דערשיינונג צו איר אויסדרוק, איז זי, די דערשיינונג גופא, די זעלביקע סיי ביים קינד און סיי ביים אַלטן מאַן: ביי זייביידן ווירקן די באַוועגלעכע אַסאָציאַציעס.

און דערדאָזיקער פאַקט באַשטעטיקט ווידער אַמאָל די גאַנצקייט, די אידענטישקייט צווישן קינד און דערוואַקסענעם.

מ׳וואָלט געקענט ברייניגען נאָך אַ לאַנגע ריי פון פּסיכאָ-פיזישע אינדיטיטעטן בייביידע טרעגער פון קינדהייט: ביים אייגנטלעכן קינד און ביים קינדיש־געוואָרענעם אַלטן.

אָבער שוין די געבראַכטע ביישפּילן קענען, דוכט זיך, דעם פאַקט אין דער נייטיקער מאָס אילוסטרירן און באַשטעטיקן.

ס׳איז נאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם צוריקקער צום קינד אין מענטשלעכן לעבן די פאַרהעלעכונג פון דער קינדהייט, מיט וועלכער ס׳צייכנט זיך אויס די מענטשלעכע געמיינשאַפט (=די געמיינשאַפט פון דערוואַקסענע), אומעטום און שטענדיק, אין אַלע ערטער און אַלע צייטן.

די פאַרהערלעכונג פון דער קינדהייט און פון קינד, וואָס פאַר־נעמט אַ דאָמינירנדיקן פּלאַץ אין דער ליטעראַטור, קונסט און מענטש־לעכן דענקען, איז אַליין — פּסיכאָלאָגיש גענומען — אַ רעזולטאַט פון אַ צוריקקער צום קינד.

יעדע בענקשאַפט צו עפּעס איז דאָך אַן אויסדרוק פון אַ צו־ריקקער צו יענעם עפּעס, וועלכער רופט אַרויס און שאַפט די בענק־שאַפט.

אמת, צזאַ צוריקקער, וועלכער דריקט זיך אויס אין בענקשאַפט איז אַ טראַגישער צוריקקער, ווייל ער איז נישט קיין רעאַליזיר־באַרער. בענקשאַפט באַדייט בלויז ווע לן, אָבער נישט קענען זיך צוריקקערן.

און די מענטשהייט, די דערוואַקסענע מענטשהייט, צייכנט זיך טאַקע שטענדיק און אומעטום אויס מיט איר שטאַרקער בענקשאַפט נאָך דער קינדהייט. און דידאָזיקע בענקשאַפט האָט אויך, ווי יעדע אַנדערע בענקשאַפט, דעם טראַגיזם פון נישט רעאַליזירבאַרן, פון ווע לן און נישט קענען.

אָבער אויב די מענטשלעכע בענקשאַפט נאָך דער קינדהייט קען

נישט באַדייטן קיין פּאַקטישן, קיין פיזישן צוריקקער צום קינד, איז זי אָבער דערפאַר אַן אינערלעכער, אַ פסיכישער צוריקקער. און דוקא דאָס איז פאַר אונז וויכטיק אין אונזער אָפּהאַנדלונג. אין דער זעל־ביקער מאָס, ווי מיר הערן אָפט ביים קינד דעם פּאַטעטישן אויסגעשריי: „אָ, ווען איך בין אַ דערוואַקסענער!" קומט אונז אויס צו הערן נישט ווייניקער פּאַטעטישע אויסגעשרייען אויך ביי די דער־וואַקסענע, ביי די אַלט געוואָרענע דערוואַקסענע: „אָ, ווען איך בין אַ קינד!"

און ביידע אויסגעשרייען איז באַשערט צו פאַרווירקלעכט ווערן: דאָס קינד ווערט אַ דערוואַקסענער, און דער דערוואַקסענער אין זיין ריי ווערט צוריק אַ קינד.

ס'איז שוין אַזוי דער באַפעל פון מענטשלעכן גורל: דער מענטשלעכער וועזן מוז זיך אומקערן צו דעם, פון וואַנען ער איז געקומען, די עקסטרעמען, דער אָנהויב מיטן סוף פון מענטשלעכן לעבן פאַלן זיך צונויף.

אַ דערוואַקסענער (אין זיין אַלט ווערן) דאַרף אין פסיכאָלאָגישן לעקסיקאָן באַקומען אַזאַ פאַרטייטשונג:

דער, וואָס איז געווען אַ קינד און וואָס איז געוואָרן אַ קינד!

ביבליאָגראַפישע רשימה

(לויטן סדר פון א״ב)

פון די ביכער און ווערק, וואָס זיינען ציטירט ־ אָדער דערמאָנט אין בוך.

№	מחבר	נאָמען פון ווערק		אויף וועלכע זייטן פון בוך איז דאָס ווערק ציטירט.
1	אדלער א. דר׳	Über den nervösen Charakter	פאַרל. בערגמאַן מינכען 1922	97; 105; 110; 134; 160; 201.
2	„ „	Der Agresionstriebe im Leben and in der Neurose. אין ״Heilen u. Bilden„	„	110.
3	אַלטערס ר.	Psychologie des Geschlechslebens	מינכען 1922	40
4	אַמענט וו.	Die Entwicklung von Sprachen u. Denken beim Kinde	1890	195
5	אנשיטץ ג. דר.	Über die Erforschung der Denkvorgänge		50
6	אַפּפּלבאַך	Der Aufbau des Charakters	פאַרל. ברומילער	201
7	באַלדווין	Die Entwicklung des Geistes beim Kinde u. bei d. Rasse		108
8	בוימאַן	Willensbildung	בערלין 1911	208
9	בודדע	Schülerselbstmorde	1908	142

10	בײער	Der Selbstmord in Kindersalter		142
11	בילער שאַרלאָטע	Das Leben des Jugendlichen	ג. פישער יענא, 1923	40
12	בילער קאַרל	Die geistige Entwicklung des Kindes		47; 177; 196
13	בירנבוים	Über psychopashalogische Persönlichkeiten		201; 203
14	בערנער ווילהעלם	Charakterbildung der Kinder	פערל, בעק מינכען 1914	33; 135
15	גאָלדשטײן קאַרל	Halluzination, ihre Enstehung, ihre Ursachen u. ihre Realität		98
16	גאַנגהאָפער	Der Lebenslauf eines Optimisten		201
17	גולענבורג	Sehülerselbstmorde	1909	142
18	גורליט	Schülerselbstmorde	1908	142
19	גערהאַרדט	Über die Schülerselbstmorde	1909	142
20	גראָס	Der Lebenswert des Spiels	1910	192
21	הילדנבראַנד	Das Spielzeug im Leben des Kindes	1904	192
22	זײדעל ראָבערט	Цели воситания („Интернациональные проблемы социального воситанія	„נאַרקאָמפּראָס," מאָסקווע, 1909	19
23	זיגערט	Kinderselbstmorde	1883	142
24	װאָלקערט	Selbstbeobachtung u. psychologische Analyse. (Zeitschrift f. Philosophie und Philisophische Kritik, Bd. 90)		46
25	װונדט װ.	Grünzüge der physiolog. Psychologie I (4 vorselungen über d. Menschen u. Tiere)		44
26		Selbstbeobachtung und innere Vahrnehmung		46

53 ,52	1908	Psychologische Studien (Arch. d. ges. Psychologie)		27
;109 ;73 ;65 .133 ;110	פערל. לאנגגעשייד 1913	Das Kind, sein Wessen und seine Entwicklung	וואלפען עריק	28
192	1911	Sprechenentwicklung u. Sprachstörungen beim Kinde	ווילינער ע.	29
201		Geschlecht u. Charakter	ווייניגגער	30
43	ברומילער, 1922	Lehrbuch der Psychologie	יערוזאלעם וו. דר.	31
183 ;179	פערל, אמבראָזיוס בארטו, לייפציג, 1923	Über den Aufban der Wahrnehmungswelt	יענשען־רייך	32
110	1904	Nowa Antologja	לאָמבראָזאָ פאולא	33
180	1851	Tagebuch einer Landreise in Australien	לייכהארדט	34
	1911	Agrammatismus infantilis (Arch. f. Psychologie)	ליבמאַן א.	35
200 ;195 109		Zur Psychologie der Kinderscher Schuchternheit	מאָזעס דר.	36
40	בערלין, 1907	Sexualbiologie	מילער ראָבערט	37
195	לייפציג 1908	Die Entwicklung der ersten Wortbedeutungen beim Kinde	נוימאַן ע.	38
44	פרייבורג, 1888	Einteitung in die Psychologie nach kritischer Methode	נאַטאָרפ	39
142	1910	Der Selcstmord in Kindlichen und Jugenlichen Alter	נעטער דר.	40
9		Psychische Verursachung seelischen störungen u. die psycische Bedeutungen Seelenvorgänge	סטראַנסקי ערווין	41
	1900	Eigenartige Sprachliche Entwieklung eines Kin-	סטומפף	42

195		des (Zeitschr. f. päd. Psychologie)		
40	1836	Kind und Welt	סיגיזמונד	43
125	1909 ,לייפציג	Untersuchunger über die Kindheit	סיוללי	44
126		Handbuch der Psychologie	״	45
200 ;78 ;28	1911	Das Seelenleben unserer Kinder im Vorschulpflichtigem Alter	סעלמאַן א. דר.	46
178 ;131		Erinnerung. Aussäge u. Lüge in d. ersten Kindheit	סטערן וו. און קל.	47
195	1917 ,לייפציג	Die Kindersprache	״ ״	48
47 ;44	1897	Selbstbeobachtund u. Experiment in d. Psychologie	עלסנהויז ט. דר.	49
142		Schülerselstmorde („Zeitsehr. f. päd. Psychologie“)	עלנבורג אַלבערט	50
98	1920	Natur der Zwangsvorstellungen und ihre Beziehungen zym Willensproblem	פרידמאַן מ. דר.	51
98	1911	Die Psychologie der Eifersucht	״ ״	52
125 ;14	פער. בעק, מינכען	Paideumo. Umrisse einer Kultur-und Seelelehre	פרָזבעניוס לעאָ	53
54	„אַרגאַנאַוטי,״ בערלין	Человеческий интелект	פיאָט־אָווסקי דר.	54
61; 97; 136	פערל. בירכנער, לייפציג 1919	Die Liebe des Kindes und ihre Fehlentwicklungen	פפיסטער אָ. דר.	55
77		Die Seele des Kindes	פרייער	56
98	1912	Das Problem des Schlafes	פראַמער ע. דר.	57
192		Der bleibende Wert des Spiels	צאַר	58
65	1898 ,בערלין	Ideenassoziationen des Kindes	ציהען	59
45		Metaphysik	קאַנט	60

61	קאַמפּאַריי	Entwicklung der Kindheit		126
62	קלאַגעס	Prinzipien der Charakterologie	פּערל. באַרט	201
63	קלופּע א.	Der gegenständige Stand d. experimentellen Asthesik	1907	53
64	קרעטשמער	Körperbau und Charakter.	פּערל, שפּרינגער	201
65	ריבאָ	Psychologie der Gefühle	באַנדע	201
66	שובערט א. מ.	Опред. умств. отсталости детей („Дефективн. дети и школа")	מאָסקווע, 1912	59
67	שופּין	Bubis Tagebuch		196

אינהאַלטס־פֿאַרצייכניש.

ערשטער קאַפּיטל: אַריינפֿיר. זז. 3—48

1) פֿאַרשיידענע אַרטן פּאַראַלעלן, ז. 4. 2) קינד און דערוואַקסענער אַלס אַבסאָלוטע אַנטיטעזן, ז. 5. 3) די סיבה פֿון דער פֿאַראַלגעמיינערנדיקער באַציונג צו קינד און דערוואַקסענעם, ז. 6. 4) דערציונגס־סיסטעמען אַלס אַרכיטעקטאָרישעס גאַנצעס, גלייכע און אומגעקערטע פּיראַמידע, ז. 10. 5) פֿאַרהעלטניס פֿון קינד צום דערוואַקסענעם לויט דערפֿאַרונג, ז. 14. 6) געמיט און באַוווסטזיין ביים קינד און דערוואַקסענעם, ז. 17. 7) צום מהות פֿון דער דערציונג: צו דערהויבט די דערציונג אָדער דערנידעריקט, ז. 21. 8) פֿאַרשיידענע פֿאָרמולירונגען פֿון דערציונגס־ציל און דאָס אַלגעמיינע אין זיי: באַגרענצונג אין פֿרייהייט, ז. 27. 9) קינדהייט אַלס גן־עדן פֿון אַבסאָלוטער פֿרייהייט, ז. 28. 10) סקאַלע פֿון קינדהייט דויער, ז. 32. 11) וועגן אורבוי פֿון קינדס נשמה: נאַטיוויזם און עמפּיריזם, ז. 35. 12) די ביאָגענעטישע טעאָריע אין קינדס אַנטוויקלונג, ז. 38. 13) פּובערטעטס־עלטער, קלאַסיפֿיקאַציע פֿון קינדער־עלטער, ז. 41. 14) פֿאַרוואָס איז אַזוי שווער אויסצוגעפֿינען און גענוי צו באַשטימען דאָס קינדישע אין קינד? באַאָבאַכטונג און זעלבסטבאָאָבאַכטונג, ז. 48.

צווייטער קאַפּיטל: די ערשטע באַגעגניש מיט דעם דערוואַקסענעם (דאָס קינד און זיין אייגנאַרטיקייט) זז. 49—87

1) נאָך וועגן זעלבסטבאָאָבאַכטונג בכלל און וועגן דער קינדערשער זעלבסטבאָאָבאַכטונג בפֿרט, ז. 55. 2) דערפֿאַרונגסלאָזיקייט און אירע אויסדרוקסמיטלען אין פֿריקינדערשן עלטער: שעמעוודיקייט, מורא א. אַ. ז. 65. 3) אייגנאַרטיקייט פֿון קינדערשע פֿאָרשטעלונגען און אַסאָציאַציעס, די אַנטיסאָציאַלהייט פֿון קינד, ז. 78. 4) די ערשטע אַנטדעקונג פֿון זיך אַליין ביים קינד. „איך־געפֿיל" און „איך־באַוווסטזיין". קעגנזייטיקע באַציונג צווישן ערשטן קינדערשן „איך" אַלס לעקסישע דעראָבערונג און אַלס פּראָדוקט פֿון זעלבסטבאַוווסטזיין, שפּיגל־בילד און איר באַדייטונג פֿאַר דער קינדערשער זעלבסטבאַשטימונג, ז. 87.

דריטער קאַפּיטל: אין די צוואַנגען פון מינדערווערטיקייט. זז. 48־91

1) די קינדערשע אַנטוויקלונג אַלס קייט פון קינדערשע אומייאַנדלונגען, ז. 91. 2) טראַגיזם פון נישט גלייכן קאַמף צווישן קינד און דערוואַקסענעם, ז. 93. 3) מינדערווערטיקייט אַלס הויפּט־סיבה פון קאַמף צווישן קינד און דערוואַקסענעם, פּסיכישע מינדערווערטיקייט אַלס מוז־זאַך ביי נאָרמאַלע, ווי ביי אומנאָרמאַלע, אַלס טרייב־קראַפט פון דעם אַלגעמיין מענטשלעכן פאָרשריט און פאַרפולקאָמונג, ז. 97. 4) דיספּאָנירונג פון מינדערווערטיקייט ביים קינד לויט דער פּסיכאָאַנאַליטישער פּסיכאָלאָגיע, צוזאַמענהאַנג צווישן אָרגאַנישער און פּסיכישער מינדערווערטיקייט, די פריקינדערשע נעאוראַזיטעט אַלס רעזולטאַט פון אומבאַהאָלפנקייט און זעלבסטדערהאַלטונג, ז. 101. 5) די קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע און איר ראָל אין קאַמף פון קינד מיט מינדערווערטיקייט, קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס אין לעבן פון דערוואַקסענעם, ז. 105. 6) שרעק און אומצוטרוי אין פריקינדערשן עלטער, וויסנזוכט און אַגרעסיוויקייט פון קינד, אַלס רעזולטאַט פון אומצוטרוי, שאָדן־פרייד ביים קינד, ז. 113. 7) אַלגעמיינע סכעמע פון קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס ביים קינד, ז. 117. 8) קנאה און גייציקייט, מאַכטטריב, ז. 124. 9) קינדערשע גרויזאַמקייט, ז. 129. 10) קינדערשע שנאה, פאַרדריינגטע און אָפענע שנאה, ליגן־זאָגן ביי קינדער, ליגן־זאָגן אַלס קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציע בכלל, ז. 138 11) קינדערשע נקמה, נקמה און מיטלייד קעגן זיך און אַנדערע, נקמה און סליחה, ז. 139 12) זעלבסטמאָרד־געדאַנקען און זעלבסטמאָרדן ביי קינדער, זעלבסטמאָרדן בכלל, ז. 144. 13) אַלגעמיינע אויספירן, ז. 148.

פערטער קאַפּיטל: די קאַפּיטולאַציע פון קינד פאַר דעם דערוואַקסענעם. 215—149.

1) דויערהאַפטיקייט פון קאַמף צווישן קינד און דערוואַקסענעם. זעלבסטפאַרטיידיקונג און זעלבסטפאַרטיליקונג פון קינד. ז. 152 2) די אויפגאַבע פון דערציער אין דעמדאָזיקן קאַמף. וואָס איז טייטש: אינדיווידואַליזאַציע פון דערציונג? ז. 156 3) אויפן שייד־וועג צווישן פּערזענלעכקייטס־געפיל און פּערזענלעכקייטס־אָראָפּזעצונג. סיבה פון קינדס מאַרטירערטום. קינדהייט און קולטור, ז. 160 4) בהדרגהדיקע קאַפּיטולאַציע פון קינדערשן „אונטן" קעגן דערוואַקסענעמס „אויבן". סכעמע, ז. 164 5) מאַכט טריב פון קינד אַלס אויסוועג פון פּערזענלעכקייטס־געפיל, ז. 166. 6. די נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם אַלס אויסדרוק פון קינדס קאַפּיטולאַציע:

א) פאַרטיילונג פון דער נאָכמאַכונג לויט אירע באַשטאַנד־טיילן. אונטערשייד צווישן געוויינלעכער נאָכמאַכונג און קינדערשער נאָכמאַכונג. 175

ב) פאַרגלייכס־סכעמע פון דער געוויינלעכער און קינדערשער נאָכמאַכונג. 176

ג) דעם קינדס אויפפאַסונג. רוים־דימיסיאָן ביים קינד. באַזונדערע סטאַדיען אין דער אומגעבונג־אויפפאַסונג פון קינד. סכעמע. 190

ד) נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם אין דער קינדער־שפיל און אין דעם קינדס פאַנטאַזיע. 195

ה) די נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם אין דער שפּראַך־אַנטוויקלונג ביים קינד. 201

ו) נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם אין דער כאַראַקטער־בילדונג פון קינד. 208

ז) נאָכמאַכונג דעם דערוואַקסענעם אין דער ווילן־אַנטוויקלונג ביים קינד. 211

7) רעזיומע און אויספירן. 215

פינפטער קאַפּיטל: צוריק צום קינד! זז. 215–236

1.) דריי פעריאָדן אין מענטשלעכן לעבן. דער צווייזייטיקער לייטער פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. דאָס צונויפפאַלן פון אָנהויב און סוף. ז. 222

2.) פסיכאָ־פיזישע אידענטיטעטן ביים קינד און אַלטן מאַן: עגאָצענטרישקייט און אייגנזין, כבוד־געפיל, אַראָפגעזעצטער פערזענלעכקייטס־געפיל און מינדערווערטיקייט, אַרטיליטאַריסטישע ליבע, געשטייגערטע פאַנטאַזיע, באַוועגלעכע אַסאָציאַציעס. ז. 234

3.) וואָס קומט אונז צו לערנען צו בענקשאַפט נאָך דער קינדהייט? אויספירן. ז. 236

ביכער אויף דעם קינדערפּסיכאָלאָגיע־געביט פון דעמזעלביקן מחבר:

1. דעפעקטיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור. פאַרל. פון ווילנער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין, 1922.

2. פון כעזיליס טאָגבוך (באַאָבאַכטונגען איבער דער אַנטוויקלונג פון אַ קינד ביז זיין פיריאָריקן עלטער), פאַרל. „קינד", וואַרשע, 1923.

אינגיכן ערשיינט:

מידות און נייגונגען ביי קינדער (קינדערפּסיכאָלאָגיע־שטודיע מיט אַ ספּעציעל אָנגעשריבענעם פאָרוואָרט פון פּראָפ. דר. פּעטער פּעטערסען), 12 דרוק בויגן מיט צייכנונגען און טאַבעלן. פאַרל. ח. בזשאָזא, וואַרשע.

ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצקין

וואַרשע, לעשנאָ 36, וו. 22, טעל. 210-71, פּאָסט-טשעק-קאָנטאָ 93-58.

פּ. קאָגאַן
געשיכטע פון די מערב-אייראָפּעישע ליטעראַטורן

יידיש פּ. הײלפּערין

מיט פּאָרטרעטן אויף באַזונדערע בלעטער

קורצער אינהאַלט פון ערשטן באַנד.

I. די מיטלאַלטערישע ליטעראַטור. דער צושטאַנד פון אייראָפּע, איטאַליע און פלאָרענץ אין דאַנטעס צייטן.—דאַנטע — די „געטלעכע קאָמעדיע".—דער בוי און אַלעגאָרישער זינען פון דער פּאָעמע. — די שייכות צווישן דאַנטען מיט דער רענעסאַנס עפּאָכע.

II. די מיטלאַלטער און דער רענעסאַנס.—וויסנשאַפט, קונסט, פּעדאַגאָגישע, מאָראַלישע און פּאָליטישע אַנשויאונגען אין דער עפּאָכע. — איטאַליענישער רענעסאַנס.—דייטשער הומאַניזם.—ענגלישער הומאַניזם.—פראַנצויזישער הומאַניזם.—סערוואַנטעס.—„דאָן קיכאָט".—די אַלמענטשליכע באַדייטונג פון ראָמאַן. ויליאַם שעקספּיר.—דער טעאַטער אין שעקספּירס צייטן.—שעקספּירס קאָמעדיעס, דראַמעס און טראַגעדיעס.

III. דער XVII י. ה. — ענגלאַנד. — מילטאָן.—דער „פאַרלוירענער גן-עדן".—מאָליער און זיינע קאָמעדיעס.—ראַסין. — קאָרנעל.—די פאַרבינדונג צווישן דער פּסעידאָקלאַסישער פּאָעזיע מיט דער ליטעראַטור פון XVIII י. ה.

IV. די אויפקלערונג־ריקע און די סענטימענטאַלע ריכטונג וואָלטער. — רוסאָ. — די פּסײדאָקלאַסישע ריכטונג אין ענגלאַנד.—ריטשאַרדסאָן.—באָמאַרשע.

V. די דייטשע ליטעראַטור אין XVIII יאָרהונדערט. — לעסינג. געטע. שילער

VI. דער ראָמאַנטיזם און די פּאָעזיע פון „וועלט-שמערץ". — נאָוואַליס.—בייראָן, זיין פּערזענלעכקייט און זיין שאַפן.

פרייז 9 גילדן.

דאָס איז אַ בוך, וואָס איז שוין לאַנג נויטיק דעם יידישן לעזער. אַ בוך, וואָס פירט אַריין דעם יידישן לעזער אין קרייז פון אַלמענטשלעכן שאַפן.

פאָדערט אויספירלעכע קאַטאַלאָגן

אדרעס: Warszawa, Leszno 36/22 Wyd. B. Kleckina

ווילנער פאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין

וואַרשע, לעשנאָ 36, וו. 22

ד"ר פּ. ראָזענטאַל (פּ. אַנ-מאַן)

דער קאַמף פאַר וועלט־הערשאַפט און וועלט־וועגן

אין 25 קאַפּיטלען — יידיש א. פרידקין.

א י נ ה אַ ל ט:

די אַרענע פון מיטללענדישן פעריאָד. — די געאָגראַפישע פאָרשטעלונג פון אַלטערטום און מיטלאַלטער. — די קאָלאָניעס. פון די פיניקיער און גריכן. — די רוימישע מלוכה און די רוימישע קאָלאָניעס. — דער קאַמף פון רוים מיט די קאַרטאַגענער. — די אַראַבישע הערשאַפט. — די נאָרמאַנער און זייערע קאָלאָניעס. — די איטאַליענישע האַנדלס־רעפּובליקן. ביזאַנטיע. — די אָפּצווייגונג פון די האַנדלס־וועגן אויף צפון. — דער קאַמף פאַר דעם מזרח־אייראָפּעאישן פּליין: רוסלאַנד, פּוילן, ליטע. — די הערשאַפט פון די מאָנגאָלן. — די נייע תקופה. — די אַנטדעקונגען און ערא־בערונגען פון די שפּאַניער. — ענגלאַנד קעגן שפּאַניע. — דער אָנהייב פון די ענגלישע קאָלאָניעס. — די הונדערט־יאָריקע מלחמה צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך. — דער סוף פון אָקעאַנישן פעריאָד. — דער פּאַנאָקעאַניער פעריאָד.

288 גרויסע זייטן — פרייז 4.50 גילדן

א. ווייטער — כּ ת ב י ם.

ערשטער באַנד: א. ווייטער — זיין לעבן און זיין ווירקן פון א. י. גאָלדשמידט. 1 בעלעטריסטיק. 2 דראַמע. 3 לידער; עסיי; פּובליציסטישע אַרטיקלען. IV פון ווייטערס איבערגעבליבענע כּתבים. קורצע רשימה פון א. ווייטערס ווערק.

324 זייטן — פרייז 4 50 גילדן

צווייטער באַנד: דראַמען — פאַרטאָג; אין פייער; דער שטומער. — פרייז 3.30 גילדן

פאָדערט קאַטאַלאָגן, פּראָספּעקטן!

ביבליאָטעקן, בוכהענדלער, קלובן, פאַראיינען — ראַבאַט.

אַדרעס: Warszawa, Leszno 36/22. Wyd. B. Kleckina